STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06319

INEYNEM UN BAZUNDER

Ezekiel A. M. Brownstone

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחזקאל בראָנשטיין

אינאײנעם און באַזונדער

יחזקאל בראָנשטיין

אינאײנעם און באַזונדער

עסייען

פארלאג
י. ל. פּרץ
ביבליאטעק
תל-אביב ישראל

1960

יחזקאל בראָנשטיין
אינאײנעם און באַזונדער
E. BROWNSTONE
INAYNEM UN BAZUNDER

פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
תל־אביב, רחוב אלנבי 31

Published by I. L. Peretz Library
31, Allenby Str. Tel-Aviv, Israel

©

נדפס בישראל, תש״ך
Printed in Israel, 1960

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4

געווידמעט דעם אָנדענק
פון מיין אומפאַרגעסלעכן חבר
נ ח פ י נ ק ע ל ש ט י י ן

י ח ז ק א ל ב ר אָ נ ש ט י י ן
איינאיינעם און באַזונדער

אינהאַלט

דאָס ערשטע וואָרט (ליד) 9
וויין פון ליד (ליד) 10
וואָרט 11

א
אין שפּאַן פון ליד

דער מיטזינקער אין אַפּגרונטיקע טיפן — ה. לייוויק: לידער צום אייביקן . 15
אין שפּאַן פון ליד — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי: ליד צו ליד 24
יידישע לאַנדשאַפט אין ליד — מאיר שטיקער: יידישע לאַנדשאַפט . . . 40
אונטער דעם צייכן פון מיסטישע אנשויאונגען — א. אלמי: לעצטע געזאַנגען 48
ליד פון גלויבן און בטחון — אהרן ניסענזאָן: אין צדיקס טריט . . . 54
ישראל שטערן און זיין בוך: לידער און עסייען 58
דער איבערגעריסענער פּאָדעם — לייזער וואָלף: לידער 63
געוויין אין ליד — אברהם זאַק: פון אַלע נע־ונדן 69
תפילה און ליד — ש. סימכאָוויטש: אין שעה פון תפילה 76
דיכטערישע המצאות — אלף כץ: חלום עליכם 83
צווישן חלום און וואָר — וואָלף יוניו: דרייצנטער שבט 88
דערגרייכונג אָן פּרעטענזיעס — פּעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ: רגעס פון געגאָד . 94
לידער פון אַלעמענס וועלט — עליע ווערבלון: אַלעמענס וועלט... . . . 105

ב
אין דעם לאַנד פון די אבות

מתן גבורה — אברהם סוצקעווער: אין מידבר סיני 117
מאַגיע פון געזאַנג — אריה שמרי: אַ שטערן אין פעלד 126
חלומות פאַרוואַנדלט אין לידער — י. מאַניק: טריט אין באַגינען . . . 138
אַ פּאָעט אין ישראל — קעהאָס קליגער: פייסאַזשן פון ישראל . . . 146

ג
צווישן יאָ און ניין

דעם שרייבערס באַרוף (ליד) 153
צווישן יאָ און ניין אין דער ליטעראַטור־קריטיק 154
עסיי וועגן עסייען — שמריה גאָרעליק: עסייען 162

דרייסטע, אינטואיטיווע ליטעראַטור־קריטיק — י. ראַפּאָפּאָרט:
אויסגעריסענע בלעטער 169
מאמרים, נאָטיצן און טראַכטעניש — מלך ראַוויטש: מיין לעקסיקאָן . . 177
אייגענער קול און אייגענער נוסח — משה וויטיעס: עסייען וועגן ליטעראַטור 183
לערער און שרייבער — פּאַליק זאָלף: אונדזער קולטור־המשך 189

ד

אין דער מלוכה פון וואָרט

די וועלט און דו 195
בוך 196
וועגן לייענען 197
דיכטער, ליד און לייענער 199
שראַבער, שרייבער און שריפטשטעלער 201
ליד 205
ספר און בוך 207
דער לאָמפּ 209
מדבר: (א) × (ב) 210
וועגן דעם דיכטער ז. ווײנפּער 213

ה

פּראָזע

פון דיכטונג צו פּראָזע — מלכה לי: דורך קינדערשע אויגן 219
אין שייכות מיט „יונג־ישראל" — צבי אייזנמאַן: די באַן 224
...אונדזער מזל — ראָזע פּאַלאַטניק: קראַשניק־ריאָ 230
ביים ראַנד פון אָנהויב — מלכה אַפּעלבוים: נייע און אַלטע היים 239

דאס ערשטע ווארט

די אַנונג פון דעם ערשטן וואָרט
קומט־אויף מיט דעם באַגינען,
ווען גאָט אַליין דערוואַכט פון שלאָף
און לאָזט זיך באַלד געפינען.

דאָס ערשטע וואָרט מיט גאַפונג קומט,
אַנטפּלעקט זיך ווי א וווּנדער!
עס שטעלט זיך אויף די פּיס אַליין
און שפּאַנט אַוועק באַזונדער.

עס שלאָגט זיך באַלד אין ווערטער אָן,
פאַרברידערט זיי אינאיינעם.
עס נעמט נישט לאַנג און ווי אַ פאָן
זיי פלאַטערן און שמ׳ען

אין לידער איבער גאָרער וועלט
פון יידישע פּאָעטן,
וואָס זינגען נאָר ווי זיי געפעלט
אין לשון דעם גערעדטן.

ווײַן פֿון ליד

דער ווײַן פֿון ליד
איז אַלט, איז נײַ.
דער ווײַן פֿון ליד
שפּילט תּמיד פֿרײַ.

דער ווײַן פֿון ליד
איז פֿול מיט לוסט.
דער ווײַן פֿון ליד —
ער יערט מיט גלוסט

צו אַלץ וואָס איז
אין וועלט פֿאַראַן,
צו דעם וואָס גייט
אין יאָר, אין שפּאַן.

און זוכט אַ זין
אין אַלץ וואָס לעבט,
אין דעם וואָס איז
אין גאָט פֿאַרוועבט.

דער ווײַן פֿון ליד
דעם מענטש דערהויבט,
דעם צווייפֿלער און
אויך דעם וואָס גלויבט...

דער ווײַן פֿון ליד
איז פֿול מיט חן
פֿאַר יונג און אַלט,
פֿאַר גרויס און קליין.

דער ווײַן פֿון ליד
איז שטאַרק, איז רײַך.
דער ווײַן פֿון ליד —
צו קיינעם גלײַך!

עס שפּיגלט זיך
דער טאָג און נאַכט
אין ווײַן פֿון ליד,
וואָס תּמיד וואַכט

און היט דעם סוד
פֿון דעם וואָס שאַפֿט
און גייט פֿאַראויס,
און גאַפֿט און גאַפֿט.

ו ו אָ ר ט

וואָרט פּיבערט מיט אינהאַלט, זעונג און פאַרנעם.

וואָרט איז די בריק, וואָס פאַרבינדט דאָס האַרץ מיט דעם מח.

וואָרט איז דער אויפקוועל, די דורכזיכטיקע הויט פון דיין געמיט, וואָס בליצט מיט ד ע ר קלאָרקייט, וואָס קוועלט אַרויס פון דיר און שפּיגלט זיך אָפּ דממה דקה'דיק אין דעם געמיט פון אַ צווייטן אָביעקט — ד ע ם לייענער.

וואָרט איז דער סינטעז פון באַוווּסטזיין און אונטערבאַוווּסטזיין, אין דעם אויסלייג פון אַ העלזעעריש־קייט, וואָס רייצט מיט דעם חן פון זעלבסטפאַר־שטענדלעכקייט.

א

אין שפּאַן פון ליד

דער מיטזינקער אין אָפּגרונטיקע טיפן

(ה. לייוויק: לידער צום אייביקן)

די „לידער צום אייביקן״ פון ה. לייוויק בלענדן און אָטעמען מיט פּילפּאַרב פון ערב שקיעה, אין דעם ליכט פון דעם דיכטערס באַוווסט־זיין, אַז —

איצט ליגן הינטער מיר שוין אַלע תהומען.

ה. לייוויק, דער דיכטער פון גרויסן פּאַטאָס, האָט אין די איצטיקע לידער זיינע פאַרסך־הכלט אויף דעם פּאָטעטישסטן און פּאַטעטישסטן אופן אַלע זיינע דיכטערישע קרעדאָס, וואָס זענען דורכאויס מוסטערהאַפט מיט זיין געוויסנהאַפטן איינשטעל פאַר דעם גורל פון דעם מענטש.

דער לירישער אויפזונג פון זיין דיכטונג וויברירט קול דממה דקה׳יק, מיט פּיין און צער פון אַ מענטש, ביי דעם ראַנד פון אָפּגרונט.

דער צויבער פון זיין דיכטונג ליגט דאָ פאַרוואָרצלט אין קורץ־אויפגעפּאַסטע לידער, וואָס זענען צוליב זייער איכות גרויס אין דעם פאַרנעם פון זיינע וויזיעס, וואָס געפינען אַ תיקון אין דער אוניווערסאַל־לירישער תוכיקייט פון זיינע אַלץ־אַרומנעמענדיקע מאָטיוון, איינשליסנדיק אויך דעם דומם.

דער זין פון זיינע איצטיקע לידער — דער המשך און סך־הכל פון זיין גאָרער דיכטערישער אַנטוויקלונג — ליגט פאַרוואָרצלט אין דער רייפ־קייט פון זיין דיכטונג, וואָס טיילט זיך באַזונדערס אויס מיט דער קלאָר־קייט פון זיין מחשבה, אין דעם אויסלייג פון אַ טיפקייט, וואָס פאַרבינדט דעם פּאָטענציעלן סוף פון דעם איינמאָליקן לעבן פון אַ מענטשן, מיט דעם סאַמע ערשטן אויסגעשריי, וואָס טאָגט אין אים אויף אין אַ... קרייז... וואָס... איז אייביק מיט אין־סופיקייט געפּאָרט...

י. בראָנשטיין

אין דעם אויפזינג פון זיין מיסטיק פאַרוואַנדלט דער דיכטער זיינע זעונגען אין סימבאָלן, וואָס רייצן מיט דער פשטות פון אַ זעלטענעם דיכטער, וואָס זעט אין דעם לעצטן טראַט דעם אויפבליק פון בראשית; אין זיין קוק פאַראויס — דעם צוריק און אין דעם וואָס ס׳איז מער נישטאָ — דעם... יש פון אמת...

זיינע חושים זענען אויף אַזוי פיל אָנגעלאָדן און איבערגעלאָדן מיט אָנזונג־און־שפּאַנונג, אַז זיין געהער איז אַזש פאַרשפּיצט צו דעם אויפזונג פון קנאָספּ אויף אַלטעביימער.

ווי אַ דיכטער, וואָס איז עכט אין אַלע זיינע טואונגען, שפּאַרט פון אים אַרויס דער צער פון זיינע אינטימסטע איבערלעבונגען.

און דער מוט, וואָס האָט אים באַגלייט אין די שעפערישע יאָרן פון זיין שווערן לעבן, פאַרקרוינט אויך זיין זיקנה מיט דעם רייץ פון עכטקייט, וואָס פיבערט מיט דעם אוממיטלבאַרסטן אמת זיינעם, זיך אַליין צו כאַראַקטעריזירן, אין רעטראָספּעקט — ווי אַ פּחדן אין די גאָר יונגע יאָרן. צוליב דעם דער רירנדיקסטער אויפזונג זיינער, וואָס תפילה׳ט תהילים־דיק אַזוי:

מיט פּשוטע ווערטער פרעג איך דיך, באַשעפער,
און ענטפער אויך פּשוט, אויב כ׳בין דיר נאָך טייער,
זאָג, וויפל דער שיעור, דו זאָלסט גיין מיר אַנטקעגן
מיט וועלף און מיט שלאַנגען, מיט שפּיז און מיט פייער?

פאַרקוק מיך, פאַרזע מיך, אין זכות פון דיין רחמים,
פאַרהיט מיך פון אַלע, פון אַלע בזיונות.
דערבאַרעמדיקער, ווער דערבאַרעמדיק מער נאָך
און שטעל מיך אינגאַנצן נישט מער פאַר נסיונות.

די תפילה פון דעם דיכטער. מער נישט געשטעלט צו ווערן פאַר נסיונות, דעמאָנסטרירט דאָ אַמבולטסטן זיין מיד־זיין פון די צאָלרייכע נסיונות, אין אָנבליק און פאַרבנשפּיל פון ערב שקיעה.

עסייען

כ׳בין קראַנק פון צו זיין אַ פּאָעט,
באַפריי מיך פונעם שר פון פּאָעטן.

איז זיין רירנדיק געבעט.

און כאָטש ער וויל זיין באַפרייט „פונעם שר פון פּאָעטן״, איז אָבער זיין תפילה גלייכצייטיק אויך אַ תפילה פאַר דעם שוץ פון ז י י ן וואָרט — די קרוינונג פון זיין איינפּלוסרייכן, קאָלירפולן און שעפערישן לעבן, ווי אַ דיכטער ביי יידן.

לייוויק זינגט:

ס׳ווערט קלענער דער שפּאַן פון מיין טראָט,
וויל איך אָנרירן, איידער ס׳ווערט שפּעט,
דיין הייליקן היגל — דאָס אָרט פון די ערטער.
כ׳וויל קומען און בלייבן שוין דאָרט
אין שוץ אונטער דיינע פליגל,
דיין שוץ זאָל באַשיצן מיין נישט באַשיצט וואָרט
און כ׳וועל רוען אין רו אויף דיין היגל.

די אָנונג פון זיין פאַרקלענערטן שפּאַן — דער הויכפּונקט אין דער טראַגיק פון דעם לעבן פון אַ מענטשן — האַרמאָנירט מיט דעם גאַנג פון דעם לעבן אין אַלגעמיין, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם פּאַטאָס פון זיין דיכטונג מיט דעם רייץ פון אַ רעגנבויגן, וואָס אָט איז ער דאָ, און אָט ווערט ער אויפגעלייזט אין זיין רייצנדיקער שיינקייט.

אַזוי פּאַסט אויף דער דיכטער אַליין דעם איינשטעל פון זיין וואָרט, וואָס זעט אים אויס צו זיין אינגאַנצן נישט באַשיצט, נאָכן אָפּגאַנג פון יאָרן, אין זיין אַבסאָלוטן גאַנג באַרג־אַרויף אין אונדזער שווער פאַרהאָרעוועטער ליטעראַטור, וואָס ער אַליין האָט מיט אַזוי פיל מי און אחריות דערפירט צו איר איצטיקער גדולה.

לייוויקס טרויער און אומעט דאָמינירן זיינע חושים צו אַזאַ גראַד און הויך, אַז זיי דערפירן די עכטקייט פון זיין חשבון־הנפש צו אַזאַ זעלטענער פאַרטיפונג פון זיין דיכטונג, וואָס ווייסט צו דערציילן אַז —

י. בראָנשטיין

פון צופיל קוקן אין תהום פון פיין
ווערן בלינד מיינע אויגן,
איך נעם די שוואַרצאַפּלען אין זיך אַריין,
נאָך איידער זיי ווערן פאַרצויגן.
— — — — — — — — — — — — — — — — —
דערהער איך אַ קול: פאַרלאָז נישט די ערד,
טוסט אייביק צו איר געהערן.

און פון אָט דער אייביקער אָנגעהעריקייט צו דער ערד ווערט דער דיכטער נישט מיד צו זינגען אין די קאָלירפולסטע ניואַנסן פון זיינע פאַר־כאַפנדיקע לידער צוליב דעם, ווייל —

מיינע חושים זענען אָנגעשפּיצט און וואַך,
נאַכט האָט מיט טרויער זיי געשליפן,
הערנערדיק צעשטראַלט זיך יעדע שטומע זאַך
און עס עפענען זיך פאַר מיר אַלע טיפן.

די טיפן פון וועלט און מענטש — די אָרגאַנישע און נישט אָרגאַנישע וועלט. צוליב דעם דער אויפזונג זיינער:

אַ לויב דעם באַשעפער, וואָס ברענגט און דערלאַנגט
מנוחה צו שטיינדלעך און זעמדער,
אַ לויב פון אַ מענטשן, וואָס אַכפערט און דאַנקט
פאַר ז י י ן אויף דער ערד נישט קיין פרעמדער.

דאָס איז דער דאַנק, לויב, אַכטונג, דרך ארץ און געזאַנג צו דעם אייביקן פון א דיכטער, וואָס איז באמת גרויס אין דער איכות פון זיין דיכ־טערישער עשירות, וואָס זאָגט עדות אויף דעם, אַז ה. לייוויק איז קיין פרעמדער אויף דער ערד קיינמאָל נישט געוועזן.

זיין טאָטע־געשטאַלט דאָמינירט נאָך אַלץ זיין מענטאַליטעט. און אפילו איצט, ...ווען איך ווער שוין אַ זקן... באַאומרויקט זי אים און רופט אין אים אַרויס זיין געשטאַלט, וואָס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן און איז כמעט ווי פותר־חלום זיין לעבן צו אַזאַ גראַד, אַז —

עסייען

מיין טאַטע האָט דורות יאָרן
אַזוי נאָך קיינמאָל נישט גערעדט,
ווי ס׳וואָלט אים פּלוצלונג קלאָר געוואָרן,
וואָס מיינט דער צונאָמען פּ אָ ע ט.

זיין ליריק איז פאַרוועבט אין דעם אײדלסטן געוועב פון דורכזיכטיקע זעונגען, וואָס קוועלן מיט דער פּילפאַרביקייט און דעם רייץ פון די זעל־טנסטע נשמה־בליצן פון אַן אוניווערסאַלן דיכטער.

צו וועלכן ליד זיינעם דו רירסט זיך נישט צו, ווערסטו פאַרכאַפּט פון אַ שיינקייט אין דעם אוצר פון אַ לשון, וואָס ציטערט אויף דיין האַרץ מיט דער עשירות פון דעם דיכטערס מחשבה, וואָס ווערט נישט מיד צו באַטאָנען און וואַריאירן זיינע מחשבות אין שייכות מיט די אינטימסטע איבערלעבונגען פון דעם פּאָעט, וואָס ווייטיקט אויף דעם גורל פון דעם לעבן, וואָס הגם עס ווידערהאַלט זיך אָן אויפהער, איז דער פּרט פאַרט פאַר׳משפּט צו אונטערגאַנג, כאָטש דער דיכטער באַטאָנט דורכאויס, אַז —

איך זאָג נישט, אַז מיין לעבן איז אַ חלום,
איך זאָג נאָר, אַז אַ רייטער אויף אַ פערד
רייט דורך די גאַנצע וועלט און קומט צו רייטן
צוריק, וווּ ס׳שטייט זיין וויגל אויף דער ערד.

לייוויק ווייסט אָבער באַשטימט, אַז דער גורל פון דעם מענטש, דער רייטער אויף דעם פערד, דער גורל פון דעם מענטש אין דעם וויגל — דער גורל פון פּרט — איז נישט דויערהאַפטיק און זיכער נישט אייביק. באַזינגט ער טאַקע דעם צער פון אונטערגאַנג זייער רירנדיק און שיין. צוליב דעם זיין דיכטערישער דעוויז:

אַז דער חשבון איז אונטערגעפירט,
אַז דער ריינער סך הכל איז דאָ,
הייב אָן צו באַשאַפן אויפסניי
די וועלט, וואָס איז מער נישטאָ.

אין אָט דעם דעוויז זיינעם — איבערשאַפן און באַשאַפן אויפסניי די

וועלט, פיבערט אויף מיט דער גרעסטער עקשנות דער זין פון אַלע קונסטן אָן אויסנאַם: איבערשאַפן דאָס לעבן, דעם דערהויבן צו אַזאַ הויך און מדרגה פון זינלעכקייט און שיינקייט, אַז מיר זאָלן ביים לעבן האָבן די אילוזיע פון קאָנקרעט ממשיך זיין אונדזער ערדיש לעבן, וואָס פאַר־בלייבט הינטער אונדז, אין דעם געדעכעניש פון די קונסט־ווערק, וואָס מיר לאָזן אַזוי זאָרגפעליק איבער הינטער זיך.

און ה. לייוויק טוט עס, ווי ער אַליין דריקט זיך אַזוי טרעפלעך אויס — ווי אַ... מיטזינקער אין די אָפּגרונטיקע טיפן...

מיט דעם כח פון אַ זעלטענעם פּאָעט באַזינגט ער און שאַצט ווייטיקדיק אָפּ דעם גורל פון דעם מענטש אין דעם אויפזינג פון זיין ליריק, וואָס איז אוניווערסאַל, טיילווייז — נאַציאָנאַל און נישט זעלטן אויך יחידיש אויפגעפּאַסט און דורכגעפירט מיט די געבענטשטע מיטלען פון זיין גרויסן טאַלאַנט. —

אין לייוויקס טראַגישע באַציִונג צו דעם לעבן, אין דעם דרך המלך פון זיין שעפערישקייט אין אונדזער דיכטונג, טורעמט ער אויף ווי אַ ליכ־טיקע פּערזענלעכקייט צווישן דעם שר פון פּאָעזיע און דעם שר פון יסורים, וואָס באַגלייטן איםביידע אויף זיין מיפּולן וועג פון קרבנות־גרייטקייט, ווי אַ מענטש און ווי אַ דיכטער פון גרויסן פאַרנעם.

אין אַ טייל פון זיינע „לידער צום אייביקן" קומען צום אויסדרוק זיינע ווערטער פון באַגייסטערונג פאַר דער באַפרייונג און באַנייונג פון אונדזער פאַרהייליקטער ארץ ישראל, און פאַר דער זכיה איר ערד צו באַטרעטן. ער באַפרייט זיינע ווערטער, ווי ער דריקט זיך אויס, פון אַלע שטייגן, ער געטרויט זיי זיין גאָרע פרייד. און ביי דער אילוזיע אַז —

אָט דאָ איז געשטאַנען ישעיה

רופט ער זיי צוריק און זאָגט:

קומט צוריק פון אייערע ערטער,\
קומט צוריק, קומט צוריק,\
מיינע געטרייע —\
העלפט מיר אויסשווייגן דאָס גליק

צו שטיין אויף דער ערד,
ווו ס'איז געשטאַנען ישעיה.

ה. לייוויק, דער דיכטער פון די גרעסטע יסורים, נאַציאָנאַלע און אויך יחידישע — בעט זיך ביי זיינע ווערטער:

...מיך לאָזט איבער אַליין
מיט מיין חלום, וואָס איך חלום
צו זיין כאָטש איין מינוט אַליין
מיט זיך אין פולן שלום.

און אין אָט דער מינוט פון זיין „מיט זיך אַליין אין פולן שלום", ווי אַ ייד־פּאָעט און נישט קיין נביא — דערגרייכט ער, אפשר דאָס איינציקע מאָל אין זיין פּיינפולן לעבן, דעם פייערלעכן מאָמענט פון איבערגעלעבטן גליק, וואָס דריקט זיך אויס אין ד ע ר זכיה ...צו שטיין אויף דער ערד, ווו ס'איז געשטאַנען ישעיה..., פון וועמענס נביאישן פּאַטאָס און זעונגען זיינע — ווי איך האַלט — ער איז באַווירקט אין אַלע זיינע שעפערישע מעשים.

די לידער א. ב. „די פאָן מיט זיבן שטערן" אָטעמען אַלע מיט דעם רייץ, בילדלעכקייט, שיינקייט, געשיכטלעכן הינטערגרונט און סימבאָליק פון אונדזער אויסגעווייטיקט לאַנד, וואָס אונדזער דיכטער באַזינגט ווי אַן אויפגאַנג א נייעם.

ה. לייוויק, דאָס געוויסן פון אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור אויף יידיש־לשון, — ווי איך האָב אים מיט יאָרן צוריק נאָך באַנאָמענט — איז אויך דאָ געטריי, ערלעך און עכט צו זיינע איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס, אין דעם פולן הסכם מיט זיין הייליקסטן קרעדאָ:

זיבן, זיבן מאָל איך שאַף זיך איבער,
איידער איך ווער ראוי צו זיין ציטיק
פאַר דער רגע, צו זיין גאַנץ מיט מיין געוויסן...

זיין יסורים־פולע לעבן פון נסיונות, אין דער אָפּשפּיגלונג פון זיינע צאַלרייכע ווערק, זאָגט עדות אויף דער עכטקייט פון זיין גאַנץ־זיין מיט זיין געוויסן.

לייוויק האַלט זיך נישט פאַר קיין זייטיקן אויף אַלע פראַנטן פון דעם

יידישן לעבן. ער זוכט אויך אגב קיינמאָל נישט קיין אַנטרינונג פון אונדזערע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען. צוליב דעם דער מוטיקסטער אויפזונג זיינער אין זיין ליד „אין פאַרשעמונג", וואָס גאַלט מיט איראָניע אויף די פאַרניינער פון יידיש־לשון, וואָס ער אַליין האָט מיט אזוי פיל ליבשאַפט, אחריות, מסירת נפש און גבורה מיטגעבויט און באַרייכערט. אָט איז דער קלימאַקס פון זיין ליד „אין פאַרשעמונג":

איז מיר גוט. כ'וועל צעזעצט פון גליק.
כ'בין אַ פּאָעט אַן עושר:
אין מאָסקווע הענג איך אויף אַ שטריק,
אין ניו־יאָרק תל־אביב — אויף אַ פרייַנטס יושר.

וויפיל פיין, ווייטיק, חוזק און אויך איראָניע לייוויק האָט דאָ פאַרווייטיקט און פאַרטיפט אין איין סטאַנזע!



ה. לייוויק און יחזקאל בראָנשטיין
דענווער, קאָלאָראַדאָ, 1935

די „לידער צום אייביקן" זענען — ווי אויבן געזאָגט — דער אויפהעל פון ערב שקיעה. אַלע זיינע לידער אָן אויסנאַם זענען אַזוי גרויס אין איכות, אַז זיי פאַרשיכורן דיך ממש מיט דעם רייץ און דער עשירות פון זייערע מחשבות און ווזיעס. וויפיל דו זאָלסט נישט לייענען און ציטירן, פאַרבלייבסטו נאָך אַלץ אומגערעכט צו די אַנדערע לידער זיינע, וואָס שטייגן איינע די אַנדערע אַריבער מיט זייער תוכן, שיינקייט, אין פאָרם און אין אינהאַלט. אַזוי למשל, דאָס רירנדיקע ליד, א. ג. „אָדע צו אַ פאָטאָגראַפיע", וואָס אָטעמט מיט דער טראַגיק פון פאַרגענגלעכקייט; „מיין אייגענע שעה פון גאולה", וואָס פאַר־סך־הכלט זיך צו דעם אומפאַרמיידלעכן סוף — רעזיגנאַציע אין דער איידלסטער און ווייטיק־דיקסטער זעלבסטאויפלייזונג אין שיינקייט; „איר, בנים פון אַרמילוס", וואָס פאַרגאַנצט לייוויקס לייבישן אויסגעשריי פון ווייטיק אויף די פאַרברעכנס פון דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע לגבי אונדזער יידיש לעבן; די סאָנעטן א. ג. „יונה הנביא אין די אינגעווייד פונעם גרויסן דג", א זעלטענער מוסטער פון פאָרם און אינהאַלט־גאַנצקייט; „היטער פון ליכטיקע ווערטער", באַגייסטערונג פאַר אַ צווייטן — פענאָמענאַלן — גרויסן דיכטער ביי יידן: אברהם סוצקעווער, און צענדליקער אַנדערע לידער, וואָס לאָזן זיך טייטשן, דער עיקרשט — געניסן פון זייער שיינקייט און אויך גייסטרייכקייט.

אין לעצטן ס"ה איז דאָס בוך „לידער צום אייביקן" פון ה. לייוויק דער פאַרצווייפלטער אויפגעשריי פון אַ דיכטער אין דעם אויפברען פון ערב שקיעה, וואָס פאַרוויייטיקט זיך צו דעם טרויעריקן פינאַל, אַז —

דו טוסט בויען אַ וועלט פאַר דיין דור,
און דער דור צאָלט מיט נייערן שפּאָט,
און דיין קאָפּ מיט די ווייס־גרויע האָר
טוט ער שלעפּן צו ז י י ן עשאַפּאָט.

דער טראַגישער סוף פון אַ טראַגישן דור, אין דער ווייטיקדיקסטער אָפּשפּיגלונג אין דער דיכטונג פון אונדזערן א בן דור — דעם באמת גרויסן און צער־פולן דיכטער ה. לייוויק, דער מיטזינקער אין אָפּגרונטיקע טיפן.

אין שפּאַן פון ליד

(ב. י. ביאַלאָסטאָצקי: ליד צו ליד)

דער גורל פון פּאָעט, אָן קלאַמערן, איז אַלעמאָל צו גיין אין שפּאַן פון זיין ליד, אפילו אין דעם אויסלייג פון זיינע פּראָזע־אַרבעטן אין די ברייטסטע שורות, ווי עס איז דער פאַל מיט חיים גראַדע, אברהם סוצקעווער, רחל קאָרן און אַנדערע פּאָעטן ביי יידן, פון וועמנס פּראָזע־אַרבעטן עס טויכט אַלעמאָל אויף דער גאָלד פון דעם ליד, מיט דעם ספּעציפישן חן, רייץ, אַראָמאַט און איינגעשלאָסנקייט פון וואָרט, וואָס האָט דעם כח מיט דיר אַוועקצופליען אין דער וועלט פון וואָרער דיכטונג.

דערמיט מיין איך זאָגן, אַז אין די פּראָזע־ווערק פון דורכאויס טאַלאַנטירטע פּאָעטן קומען אַלעמאָל צום אויסדרוק דורכאויס פּאָעטישע איבערלעבונגען, וואָס לאָזן זיך דערקענען ווי שפּליטערס, פּערזן פון לידער, אין דער אָפּגעשלאָסנקייט פון אויסגערונדיקטע, קאָנדענסירטע און פאַרגאַנצטע וויזיע־שורות, וואָס קאָנען זיך אָן איבריקן אָנשטרענג אפילו מצד א געניטן, דערפּאַרענעם און געדולדיקן לייענער אויסלייגן אין דער פאָרם פון גאָר גוטע לידער.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי איז איינער פון יענע געבענטשטע, דערצו נאָך טעמפּעראַמענטפולע פּאָעטן, וואָס גייט אַלעמאָל אין דעם שפּאַן פון ליד, אין זיין יעדער פאָרם פון אויסדרוק.

באַלד נאָך דעם ווי ביאַלאָסטאָצקיס בוך לידער א. נ. „ליד צום ליד" איז אַרויס פון דרוק, האָב איך גענומען פיבערן מיט נייגיר צו זען דאָס בוך און לייענען.

אין די שלאָפלאָזע נעכט אין חודש אָקטאָבער, ווען די נעכט זענען ביי אונדז געווען בלינד — אָן שטערן, דער הימל — פאַר׳חלבט, און די טעג — צעגליטע, האָב איך גענומען בענקן און חלומען פון ביאַלאָסטאָצקיס לידער,

ווי מ׳בענקט און מ׳חלומט פון א נאָענטן, ליבן מענטשן, וועמען מען האָט שוין לאַנג־לאַנג נישט געזען.

איך האָב בכיוון אויסגעמיטן זיך צו פאַרנעמען לייענען אָן אַנדער בוך, כדי גרייט צו זיין אויפצונעמען ביאַלאָסטאָצקיס „ליד צו ליד״ אָן זייטיקע שטערונגען, אַזוי גיך ווי עס וועט מיך דערגרייכן.

און אַז דאָס בוך איז ענדלעך אָנגעקומען אין אַ פשוטן מיטוואָך, וואָס האָט, אגב, אַליין געפיבערט מיט א טעמפּעראַטור פון 104 אין דרום־קאַלי־פאָרניע, האָב איך באַלד געמאַכט „פון מיטוואָך שבת״, אויף דעם בוך זיך אַרויפגעוואָרפן מיט דעם גאַנצן פיבער פון מיין נשמה, און גענומען שלינגען די ערשטע לידער זיינע א. ג. „האַרבסטיקע פייערן״.

און דווקא דערפאַר, וואָס אונדזער האַרבסט האָט זיך היינטיקס יאָר מער ווי אַריבערגעזומערט, אין דירעקטן ווידערשפּרוך צו די האַרבסטיקע פייערן פון דעם דיכטער, גאָלדיקן זיי זיך אַריין אין דיין געמיט און זכרון מיט זייער גאָרער זינלעכקייט און שיינקייט, וואָס פאַר׳שיכורן דיך ממש מיט דעם רייץ און דעם גאָלד פון זייער אויפזונג.

די לידער ביאַלאָסטאָצקיס, א. ג. „האַרבסטיקע פייערן״, זענען סימ־באָליש און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם טעמפּעראַמענטפולן לירישן דיכטער, דער צייט אין וועלכער ער לעבט, שאַפט און ווירקט, און אָן יעדן ספק אויך פאַר די מיטצייטלער פון זיין דור.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי טיילט זיך אויס ווי א דיכטערישע פערזענלעכקייט פון זיין דור, אין לעבן און אין שריפט — מיט זיין ערנסטקייט, דינאַמיק, געוואָגטקייט, סאָציאַלן איינשטעל, עשירות פון וויסן, ערלעכקייט און זעלטן־חשיבותדיקער באַציאונג צו זיינע מיטמענטשן און פען־חברים — אפילו אידעישע קעגנער — מיט וועלכע ער האָט זיך פאַר׳חברט אין זיין יוגנט (ז. וויינפער, אים צו לענגערע יאָר, למשל, און אַנדערע).

ביאַלאָסטאָצקי רופט צו זיך ארויס גרויס דרך ארץ צוליב דעם.

און דער וואָס האָט אין אים דערשפּירט די דערמאָנטע אייגנשאַפטן זיינע, וועט אים שוין, ווי איך, אַלעמאָל געדענקען, רעספּעקטירן, פאַרערן און ליב האָבן ווי אַ ברודער.

און פונקט ווי זיין ... ליד און עסיי זענען ביי מיר ענג פאַרבונדן...

(זע: דער טאַנץ פון די מאַסקעס — ז. 76; באַנציע שוויג — ז. 54), אַזוי איז אויך נישט אָפּצוטיילן אים גופא — אין לעבן — פון ז י י ן ליד אין אונדזער דיכטונג.

אלעמאָל לעבט ער אין מיין זכרון מיט זיין זשוואַוועדיקייט, אייגנט־לעך — יוגנטלעכקייט, וואָס ברענט מיט זעלטענער ענערגיע, חסידישער התלהבות, באַריידעוודיקייט און איניציאַטיוו, וואָס ווייסט נישט פון קיין אָנהויב און געפינט אַלעמאָל אַ זין אין ד ע ר זעונג פון דעם אומפאַר־מיידלעכן סוף אפילו, ווי ער זינגט אין זיין ליד וועגן די לעצטע:

ווייטע יאָרן, אלטער באָדן,
אויסגעלייטערטע אין פלאַמען!
אָנגעקוועלט און אָנגעלאָדן
גייען אויף איצט נייע שטאַמען.

אַלטע תפילות, אלטער פרעפלען:
— צייט צום בליען, צייט צום וויאַנען.
דורך די דורכגעזונטע נעפּלען,
נייע וועגן, נייע שפּאַנען!

פון דעם וואַלד פון ווייטע יאָרן, אין וועלכע מיר זענען אלע פאַר־וואָרצלט, כישופט ער ארויס דעם אויפגאַנג פון דורכאויס נייע שטאַמען, וועגן און נייע שפּאַנען, וואָס גיבן צו אַ זין דעם געזאַנג א י ן דעם גאַנג פון די לעצטע יאָרן אינעם לעבן פון אַ מענטשן, און ווינקען אפילו אָן אויף דער דויער, אייביקייט פון לעבן, אויב איר ווילט — אין אַלגעמיין.

צוליב דעם דער אויפזינג־און־אַריינזינג זיינער פון אַ געזונטער זינ־לעכקייט אין דעם גאָלד פון האַרבסט —

אַ זע, ווי ס׳בליען אויף די צווייגן ווונדערלעכע פאַרבן!

די זעאונג פון —

אין מיטן שטאַרבן —
צעהענגט דער האַרבסט אַנטקעגן זון די האָפענונג פון פאַרבן,
און מאָלט אין פאַל דעם טרויס פון קומענדיקן מאָרגן.

דער קומענדיקער מאָרגן, וואָס דער דיכטער זינגט פאַר אונדז דאָ אויף אין א היפּשער צאָל וואָגיקע און ווערטפולע לידער, איז מער ווי א האָפענונג, פאַקטיש — אַ נייע וואָר, וואָס אפילו דער לייענער איז קאַפּאַבל אויפצונעמען, שפּירן־און־דערפילן איר מיט זיינע חושים.

ביאַלאָסטאָצקי, דער דיכטער פון „ליד צו ליד", האָט דעם זין און תוכן פון ליד אין אַלגעמיין אויף אַזוי פיל פאַראייגנט דורך זיין עסיי, אַז ער דערפירט אַזש זיין ליד — מיין וואָר אין טרוים — צו אַ זעלב־שטענדיקער אַנשויאונג, וואָס דינט אים אָפט ווי א שם־המפורש אויס־צוטייטשן דעם הארבסט און דאָס לעבן אין אַלגעמיין, מער ווי אַן איינמאָליקע דערשיינונג.

אין זיין ליד „ווי אלעמאָל" זינגט ער למשל אזוי:

אַלץ וואָס געווען קומט ווידער.
אַזוי זענען אויך לידער —
דאָס זעלביקע געפיל, נאָר ניי און אַנדערש איז דער ציטער,
ווי עס איז דער הילך פון הארבסטיקן געוויטער.

אין דער נייקייט און אַנדערשקייט פון דעם ציטער דערפירט ער אונדז דאָ אַנטפּלעקעריש נענטער צו דער מיסטעריע און דער דינאַמיק פון דעם לעבן, וואָס באַנייט זיך אַלעמאָל, ווייסט נישט פון קיין אָנהויב און ווייסט נישט פון קיין סוף.

ביאַלאָסטאָצקיס ליד איז תוכיק פאַרוואָרצלט אין די שטאַמען פון זיין אומה און עס רעדט צו אונדז אָפט, אויב נישט אַלעמאָל, דורך די זעונגען פון זיינע און אויך אונדזערע אבות.

זיין טאַטנס פאַרזאָג: ...בלייב, מיין קינד, ביי יידן... — ברייט זיין געוויסן און באַגלייט אים ווי אַ שאָטן אויף זיין לידער־וועג אין אונדזער דיכטונג.

צוליב דעם זיין זינג־און־זייך־זאָג, אז אין דעם אורוואַלד פון די אייגענע שטאַמען —

דאָרט גליט נאָך גאָטס ברכה פון פרוכפּערן, מערן,
און ס׳ציט זיך דורך נאַכט, און דורך פּיין, און דורך יאָכן,

י. בראָנשטיין

מיין אלטער, מיין הייליקער, בלינדער בטחון —
דאָס ליד פון די אייגענע שטאַמען.

צוליב דעם —

א ליד פון מיין אומה, צו טאַטן און מאַמען,
מיין טרייסטונג אין טונקעלע שעה׳ן.

ווי א יידישער דיכטער, וועמענס אָפּשטאַם איז טיף פאַרוואָרצלט אין אונדזער דורותדיקן דויער, קען ער גאָר אַנדערש נישט זינגען און זיין ליד מוז זיין און איז געווענדעט צו זיין אומה, טאַטן און מאַמען. אזוי ארום מאַניפעסטירט זיך זיין נאַציאָנאַלער אני־מאמין אויף אַ זעלטן פּאָעטישן און אויך פּאָעטישן אופן, אויף אַ הינטערגרונט פון געשיכטלעכע געשעעניש און ווערטן: ביבלישע פיגורן, משפחה־מענטשן, זעונגען פון אונדזערע נביאים און זאָרג פאר דער ירושה פארן נייעם דור.

און אז ער באַגעגנט זיך פנים אל פנים מיט די טראַגישע איבער־לעבונגען פון אונדזער דור, ברענט ער מיט פּאַטאָס, האָט דעם מוט צו טראַכטן אין דער הויך, אז מיר אליין זענען אפשר שולדיק אין דעם, וואָס מיר זענען אבלים. און כאָטש ער זאָגט וועגן דעם, אז

מיר, טרוימער! מיר טרינקען כוס פון איובס סם —

רופט ער פונדעסטוועגן פּאַטעטיש אויס:

דאָך אים, דעם טרוים אַליין, לאָזט פריי, און זאָל ער פליען
איבער תהומן.
און ווי א טויב וואָס זוכט אַ נעסט, זאָל טרוים זיך זוכן
נייעם שטאָם,
און אין דעם עתיד הייליקן אויפסניי גאָטס נאָמען.

דער טרוים, די זעונג פון עתיד לבוא — איז די קרוין פון זיין ליד. צוליב דעם זיין זעונג פון העלע טרוימען אויף דער וואָר:

יידן בויען, יידן טראָגן ליים און שטיינער. —

ווי אַ דיכטער, וואָס גייט אין די פוסטריט פון דעם גלויביקן, זעט ער, הערט און זאָגט אָן:

עסייען

אַריבער קינדס געוויין און מאַמעס קלאָגן —
האָט זיך אַ קלאַנג, אַ גאולה־קלאַנג צעטראָגן.
— — — — — — — — — — — — —
אין מזרח, זע, גייט־אויף אַ טאָג אין נייעם פלאַקער:
דער אלטער סנה אין מדבר האָט זיך ווידער אָנגעצונדן!

פון דעם איז צו זען, אַז ביאַלאָסטאָצקי איז אַ זעלטענער בעל בטחון מיט געבענטשטע מיטלען. זיין בטחון — אויסצווזינגען אין קלאָרע, רייפע לידער, אויף דער פאָן און אין דעם לבוש פון נאַציאָנאַלע האָפענונגען און ווערטן.

ער האָט דעם כוח — און ער באַווייזט עס בפועל ממש אין זיין ליד — צו פאַרבינדן די טראַגיק פון סוף, מיט די פריידיקע חבלי־לידה פון אַ נייעם בראשית.

אין זיין גייסטרייכער פּאָעמע „יינגעלע פון חומש" זינגט ער אַזוי:

מישט זיך סוף צעגויף מיט בראשית, עפנט זיך דער אַלטער שליאַך,
ווי געזען האָט אין חזיון גרויסער נביא פון תנ"ך.

אין די טעג פון אומקום, חורבן, ווילנע־וואַרשע — טרערן־טייך,
איכה ישבה בדד — יאוש קומט מיט האָפענונג צו גלייך.

אין די טעג פון דיינע יאָרן, וואָס מיט טרויער זענען זאַט —
גייט אַ שיף איצט אויפן ים־סוף, גייט זי, שווימט זי קיין אילת.

דורך דעם צונויפמיש פון דעם סוף מיט בראשית און דעם אויפקום פון דער האָפענונג אין אייביקן טאָגן, צו דער בעסטער סאַטיספאַקציע פון אַ וואַכזאַמען און מיטשעפערישן לייענער, וואָס ווערט קיינמאָל נישט מיד נאָכצופאָלגן דעם „ווערטער־האַר", ווי ביאַלאָסטאָצקי באַנאַמענט זיך אַליין אין זיינעם אַ ליד — וואָס איז דורכאויס שעפעריש אין אַלע זיינע מעשים.

די דיכטונג, וואָס איז עכט (פסעוודאָ־דיכטונג איז אַבסאָלוט ווערט־

לאָז און קיינמאָל נישט גערעכט), האָט נישט ליב קיין רעטאָריק (לייען: פּראָזעאָלאָגיע), איז אַלעמאָל דינאַמיש אין אַלע אירע פונקציעס, ריין פון שעטנז און פּולסירט מיטן אימפּעט און רייץ פון אַ קוועלנדיק וואַסער, אין דעם לבוש פון אַ בילדלעכקייט און עשירות פון געדאַנק, וואָס פאַר־כאַפּט מיט דער מאַגיק פון שפּראַך, וואָס איז אַנטפּלעקעריש און האָט דעם כח דיך צו האַלטן געשפּאַנט אין אַ ספערע פון שיינקייט, וואָס סטימולירט דיך — דעם לייענער — אַליין צו ווערן שעפעריש, ביים אויפנעמען זי און לייענען.

אין די לידער, ביאַלאָסטאָצקיס, אַ. נ. „ביי די ברעגן פון האָדסאָן", דערהויבט און דערנענטערט זיך אונדזער דיכטער צו דער הויכקייט פון שלימות, אַ דאַנק די דערמאָנטע אייגנשאַפטן פון זיינע רייפערע לידער, וואָס פאַרכאַפּן דיך מיט זייער גאַנצקייט, עשירות פון געדאַנק, דערגרייי־כונג פון אַ פשטות אין דעם אויסלייג פון זיינע ווערזיעס, וואָס ציִען דיך אָן, דערהויבן און דערפירן דיך ממש צו דער מדרגה פון אַמתער התפשטות הגשמיות.

אַזאַ איינדרוק האָט אויף מיר למשל געמאַכט זיין ליד „מאַמע ערד", וואָס אָטעמט מיט קאָסמישער שיינקייט, אָנגעלאָדן און איבערגעפילט מיט תוכן, אַ זינלעכקייט וואָס ברויזט מיט דעם אָנזאָג, אַז —

> אין אַ וועלט פון חורבן, פאַרצוקונג און פאַרראַט,
> ... אַ האָפענונג זיך צעשפּילט...

די נאָכפאָלגנדיקע לידער פון זעלבן און היפשן לידער־ציקל קייטלען זיך און בינדן זיך ווי אַ המשך און קאַלירפולע דערגענצונג פון דעם ליד „מאַמע ערד", וואָס איז גרויס אין אינהאַלט און פאַרנעם, אין אַן אויס־געהאַמערטער פאָרם, וואָס באַצווינגט דיך און לאָזט זיך לאַנג געדענקען.

אין דעם נישט־וויטן עבר, ווען אונדזער לעבן אין אונדזער צע־שפּרייטקייט איז נאָך, אויבנאויפיק אַמווינציקסטן, געווען מער אָדער ווייניקער נאָרמאַל, און אונדזערע דיכטער האָבן געפלאָטערט מיט כלערליי נייקייטן, האָט די ראָמאַנטיק אין אונדזער ליטעראַטור געשפּילט אַ דאָמי־נירנדיקע ראָלע. אין יענע יאָרן האָט אפילו דער אויסערלעכער פּוץ פון

אונדזערע פּאָעטן: לאַנגע האָר, ווינדזאָר שניפּסן און נישט זעלטן אויך א בערדל — צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אונדזערע לייענער. דער עיקרשט אָבער זענען מיר געווען פארכאַפּט פון דעם ראָמאַנטישן אויפזונג פון אונדזערע פּאָעטן אין זייערע לידער.

היינט, נאָך דעם מבול, אין אונדזער גרויסער יתומשאַפט, אין אַ צערודערטער וועלט, וואָס רויכערט נאָך מיט שנאה, א וועלט פון דורכאויס מאַטעריאַליסטישע נייגונגען און די פאַנטאַסטישסטע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון טעכנאָלאָגיע — קען מען כמעט מער נישט זיין ראָמאַנטיש. דאָס ליד פון ליבע איז ביי אונדז כמעט ווי פאַרשטומט.

עס איז דעריבער צו באַוואונדערן, וואָס ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט געהאָט דעם מוט, ווי אַ צוגאָב צו זיין טאַלאַנט — אויפצוזאַמלען זיינע פּרעכטיקע ליבע־לידער און זיי איינשליסן אין זיין נייסטן בוך: ליד צו ליד א. ב. איך און דו.

צו דעם לויב פון דיכטער זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אז זיי באַרעכטיקן זיך פון גאָר א סך שטאַנדפּונקטן. דער עיקרשט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן דעם כח צו שטיין אויף די אייגענע פיס, אַ דאַנק דעם דיכטערס כח הדיבור, עכטער איבערלעבונג און עכטקייט פון אויסדרוק, פאַרכאַפּנדיקן אינהאַלט, וואָס טרעטן אָפּט אַריבער דעם גדר פון ער־און־זי, טראָגן אין אַלגעמיין אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער.

און טאָקע צוליב דעם, וואָס זיי זענען אין דירעקטן ווידערשפּרוך צו דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג, דערגייען זיי כמעט די הויך פון זיין אָריגינעל אין אַלגעמיין, און אויך אַ דאַנק דעם, וואָס אין זיין אויפזונג פון ליבשאַפט צו דער פרוי ווערן אויך אַריינגעוועבט און אויפגעניגונט די ליבשאַפט־מאָטיוון פון טאַטע־מאַמע צו קינדער און פאַרקערט, וואָס קייטלען זיך צונויף מיט דער פרייד און דער ליכטיקייט פון דעם לעבן בכלל. אָט איז אַן אויסצוג פון איין ליד:

דער טאָג איז וווּנדערלעך און שיין,
ווייל אין דער ליכטיקייט האָב איך דערזען:
דו זיצסט אַנטקעגן מיר מיט דיינע אויפגעמאַכטע ברעמען

י. בראָנשטיין

און הינטער זיי דיין גוטסקייט אויסגעבויגן,
הימלדיקע אויגן,
און ס׳בוקן זיך און טוקן זיך אין זיי פּנימלעך פון צוויי מיידעלעך
מיט ריינע, ווייסע קליידעלעך,
וואָס יאָגן מיך, איינס גרעסער און איינס קלענער,
אַ שטאַפּל אויף אַ שטאַפּל;
און אין דער זוניקייט — ווי טייבעלעך צופרידענע און זאַטע —
גייט אויף אַ קינדיש שטיפערישער פּלאַפּל:
טאַטע! טאַטע!

ביאַלאָסטאָצקיס פאַרבינדונג פון דער נאַטור מיט זיין ליבשאַפט צו דער פרוי אויף אַ ליריש־בילדלעכן אופן, גיט זיינע ליבע־לידער צו אַ שפּילעוודיקן און קאָלירפולן כאַראַקטער, טיילט זיי אויס און דערהויבט זיי צו אַ סאָציאַלער פונקציע, וואָס אָטעמט מיט דעם געזאַנג פון שטאַ־מיקייט, האָפן און גלויבן.

דעם בונד, וואָס איך האָב דאָ פאַרשניטן מיט דיר,
וועל איך שוין אויף אייביק פאַרזיגלען.
מיט לאַן און מיט שטעג, און מיט יעטוועדן גליד,
מיט שטיין אויפן בערגל, פאַרעקשנט, דערהויבן, —
זאָל זינגען מיין ליד,
מיין ליד פון געהייליקטן גלויבן.

צי —

דער וואַלד שטייט פריי, געזאַנג פון שטאָלצע שטאַמען!
דער האָריזאָנט איז אָפּגעדעקט און אָפן.
די בלעטער זענען ציטערדיק צעלאָפן —
נאָר טיף אין אונדז געבליבן זענען פלאַמען,
און ליד פון שטאַמיקייט, און ליד פון האָפן.

זיין געזאַנג פון געהייליקטן גלויבן, זיין ליד פון שטאַמיקייט און ליד פון האָפן, איז אין זיך כולל דעם גאַנצן אוניווערז און דריקט דאָ אויס אויף

א דינאַמישן אופן זיין גלויבן אין דער אייביקייט פון וועלט־און־מענטש, די פלאַמען פון ליבשאפט צו דער פרוי־געשטאַלט פון נאָענט און פון ווייט.

זיין עקשנותדיקער רוף אין דער פולקייט פון דעם טאָג און זיין באַטאָנונג, אז —

איצט איז די צייט פון וואָרט, פאַר אָפּגעדעקטע רייד,
פאַר אָפּענעם געדאַנק פון פשוטן געמיט.

ווערט פון אים אַליין צעהעלט און דערהויבן אין דער פשטות פון זיין דיכטונג, צו אַקטועלקייט.

א טייל פון זיינע לידער צו די „פּאָעטן, מיינע ברידער" זענען דעריבער אין א געוויסער מאָס אַ געזאַנג צו זיך און וועגן זיך אַליין. זיי דעמאָנסטרירן טיילוויז אויף א זעלטן שיינעם אופן זיין אויפזונג פון ערשטקייט אין ליכטיקייט פון וואָרט...

אין טעג פון אויסגעשריי, אין טראַגיק פון באַשאַפן.

אין זיין ליד א. ג. „פּאָעטן, מיינע ברידער" רעדט ער מיט וויטיק, כאָטש דאָ און דאָרט באשפרענקלט מיט סאַרקאַזם, אויב נישט מיט פולן חוזק — וועגן הויף־פּאָעטן, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט צו דער טומאה. וואָרנט ער און מאָנט:

קום דו, פּאָעט, אין גאַנג דורך אַלע טויטן
מיט ליד געלייטערטן, מיט ליד באַפרייטן, —
אַרויסצוקריכן פון כאַאָס!

ליד, ווי מענטש, מוז זיין פריי פון אַלע יאָכן, נישט טראָגן אויף זיך קיין שאָטן פון אָנשטעל, געלייטערט זיין און ריין און אַלעמאָל דינען ווי דער פאָראויסגייער פון יושר און שיינקייט.

וואָס דער דיכטער פריידיקט פאַר אַנדערע, פירט ער אַליין געוויסנ־האַפט דורך מיט נישט ווינציק טאַלאַנט, כח פון אויסדרוק, אין פריי־פערזיקע און ס׳רוב — געבונדענע לידער.

„דער שטומער עדות" — א דראַמאַטישע פּאָעמע, וואָס איז אויסגע־וויטיקט אויף דער פאָן פון אונדזער טראַגיק אין דעם יאָר 1917 —

ניגונט זיך אריין אין דיין געמיט אויף אזא היימיש אינטימען אופן, וואָס איז אפילו זעלטן ביים בעסטן ליריקער, ווי —

— א מעשה וואָס האָט זיך געטראָפן, —
אין דעם שטעטעלע איליע, ביי ווילנע, פאַרלאָפן,
וועלן מיר איצט דערציילן אין לידער
פאַר שוועסטער און ברידער.

דער איינציק אויסגעלייטערטער עפּיזאָד אין יענעם ווייטן צייט־אָפּשניט, וועגן דעם הרוג, דעם קצב ר׳ זבולן, ווערט דאָ אויפגעוויזן אין א סביבה פון גאָרער תמימות, וואָס איז שוין כמעט ווי פרעמד די קינדער פון אונדזער דור, — אין א פאָלקסטימלעכן טאָן, וואָס רייצט מיט דעם חן פון אמאָליקן לעבנס־שטייגער, וואָס איז צו אונדזער אומגליק שוין פון לאַנג אַ *מעשה שהיה*. צוליב דעם אַליין איז זי איצט אַקטועל, קינסטלעריש — ווערטפול.

דאָס אוועקגיין און דאָס נישט צוריק קומען פון דעם קצב ר׳ זבולן רודערט־אויף דאָס שטעטל.

די זאָרג פאַר דעם גורל פון דעם יחיד — זאָל דאָ געדענקט ווערן! — איז דאָ נישט קיין יחידישע, נאָר די זאָרג פון גאַנץ קהל, וואָס וואַרפט אָפּ אלע קליינלעכקייטן און רכילות בנוגע דעם הרוג און באַטאָנט, דורך דעם מויל פון אן אַלטער פרוי, אז —

א יידנס נשמה איז דאָך נישט צום שאַצן.
א ייד קאָן אַמאָל אויך פאַרלאָזן פּאַלאַצן,
און גיין אויף דער וועלט מיט ברעקלעך זיך נערן,
שלאָפן אויף האַרטן,
זיך פּייניקן,
גלות אָפּריכטן,
תשובה טאָן — — —

ביז צו דעם אויפלייז פון דער מיסטעריע — גאָטס וואונדער! — דורך דעם שטומען עדות־זאָגן פון א נישט דערקוילעטן אָקס —

עסייען

א מעשה,
א פירכטערלעכע לעגענדע,
וואָס האָט נישט קיין אָנהייב
און האָט נישט קיין ענדע.

די פּאָעמע „די לעגענדע ווילנע״ — אפשר די קרעפּטיקסטע פּאָעמע אין לידער־בוך: „ליד צו ליד״ — איז געשריבן און אויסגעוויטיקט געוואָרן אויף דער פּאָן פון אונדזער גרעסטער טראַגיק:

דעם חורבן בית שלישי,
פון גזירות־תש״א, תש״ב, תש״ג.

און לייענט זיך ווי אַ היינטצייטיקע מגילה, וואָס פייערט זיך שטעלנווייז אַריין אין דיין האַרץ און געמיט מיט איר גאַר גרויסן פּאַטאָס.

ביאַלאָסטאָצקי, א דיכטער פון בטחון, איבערטרעפט דאָ זיך אַליין, אין דער געשטאַלט פון א מקונן, וואָס האָט דעם מוט צו פאַר׳סך־הכלן דעם „סוף פון מיינע לידער״ אַזוי:

לאָמיר באַזונדער און צוזאַמען
זיך זעצן אויף אַ פּיצל ערד,
וואָס איז אַליין נאָך נישט צעריסן און צעשטערט,
(אויב אַזוינס איז נאָך פאַראַנען),
און לאָמיר שבעה׳דיק אַליין,
אליין, אליין, באַוויינען אונדזער געוויין,
באַוויינען אונדזער אומקום — — —

זיין תפילה צו דעם מקונן איז: אַליין נישט צו ווערן, אַריינגענומען צו ווערן

אין דעם אַלטן כוס פון טרערן.

גייענדיק אין דעם שפּאַן פון לידער אין אָנגעזיכט פון אונדזער גרעסטן חורבן, דערפירט ער אָפּט זיין ליד צו א תהילימדיק געזאַנג, (זע: „אָ ווײַפל מאָל״, ז. 394) און ער פאַרוואַנדלט עס דאָ נישט זעלטן אין א נייעם, אייגנאַרטיקן איכה (זע: „פיר מיך״, לעגענדע — ז. 395), פאַר־

וועבט אין א יידיש־געשיכטלעכן הינטערגרונט, וואָס רעדט צו אונדז אין רעטראָספּעקט דורך די מיילער פון אונדזערע גאונישע, לעגענדאַרישע פּערזענלעכקייטן, אויף דעם פיינפולן און רומפולן וועג פון אונדזער געשיכטע, ביז צו דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג, ווו:

פינצטער איז די נאַכט, נאָר די לעגענדע אייביק וואַכט.

מיט דעם כח פון זיין וויזיע, אין אַ געלייטערטן סטיל, ברענגט ער אַרויס די גבורות פון דער שטאָט ווילנע, ווו דער עבר מיט דעם הווה וועלן הויזן, ביז ער דערפירט צו צו איר טראַגישן סוף, ווען —

... ס׳איז אין אונדזער פאַרשוועכטן דור
געקומען דער בלוטיקער דייטש —
פאַרשאָלטן זאָל ער ווערן ביזן דור דעם צענטן! —
און ער האָט מיט זיין סמיקער בייטש,
מיט פייער, מיט גאַז און מיט תליה,
אַ פאָלק א געשענדטן, אַ פאָלק א פאַרברענטן
פאַרטריבן אין שאול תחתיה.

דער דיכטער טרייסט זיך בלויז דערמיט, וואָס —

...די לעגענדע איז דאָ, און זי היט און זי וואַכט,
לעגענדע פון ווילנע,
ירושלים ד׳ליטע.

ביאַלאָסטאָצקיס צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור מיט אָט דער קרעפטיקער פּאָעמע — די לעגענדע ווילנע, איז אָן יעדן ספק א קרעאַטיווע אין דעם זין, וואָס אין איר ווערט אויף אַ דערציילעריש, ליריש־קינסטלערישן אופן רעהאַביליטירט אונדזער ירושלים ד׳ליטע אויף צוויי אנטקעגנגעזעצטע אופנים: אין איר אויפקום, בלי, וווקס און לעגענדאַרישן פאַרנעם אין דעם יידישן לעבן, און אויך אין דעם טשאַד און רויך פון איר טראַגישן אומקום.

אין א געוויסן זין טראָגט די פּאָעמע אויך טיילווייז אַן אויטאָביאָגראַ־פישן כאראקטער. זי קען דעריבער אונדז אויך דינען ווי א שליסל צו דעם

דיכטערס אויפקום, אַנטוויקלונג און וועלט־באַנעם, יידישע קרעדאָס און איינפלוסן פון זיינע־אונדזערע אבות, וואָס דינען אים אייביק ווי אַן עמוד־האש אין זיין מיפולן, גייסטרייכן, פרוכטבאַר־שעפערישן לעבן.

אין זיין געזאַנג צו ווילנע, וואָס ער פאַרגלייכט צו ערד און ים, דער־גרייכט זיין ליבשאפט צו אונדזער ירושלים ד׳ליטע

מיט דעם וווּנדער פון ייִד צווישן שטאַמען
באַזונדער, אַליין און — צוזאַמען...

צו אַ קאַלאָס פון רירנדיקער שיינקייט.

אין זיין אויפזינג פון זיין ווונדערלעכער „באַלאַדע פון די צוויי מאַמעס״, די מאמע פון ציון און די מאַמע יידיש, וואָס ...האָבן זיך אין ווילנע באַגעגנט... דערהויבט ער און ער דערהויכט זיי, אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט — צו די לויטערסטע סימבאָלן פון אַן עכט און יושרדיק לעבן ביי יידן, ביז צו דעם טראַגישן סוף, ווען עס —

איז איינמאָל געקומען אַ שטורעם פון פייער —
מיט שד׳אישן ברויז,
און אָפּגעווישט ווילנע — די גאַסן, די געסלעך, די קלויז;
די מאַמע פון ציון, דורך נסים — געפירט און געטראָגן,
געפלויגן אַזוי ווי דער נביא פון וווּנדער אין פלאַמיקן וואָגן;
געפלויגן, געשטעלט אירע פיס אויף די זאַמדן פון
ארץ ישראל;
נאָר זי, מאמע־יידיש, געבליבן פאַריתומט — אָן קרוב,
אָן גואל.
...ס׳האָט די ערשטע אין שטאָלצקייט געטאָן זיך פאַרצאַמען
און האָט אָן דער צווייטער פאַרגעסן, געלאָזט אויף
צעשטורעמטע ימען.

ווי ווייטיקדיק־איידל דער דיכטער ביאַלאָסטאָצקי רעאַגירט דאָ אויף דעם טראַגישן ריס צווישן אונדזערע צוויי מאַמעס: די מאַמע ציון און די מאַמע יידיש!

אזוי שפּאַנט אונדזער דיכטער איבער די טראַגישע שטעגן־און־וועגן פון אונדזער „חורבן, גירוש, פּלאָם און שווערד״, אין לידער אויסגע־וויטיקטע, וואָס ברענען זיך אריין אין דיין געמיט און זכרון, מיט דער טראגיק פון

שטעט וואָס זענען לאַנג נישטאָ,

מיט דער באַטאַנונג, אז בלויז

אין זכרון זענען זיי דאָ.

און רעדוצירן זיך אין בעסטן פאַל בלויז צו

ניגון און לעגענדע — צוויי,

וואָס —

אייביק בלייבן וועלן זיי.

ניגון און לעגענדע — דער וואָרטפּולער אויפזונג פון ביאַלאָסטאָצקיס פּאָעמע „לעגענדע ווילנע״, וואָס וועט אונדז אַלעמאָל דינען ווי אַ פּאַטע־טישער נר תמיד אין אונדזער דיכטונג אויף יידיש־קודש נאָך אונדזער אומפאַרגעסלעכער ווילנע — ירושלים ד׳ליטע, וואָס איז שוין איצט אויף אַן אמת אַ

לעגענדע אין וואָר,

לעגענדע וואָס איז דערגאַנגען ביז אונדזער לעצטן דור.

וואָס מערער דו לייענסט און דו לעבסט זיך איין אין דער וונדער־לעכער פּאָעמע: די לעגענדע ווילנע, אלץ מער דאַנקבאַרקייט און אנער־קענונג רופט זי אין דיר אַרויס צו דעם דיכטער, פאַר דעם נישט־זעלטן תפילהדיקן טאָן און כאַראַקטער פון אָט דער פּאָעמע, אין וועלכער ער זינגט:

איך, געבויגענער,
וואָס ס׳איז די שטראָף אין צווייען מיר געגעבן —
צו טראָגן בראָך פון שענדונג און פאַרלענדונג,
און שולד פון בלייבן לעבן — — —

עסייען

די שטראָף צו טראָגן דעם צווייפאַכן בראָך פון שענדונג און פאַר־לענדונג און די שולד פון בלייבן לעבן, שטערט אים אָבער פונדעסטוועגן נישט מקבל באהבה צו זיין זיינע אייגענע זינד און זיך טרייסטן דערביי מיט דעם דעוויז פון דערמאָנען זיך און געדענקען:

נישט זינקען אין יאושדיקן שטומען,
— און דאַרפסט זיך מיט דיין גורל גאָרנישט שעמען —
דו זאָלסט אויפסניי צו זיך אליין זיך קערן,
און זען דעם קץ, וואָס דאַרף נאָך קומען,
אליין און איינציק — גלויב און טרוי אים,
ועסט קיינמאָל שוין נישט זיין — ככל הגויים.
— — — — — — — — — —
און אויב דיר איז אָביסל פרייד באַשערט,
זאָל אויך די פרייד זיין העכער פון דער ערד,
די פרייד זאָל זיין — נישט היינטיק און נישט וואָריק,
און נישט עבודה־זרה׳דיק,
נאָר ווי דיין חלום — פיל טויזנט יאָריק.

אזוי דערזינגט זיך ביאַלאָסטאָצקי צו דער „וואַלד־לעגענדע״, אין וועלכער עס טויכן אויף די נישט־דאַיקע געשטאַלטן — די ...פאַרטיזאַנער, נס געטראָגענער אויף פליגל: יציאת וואַלד!... — דער רומפולער געזאַנג פון אונדזער דריטן חורבן, אין זיין רירנדיקער פאָעמע „די לעגענדע ווילנע״.

ביאַלאָסטאָצקיס לידער פון אַנדערע שפּראַכן, א. ג. „לאָמיר עס הערן אויף יידיש״, טראָגן אויף זיך דעם חותם פון אַן אַחריותפולער, דיכטער־רישער פערזענלעכקייט, וואָס ווייסט באַשטימט וואָס ער וויל, בלאָנדזשעט נישט און איז מיט זיי זיכער עפּעס מחדש.

זיין עסייאיסטישער אריינפיר צו לאָרד בייראָנס „יידישע מעלאָדיעס״ דעמאָנסטרירט דאָ אויף דעם שענסטן און געלונגענסטן אופן זיין טעזע, אַז זיין „ליד און עסיי זענען ביי מיר ענג פאַרבונדן...״ און איך וויל צוגעבן: זייער און זייער געראָטן.

יידישע לאַנדשאַפט אין ליד

(מאיר שטיקער: יידישע לאַנדשאַפט).

דער נאָמען פון בוך: יידישע לאַנדשאַפט, פון מאיר שטיקער — איז א קלוגער. און קלוג איז ער דערפאַר, ווייל ער שפיגלט אין זיך אָפּ, לויט דעם איינדרוק פון די לידער — דעם פאַטאָס פון אונדזער יידישער לאַנדשאַפט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער צערפולן לעבן ווי א פאָלק און ווי יחידים צווישן פעלקער.

די לידער פונעם בוך „יידישע לאַנדשאַפט", פון מאיר שטיקער, פאַר־אינטערעגירן דיך קודם כל מיט זייער אומעט:

ווי א פליג ביי טיטוסן — זשומעט, זשומעט
אין מיינע אויערן דער אומעט —

מיט זייער אָפּנהערציקייט, נאַטירלעכער, אומגעקינצלטער חכמה, מיט וועלכער זיי אָטעמען, אין דעם אויסלייג פון אַ פשטות, וואָס רעדט צו דיין האַרץ, אויף דעם פאָן פון א פאַטאָס, וואָס פאַרכאַפּט מיט דער עכטקייט פון דעם דיכטער, וואָס באַמיט זיך פאַטעטיש צו זוכן —

דאָס אויפגעציטערט יינגל מיט די גלאַנצנדיקע שיך,
דעם פויגלדיקן בעז אין זיינע אויגן, דעם געדוך
פון רויך אין האַרבסט, ווען באַנען יאָגן גיך.
דו פרעגסט מיך וואָס איך זוך? — זיך.

דאָס זוכן זיך־אַליין איז נישט אַזוי פשוט ווי עס קען זיך אויסדוכטן אויבנאויף.

דער וועג צו זיך איז גאָרנישט אַזוי נאָענט ווי מען מיינט, זיכער נישט דער גרינגסטער, און איז אָן יעדן ספק פאַרוואָרצלט אין א טראַגישער באַציאונג צו דעם איינמאָליקן לעבן פון א מענטשן, וואָס פאַר סך־הכלט

זיך ביי מאיר שטיקער אין דעם צער־פולן אויפזונג פון א ראפינירטן פּאָעט, וואָס האָט דעם מוט צו באַטאָנען, אַז —

איך קום צוריק, אָן א רענצל, אָן א טשעמאָדאַן,
ווי עס פּאַסט פאַר אַן איינזאַמען און אַלטן מאַן.
איך ברענג מיט זיך אַ ביטערן געדוך:
צוגעלעגערטע און טוכלע בלעטער פון א לידערבוך.
איך שטעל זיך אָפּ און פרעג: וואָס איז פון אַלץ געוואָרן?
— גאָרנישט! — ענטפערט מיר דער פלאַקערדיקער דאָרן.

דער אוממיטלבארער קהלת׳דיקער טאָן פון שטיקערס ליריק גיט זיך דיר איבער, מיט דעם נאַטירלעכן אויפזונג פון זיין ריטעם, אין דעם לבוש פון אַ לשון, וואָס איז דיר אייגן און פאַרשטענדלעך, נישט זעלטן אויך פאַרוועבט אין דער גאָרער טראַגיק פון דער היינטצייטיקער יידישער לאַנדשאַפט, וואָס ברענט זיך אריין אין דיין געמיט און זכרון מיט דעם פייער, טשאַד און רויך פון א קרעמאַטאָריע־קוימען:

— מיין נאָמען איז בעריש און ביינע איז דער נאָמען
פון מיין ווייב.
אין די צוויי ווערטער האָט איר מיין היסטאָריע:
געראַטעוועט ביים שוועל פון קרעמאַטאָריע.

דאַכט זיך — פשוט. דער גראַם — נישט איבערקלייבעריש. וויפיל פיין, שוויס און בלוט פייערן אָבער אַרויס פון אָט די צוויי ווערטער, וואָס פלאַמען ממש מיט דער עכטקייט פון אָט דער איבערלעבונג, וואָס אילומינירט דייך באַוווּסטזיין מיט דער קלאָרסטער זעונג פון דער קרעמאַטאָריע, דער היינטצייטיקער מזבח פון יידישן לעבן — די טראַגישסטע איבערלעבונג פון אונדזער פילגעפּרוּווטן דור.

און כאָטש דער דיכטער איז דאָ און דאָרטן, ווי געזאָגט, נישט איבערקלייבעריש אין זיין גראַם, פאַלט אפילו אָפּט אַריין אין אַ פאָלקס־טאָן, איז אים אין גרונט גענומען גאָרנישט נישט פרעמד, נאָר דורכאויס אייגן דער סוד פון צימצום, וואָס ער באַהערשט אין דער דיכטונג זיינער.

צוליב דעם איז זיין דיכטונג אַ דורכאויס קאָנצענטרירטע אין פאָרם און אין אינהאַלט און זי פאַרכאַפּט מיט איר דירעקטקייט, קלאָרקייט פון געדאַנק, אין דעם לבוש פון אַ לשון, וואָס גיט זיך דיר איבער מיט דער זויבערקייט און גאָרער דערגרייכונג פון אונדזער וואָרטשאַפט.

די אָפענע וווּנדן פון אונדזער יידישער לאַנדשאַפט ליגן טאַקע פאַר אונדז אָפן, שרייען ממש צו די הימלען און זוכן אַ תיקון. זעלטן ווען אָבער עס גיט זיך עמיצן איין זיי צו פאַרוואַנדלען אין דיכטונג, וואָס באַדאַרף און זאָל זיין דויערהאַפט, לויט די יאָ צי נישט געשריבענע קינסטלעריש־עסטעטישע כללים פון וואָרער דיכטונג.

מאיר שטיקערס יידישע לאַנדשאַפט איז אַנדערש דערמיט, וואָס זי ברענט און זי ברויזט מיט די קענטיקסטע סמנים פון דער עכטסטער איבערלעבונג זיינער, וואָס גיט זיך דיר, אגב, איבער אין דער קלאָרקייט פון בילדער, וואָס ברענען זיך אַריין ווי קין־צייכנס אין דיין געמיט.

דאָס איז דער איבערבלייב:

צוויי ציגל פון א מויער,
צוויי קאַכלשטיינער פון אַ דאַך,
צוויי טויבן אויף דעם לויער,
צוויי יידן אינעם גאַנצן כרך.

א קראָ קומט מיטן ווינט
און ברענגט מיט שניי און ברענגט מיט פרעסט.
זי נישטערט אין געשטיין און זי געפינט
סימנים פון דער ברוינער פעסט.

דער פּאָעטישער כח פון מאיר שטיקער פּערלט זיך דאָ אַרויס פון זיין אומבאַריידעוודיקייט, וואָס רעדט זייער הויך און וואָס איז מוסטערהאַפט אין דער קאָנצענטרירטקייט און קאָנקרעטקייט פון זיינע בילדער, וואָס רירן דיך א סך מער פון דער באַריידעוודיקייט אין דעם מויל פון נישט באַרופענע, וואָס וויסן אָפט נישט ווען־און־ווו אַוועקצושטעלן א פונקט אין זייער דיכטונג אין קלאַמערן.

עסייען

אָט איז אַ מוסטער פון שטיקערס געצוימטקייט:

דיי האָבן אויפגעשטעלט מיליאָנען שיטערהויפנס
אויף מיליאָנען ערטער —
האַנס און ווערטער,
זיגפריד און ברוינהילדע —
און פאַרברענט די שעפּעלעך די מילדע.

דער לעצטער פּערז אַליין רופט אין דיר ארויס די גאַנצע טראגיק פון אונדזער היינטצייטיקן חורבן.

און ווייטער:

איצט בליען בלוטבלומען אויף בלומענבייטן
און בלוטקעפּלעך שפּראָצן פון דער ערד ארויס
אין אַלע אייביקייטן.
א שווארצע מיטה איז איצט הויז נאָך הויז.
די ביימערצווייגן זענען אָפּגעבראָכן
און דאַר און קוואַר און אויסגעהוילט ווי קנאָכן
און פון יעדן שטענגל בעז
שטאַרן פּיאַלעטע אויגן פון א מת.

וואָס פאר אן עשירות פון בילדער־אין־גרויל עס שטאַרצן דאָ ארויס פון מאיר שטיקערס יידישער לאַנדשאַפט — די לאַנדשאַפט פון סאַמע מיט פון אונדזער יאָרהונדערט, וואָס האָט —

מיט פּליס, מיט מי, מיט אייזלשן געדולד,
געקלאַפּט די טשוועקעס און געדרייט די שרויפן —
אויפן אַלטבאַקאַנטן אופן פון גערמאַנען.

וואָס אַלע אַן אויסנאַם —

האָבן גאָט און פאַך פאַראָטן
און מיט דלאָט און האַמער און א קאַלטער האַנט
אויסגעקלאַפּט די גלאָריע פון זייער לאַנד.

י. בראָנשטיין

דער פּאַטאָס פון שטיקערס חורבן־מאָטיוון אין זיין דיכטונג זינגט־אויף אין דיין געמיט מיט דעם ניגון פון איכה. און לאַנג נאָך דעם ווי דו האָסט זיך איינגעלעבט אין זיי, גייען זיי דיר נאָך אין דער פולער נאַקעטקייט פון זייער גרויזאַמקייט, וואָס שרייט:

דעם שונא׳ס שווערט
האָט אונדזער האָב־און־גוטס צעשטערט.
אין ליקן און אויף הינטערוועגן
וואַלגערן זיך בעבעכעס פון אונדזער אַלט פאַרמעגן,
און יעדעס פעלד און יעדע בייט איז
פאַרזייט מיט אויסגעפליקטע בערד פון אונדזערע זיידעס.

אַ דאַנק דער פשטות, זויבערקייט און אָפּגעהיטקייט פון זיין לשון, אין א געלייטערטן סטיל פון קלאָרקייט, איז שטיקער גובר די צייטווייליקייט פון זיין חורבן־טעמאַטיק און ער דערהויבט זי צו יענער אייגנאַרטיקער אייגנשאַפט פון דיכטונג, וואָס ווייסט נישט פון קיין צייטסעזאָנען און פאַרבלייבט אין דעם געדעכעניש פון דער ליטעראַטור אייביק און פּערמאַנענט, ווי אַ דערמאָנונג אָן דעם, אַז —

אונדזערע טייכן — פאַרצאַמט.
אונדזערע ברונימס — פארסמט.
אין די גערטנער, צעאַקערט פון ווינט,
ראַיען חזירים און הינט,
און אין פארפּאַפּטן פלאַקס פון קוקורוזעס
לויכטן שדי׳ם ווי אויף מזוזות.

זיין יידישע לאַנדשאַפט ווערט צוליב דעם דערהויבן צו דער קדושה פון מאַרטירערשאַפט, וואָס איז ליידער אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין אונדזער לאַנגיאָריקער געשיכטע אין גאָר אַ סך גלותן.

און טאַקע צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין אַזוי פאַרוואָרצלט אין אונדזער יידישער, דורכאויס פאַטעטישער לאַנדשאַפט, געפינט ער א טרייסט אין זיין דעוויז:

עסייען

איך גיי מיט אַלע יידן
וואָך איין, וואָך אויס אזוי.
מיר וועלן איבערלעבן
דעם לעצטן שבת־גוי.

כאָטש דער שבת־גוי, ווי מיר ווייסן, האָט ביי אונדז שוין לאַנג צוריק פאַרענדיקט זיינע פונקציעס...

די לידער שטיקערס, א. נ. „אין שענק פון מיין חלום", דעמאָנסטרירן אויף דעם שענסטן אופן דעם מהות פון דיכטונג, וואָס איז פאַרקינדיקט צו דער גאָרער שיינקייט פון דעם לעבן, אין דעם לבוש פון שפּראַך. זיינע לידער אָטעמען מיט דעם רירנדיקסטן בלענד פון דעם האַרבסט, אין דעם לעבן פון אַ מענטש.

א באַזונדערס רירנדיקן איינדרוק מאַכן די עטלעכע געציילטע לידטר לכבוד אַ צאָל באַליבטע דיכטער אונדזערע, צו וועלכע שטיקער האָט די אינטימסטע באַציאונג פון פּיעטעט — צו זיי און זייערע לידער.

אָט די לידער אָטעמען מיט דער רעזיגנאַציע, טיפסטן אומעט פון א מענטשן, וואָס באַנעמט דאָס לעבן מיט חכמה, דאַנקבאַרקייט, הנאה און רירנדיקסטער הכנעה פון אַ יליד אישה:

א לויב צו גאָט פאַר זיינע וווּנדער,
וואָס ער האָט מיך געבראַכט אַהער,
אז איך זאָל קאָנען איבערלאָזן
אין הארץ פון באַרג אַ קליינע טרער.

אָט די קליינע טרער זיינע וואַרעמט דיין האַרץ און בינדט דיך צו צו דער אומבאַגרענעצטער שיינקייט פון ז י י ן ליד, וואָס איז עכט און גיט זיך דיר אָבער אָן די שמד־שטיק פון אָנשטעל, וואָס איז אַזוי אייגן דער פסעוודאָ־דיכטונג, אין דער צעשוווּמענקייט פון א ים מיט רייד, דעם אויפבלאָז פון „דיכטונג" אין כמות.

נישט אומזיסט זינגט שטיקער אַזוי איראָניש אין זיין ליד „די קליינע לידער טוען ווייי":

י. בראַנשטיין

מיר, קאַרליקלעך מיט שפּינגעוועבטע הענט און פיס
און קעפּ ווי קוואַסניצעס — מיר שטייען לעבן אייך
אין אַנגעשוואָלענעם שאָטן פון אייער גדולה.
איר פּרייכט און קייכט, איר ניסט און הוסט
און טריפט אויף אונדז מיט אייטער אין די אויגן.
איר שפּרייט אויף אונדז די דוכנדיקע הענט,
וואָס מאַכן אָן א ווינט און בלאָזן אונדז אַוועק.
מיר קומען אָבער באַלד צוריק אויף אַלע פיר
און איר זענט אונדז מהנה מיט אַ שמייכל.

זאָלן עס געדענקן יענע דיכטער אונדזערע, די באַוווסטע ווי די אומבאַקאַנטסטע, אז די אמתע דיכטונג פאַרטראָגט נישט קיין פּילריידעריי. נאָך מער: מיט צעבייכלטע, פּילזייטיקע לידער־ביכער, קומט מען זעלטן אָן דאָרט וווּ מען וויל און מען באדאַרף אָנקומען.

שטיקערן איז אויך נישט פרעמד די סאַטירע, מיט וועלכער ער בייטשט אזוי גאַליק, כמו משה לייביש — אין א היפּשער צאָל לידער זיינע.

ער איז אויך היימיש מיט דעם מאָטיוו פון טויט, וואָס וויינט אַרויס פון דעם אומעט פון זיינע לידער. זיין אויפפאַסונג פון טויט איז אָבער בדרך כלל א קלוגע. דער דיכטער טרייסט זיך דערמיט, וואָס —

יעדער שטיין אויף יעדער גאַס וועט זיין מיין קבר,
מיין לעצטער הויך וועט בליען אויף יעדער שויב.
— — — — — — — — — — — — — —
די בלומען, די שטערן און די פּרויען,
וואָס שווימען אין די טייכן פון מיין בלוט —
וועלן זינקען אַזוי ווי אין אַ זומפּ אַ גרויען
און שטאַרבן מיט מיר אין דער זעלבער מינוט.

און כאָטש דער דיכטער האַלט זיך נישט פאַר קיין קריגער און קיין שלעגער, קומט ער אָבער פון זיינע לידער ארויס ווי אַ קעמפערישער

ייד און העלדישער מענטש, אַ דאַנק זיין נאַטירלעכער חכמה, טאַלאַנט און אחריותפולן איינשטעל פאַר ז י י ן ליד־אין־וואָרט — וואָס לאָזט זיך באַהערשן פון אַ זעלטענעם באַוווסטזיין פון זיין אַ ייד, וואָס האָט זיין גאַנצן טאַלאַנט געווידמעט דער יידישער לאַנדשאַפט, וואָס איז פאַר־וועבט אין דער טראַגיק פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע, וואָס ער נעמט אויף מיט דער האַרטנעקיקייט פון זיין פאָלק אין דער פאָרם פון עכטע, גוט־אויסגעפירטע, רייפע לידער.

אונטער דעם צייכן פון מיסטישע אנשויונגען

(א. אַלמי: לעצטע געזאַנגען)

אין דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג, ווען אויף אַלע געביטן פון דעם לעבן שלאָגן מיר זיך אָן אָן דעם, וואָס מיר רופן: ספּעציאַליזאַציע, קען גאַטירלעך די ליטעראַטור אויך נישט זיין קיין אויסנאַם. דאָרט ווו איינער למשל ספּעציאַליזירט זיך ווי א פּאָעט אין דער פּערזן־קונסט, איז ער לרוב שטאַרק הינטערשטעליק אויף דעם געביט פון שרייבן א קערנדיקע פּראָזע. קיין אַקסיאָמע, אָבער, איז עס נאַטירלעך נישט. יעקב גלאַטשטיין, זלמן שניאור, צי חיים גראַדע למשל, זענען שעפעריש אַקטיוו — כמעט מוסטערהאַפט — אויףביידע געביטן פון זייער שאַפן: דיכטונג און פּראָזע. א זעלטענער אויסנאַם איז ביי אונדז דער שריפטשטעלער א. אַלמי, וואָס איז ביי אונדז זייער אַקטיוו אין אַ סך פאָרמען פון שרייבן, צוליב דעם איז ער אַ ביז גאָר קאָמפּליצירטע, גייסטרייכע און אויך קאָליריפולע פּערזענלעכקייט. דערפאַר טאַקע איז נאַטירלעך נישט גרינג אים תופס צו זיין על רגל אחת, אין אַן איינמאָליקער אַרבעט, נישט האָבנדיק נאָך דערצו זיינע ביז איצטיקע ווערק צו דער האַנט. וועל איך זיך דאָ אפילו נישט באַמיען צו מאָלן אַ פולן פּאָרטרעט פון זיין ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט, נאָר פּרווון בלויז אַ טראַכט טאָן אין דער הויך וועגן אים, אין שייכות מיט זיין לידער־בוך „לעצטע געזאַנגען".

דאָס בוך „לעצטע געזאַנגען" פון אַ אַלמי איז — ווי דער געראָטענער מחבר — א באַשיידן בוך לידער פון אכציק זייטן, וואָס באַשטייט פון דריי אָפּטיילן: מיט פאַרבראָכענע הענט, אַליין און באַנאַנד, און אמר ר׳ יוחנן הסנדלר.

א. אַלמי, ווי געזאָגט, איז נישט נאָר א דיכטער פון פּערזן, נאָר ער איז בלי שום ספק אויך אַ דיכטער אויף א סך געביטן פון זיין פּראָזע־קונסט, וואָס שליסט איין די טעמאַטיק פון ספּיריטואַליזם, כינעזישע פילאָ־

זאָפּיע, בודאָ, הומאָר, עסייאיסטיק, פּאַן־אָריענטאַליזם, די מיטאָלאָגיעס פון מצרים, יאַפּאַן, אינדיע און אַנדערע טעמעס. ס׳איז דעריבער שווער צו זאָגן אויף וועלכן געביט פון שרייבן ער ספּעציאַליזירט זיך אַמבעסטן, מיט אַן אויסגעשפּראָכן אייגענעם פּנים. ער איז אָבער אַן יעדן צווייפל א דיכטער פון פּערזן, אין וועמענס דיכטונג עס פילט זיך די השפּעה פון דעם דרך המלך און קינסטלערישער דערגרייכונג פון אונדזער דיכטונג אין אַלגעמיין.

קודם כל זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אז די לידער א. נ. „מיט פאַרבראָכענע הענט״, וואָס זענען געשריבן אויף דער פּאַן פון אונדזער נאַציאָנאַלער טראַגיק אין דער תקופה פון דער היטלעריסטישער ערע, זענען ווייט נישט הינטערשטעליק, אין זין פון פּאַטאָס, לגבי די בעסטע לידער פון אונדזער חורבן־דיכטונג. דאָס איז אַ דערגרייכונג!

די לידער האָבן פריער פון אַלץ די מעלה, וואָס זיי שטעקן דיך אָן מיט דער דינאַמיק, צער־און־צאָרן פון דעם דיכטערס איבערלעבונגען, ווי א דיכטער, ייד און מענטש.

א. אַלמי, וואָס טיילט זיך אויס ווי א זעלטן שטילע, עטישע פּערזענלעכקייט, מיט זיין זייטיקן און אייגענעם גאַנג אין דעם וואַלד פון אונדזער ליטעראַטור, איבערטרעפט דאָ זיך אַליין, דווקא מיט זיין קריגערישן צוגאַנג צו דעם בורא, צו וועמען ער רעדט פּער־דו און וועמען ער וואַרפט פאָר זיין אכזריות צו ייד און מענטש. און כאָטש דער דיכטער באַטראַכט זיך אַליין, אין דעם אַנגעזיכט פון דער געטלעכקייט, ווי אַ וואָרעם, וואָגט ער פונדעסטוועגן צו באַטאָגען:

דאָך שטיי איך דאָ פאַר דיר אין פעלד,
אָן פּחד — און איך קלאָג דיך אָן
פאַר נאַכט און וועלט.
זאָל אונדזער אומגליק פאַלן אויף דיין טראָן,
זאָלסט קיינמאָל אינעם קאָסמאָס נישט קיין רו געפינען
און אייביק זאָל דיך פּייניקן דאָס איכה־ליד
פון ברענענדיקן ייד,
וואָס איז אַראָפּ פון זינען!

י. בראָנשטיין

דער וואָרעם קלאָגט דאָ אָן דעם באַשעפער פאַר זיין אָן אכזר!

און דער דיכטער פון עטישע ווערטן — אַלמי — דערפירט זיין שטילקייט צו דעם טעמפעראַמענטפולן אויפברויז פון א שעלטער, וואָס דערשלאָגט זיך בהדרגהדיק צו דעם דעוויז, אז —

גאָט איז געשטאָרבן!

פאַרגלייכט מען אָט די קלאָג־לידער, אַלמיס, צו די תמימותדיקע לידער זיינע אין דעמזעלבן בוך א. נ. „אמר ר' יוחנן הסנדלר", ווערט ערשט פיינלעך קלאָר דער ווייטערדיקער איבערגאַנג פון דעם דיכטערס אַבסאָלוטער תמימות צו דער אויסגעשפראָכענער גאָליקייט זיינער אויף דעם גורל פון אונדזער פאָלק אין דער תקופה פון דעם היטלעריזם. די פאַרוואַנדלונג פון זיין קרעדאָ, אז

... אַלץ איז איין האַרמאָניע,
אַלץ פאַרוועבט איז אין גאָטס מוסטער...

אין דעם אויפברויז פון זיין קללה קעגן דעמזעלבן גאָט, שטויסט אים טיילווייז אַרויס פון זיין בנעימותדיקער שטילקייט און באַשיידנקייט, און טיילט אים אויס ווי אַ דיכטער מיט אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער.

די קלאָג־לידער זיינע — טעמפעראַמענטפול און קלאָר — זענען אָבער אַלצאיינס נישט כאראקטעריסטיש פאַר זיין מענטאַליטעט אין אַלגעמיין. אַלמי דער מיסטיקער און זוכער פון עטישע ווערטן איז נאָך אַלץ מער אידענטיש מיט יענעם אָפּקלייב פון זיינע לידער, אין וועלכע ער זוכט אַבסאָלוטע שלימות. אלמי זינגט:

אין דעם ווילן צו גרייכן שלימות
איז דער תכלית פון דעם לעבן.

און ווייטער —

טו מיט ליבע דיין מלאכה,
לייג דערין אריין דיין רצון —
און גאָטס חכמה און זיין ברכה
וועלן פון דיין ארבעט שפּראָצן.

עסייען

כדי אָבער צו דערגרייכן גאָטס חכמה און זיין ברכה, מוז אַלץ געטון ווערן מיט ליבשאפט. און כאָטש די קלאָג־לידער דינען זייער צוועק: רודערן אויף אונדזער געמיט אין שייכות מיט דער טראַגיק פון אונדזער דור און תקופה, זענען אָבער די לידער א. ג. „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״ מער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער דיכטער, אין דעם פולן הסכם מיט זיין גאָט־וועלט־און־מענטש אויפפאַסונג און אין לעצטן ס״ה אויך פון אַ מער דויערהאַפטן כאַראַקטער. צוליב דעם איז דאָ נישט וויכטיק די כראָנאָלאָגיע פון זיינע לידער, נאָר וויכטיק איז **דער** תוכן זייערער. וויכטיק איז, אַז זיין געפיל פון הכנעה ווערט דאָ דערהויבן צו דער עכטקייט און נאַטירלעכער פשטות פון **זיין** גאָט־באַגריף, וואָס פאַלט אגב צענויף מיט **דער** געמיטלעכקייט פון זיינע אַנשויונגען אונטער דעם צייכן פון מיסטיק.

דער תוכן פון זיינע וווּנדערלעכע „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״־לידער איז פון אַזאַ כאַראַקטער און ווערט, אַז עס ווילט זיך זיי אַלעמאָל לייענען און געניסן, צוליב זייער קאָסמישן אויפזונג און באַהעפטונג מיט **דער** יצירה. צוליב דעם זיין פריידיקער אויפזונג און לויב צו גאָט:

א דאַנק דיר, גאָט, וואָס כ׳בין א ייד\
און נישט קיין הייד, וואָס דינט צום געץ —\
און כ׳האָב דעם זכות צו טראָגן שטאָלץ\
דיין סיני־וואָרט און דיין געזעץ.

דער גאָט־באַגריף ביי אַלמין איז אַגב אַנדערש ווי דער גאָט־באַגריף ביי אַנדערע היימיש־יידישע פאָעטן. ביי אַנדערע — בדרך כלל — אַן עמאָציאָנעלער, ביי אַלמין — אַ דורכאויס מיסטיש־פילאָזאָפישער, וואָס איז ביי אים פאַרוואָרצלט אין אַ זעלטן רייכער ערודיציע. צוליב דעם איז זיין שפּראַך איבערגעלאָדן מיט תורה־ווערטער פון א וועלטלעכן כאַראַקטער, נעמען פון שטערן און סתם ווערטער, וואָס פיגורירן זעלטן ביי אונדז אין לידער. צוליב דעם אפשר ווערט ער קיינמאָל נישט מיד צו באַטאָגען און ווידערהאָלן זיין גאָט־קרעדאָ, ווי ער טוט עס למשל אין זיין ליד „באהבה״:

י. בראָנשטיין

בלויז דער, וואָס פילט אין זיינע ביינער
א נאָענט באַהעפטעניש מיט גאָט —
האָט אין געדאַנק — אַ לויטער־ריינער —
דערגרייכט די טיפן פון אחד.

אין דער שטרעבונג צו דערגרייכן די טיפן פון אחד ליגט, דוכט מיר, דער זין, תוכן, שיינקייט און דערגרייכונג פון אַלמיס „אמר ר׳ יוחנן הסנדלר״־לידער. צוליב דעם דער אַקסיאָם:

נישט קיין חילוק: אונטן, אויבן,
אויב אין האַרץ איז גאָט און גלויבן.

גאָט און גלויבן — דער סאַמע עסענץ און הינטערגרונט פון אַלמיס געזאַנג, אין דער פערזאָניפיצירונג פון גאָט־און־מענטש.

אַלמיס לידער פון צער און צאָרן, יאוש און פראָטעסט, די לידער זיינע א. ב. „מיט פאַרבראָכענע הענט״, טאָר מען נישט ציטירן, נאָר לייענען זיי אין זייער פולער גאַנצקייט. זיי זענען באמת קליין אין צאָל־און־גרויס, דערפאַר אָבער — ג ר ו י ס אין אינהאַלט. צוליב דעם — אַ זעלטענער צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

„אַליין און באַנאַנד״ זענען נישט קיין סך אַנדערש פון די ערשט דערמאָנטע לידער. דאָ, ווי דאָרט — און אין די וויטערדיקע לידער פון דעמזעלבן בוך — וואַרפן זיך אין די אויגן לידער מיט אַ מאָראַל, לידער — וואָס זאָגן דיר בפירוש עפּעס, זוכן און מאָנען דעם מענטש אין דעם מענטשן, וואָס איז ליידער — נישטאָ... און באַקלאָגן די איינזאַמקייט פון דעם יחיד אויף דער ערד, וואָס איז, לויט אַלמין, נישט מער ווי אַ מילב צווישן מילבן, און אַז —

אין מיר איז דער קריג און דער האָס,
אין מיר איז דער חורבן־געוויין.

דאָ זענען אָבער אויך פאַראַנען לידער פון גרויס־מענטשלעכן ווערט, ווי למשל דאָס ליד „אַלע זענען מיר פּאָעטן״, אין וועלכן ד י זינגלעכע

ע ס י י ע ן

מי פון יעדן שעפערישן מענטש, גרויס און קליין צוגלייך — ווערט דער־הויבן און דערהויכט צו דער מדרגה פון וואָרער דיכטונג.

אין זיין ליד „באַהעפטונג״ פאַר סך־הכלט אלמי ז י י ן אָנגעהערי־קייט צום פאָלק אַזוי:

איך וויל מען זאָל אין מיין געשטאַלט
מיין אייביק פאָלק דערקענען.
— — — — — — —
כ׳וויל באַהעפטן זיך מיט מער,
מיט פאָלק אין אומגליק קלאָגן;
און נאָך מיין טויט זאָל וויינען ווער
און קדיש נאָך מיר זאָגן.

פאַר מיר איז דעריבער קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַז אַפגעזען דערפון, וואָס שאפן לידער איז ביי אַלמין קיינמאָל קיין קולט נישט געווען און ער איז אין לויף פון יאָרן — אַ לעבן לאַנג! — געווען מער אַקטיוו אויף א סך אַנדערע געביטן פון זיין שרייבערישער עבודה, איז ער דאָך געווען און אויך פאַרבליבן א דיכטער פון פערזן, לויט דעם איינדרוק פון ז י י ן גייסטן לידער־בוך א. ב. „לעצטע לידער״, וואָס קענען דינען ווי אן אָנזאָג — אַדערויף — אויף נייע שעפערישע לידער פון דעם דיכטער א. אַלמי.

ליד פון גלויבן און בטחון (עסיי)

(אהרן ניסענזאָן: אין צדיקס טריט)

צווישן דעם גרויסן און קליינעם ליד קומט תמיד פאַר אַ גערעאַנגל פאַר איכות און נישט פאַר כמות, פאַר דער גרויסוועריקייט פון דעם תוכן, וואָס האָט אַלעמאָל ליב זיך צו פאַרוואַרצלען אין דעם צימצום פון א דורכאויס קאָנצענטרירטן געדאַנק (ווי דער אַראָמאַט אין אַ בלום), קלאָרקייט פון בילד און בילדלעכן אויסדרוק, אויפן פאָן פון פשטות, מיט דער באַריידעוודיקייט פון דער פסעוודאָ־דיכטונג, וואָס האָט בטבע ליב דאָס פאַרקערטע — זיך פוצן און מעסטן מיט דורכאויס גרויסע צאָלן פון פערזן און זייטן פון א חיבור.

דער קען־צייכן פון גוטער דיכטונג ליגט קודם כל פאַרוויקלט אין דער שעפערישקייט פון אַ דיכטערישער פערזענלעכקייט, וואָס רייסט מיט געמיטלעך דעם מיטשעפערישן און דערפאַר אַקטיוון לייענער מיט די זעונגען זיינע, וואָס באַדאַרפן און מוזן זיך אַנטפּלעקן פאַר אים, מיט דעם רייץ און חן פון אויפגייענדיקן ליכט, ביים אויפברוך פונעם באַגינען.

און כאָטש עס איז דער אידעאַל פון יעדן שעפערישן דיכטער מיט אחריות צו דערגרייכן אין זיין שאַפן דווקא און דורכאויס דאָס קליינע ליד, קליין — אין דער צאָל פון פערזן, און גרויס — אין אינהאַלט, איכות און פאַרנעם, באַקומען זיך ביי אונדז אָבער לעצטנס דורכאויס בייכיקע ביכער, וואָס קענען נישט אַנדערש ווי פאַלן שווער אויף דעם געמיט פון אונדזער באַגרענעצטער צאָל לייענער, אין דער עפּאָכע פון אַטאָמישער ענערגיע, ווען צייט איז דער דאָמינירנדיקסטער פאַקטאָר אין אונדזער צערודערט לעבן.

איך באַטאָן: אַ ליד, ווי קליין אָדער גרויס עס זאָל נישט זיין אין דער צאָל פון פערזן, איז א ווערק פאַר זיך אַליין. צוליב דעם,

באַטאָן איך ווידער, פאָדערט עס — דאָס ליד — די פולסטע אויפמערק־זאַמקייט פון דעם לייענער, — ווער עס זאָל נישט זיין! — וואָס מוז און זאָל זיין ערליך אין זיין אויפנעם פון דעם ליד צו דעם דיכטער און צו זיך אַליין — דעם רעזאָנאַנס, וואָס עס קריגט אין דער אָפּשפּיג־לונג פון זיין געמיט, האַרץ און נשמה. צוליב דעם פרעג איך: ווי אַזוי איז עס מעגלעך, — פּסיכאָלאָגיש און פּאַקטיש — אין אונדזער צערוי־דערטער צייט פון דורכאויס וואָכעדיקן לעבן, וואָס ווייסט כמעט מער נישט פון קיין ראָמאַנטישן צוגאַנג צו דיכטונג, דער אויפזונג און אויך די איבערלעבונג פון כולו יום־טוב?

צוליב דעם אַליין און נאַטירלעך אויך צוליב א סך אַנדערע עיקר־טעמים, דער עיקרשט — דער וואָגיקייט אין אינהאַלט און פאָרנעם, האָב איך זיך שטאַרק געפרייט מיט דעם באַשיידענעם לידער־בוך: „אין צדיקס טריט" פון דעם דיכטער אהרן ניסענזאָן, וואָס זענען געשריבן לויט דעם דעוויז פון גרויסן אינהאַלט אין קליינע — אויך אין צאָל — לידער.

„אין צדיקס טריט" פון אהרן ניסענזאָן איז קודם כל אַ גרויס בוך אין א גאָר קליינעם לבוש פון איבער 50 קורצע, אָבער דורכאויס וואָגיקע און אינהאַלטרייכע לידער, געשריבן מיט דעם בלוט פון האַרץ, געוויסנהאַפט און ערלעך, אויפן פּאָן פון גלויבן און בטחון און דער ליבשאַפט פון מענטש, וואָס זינגט אין פולער האַרמאָניע מיט דער קרעאַטור:

האָב ליב — דאָס איז דער זין פון אַלע זינען;
אַט דאָ וועסטו דעם סוד פון דעם אייביקן געפינען.

די אייגנשאַפט פון ליבשאַפט צו וועלט און מענטש, לעבן און טויט, דאָמינירט כמעט אין אַלע לידער פון דעם בוך „אין צדיקס טריט", מיט דעם זעלטענעם אויסנאַם פון יענע ווייטיקדיקע לידער, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס צער איבער די גרוילטאַטן פון די קאַניבאַלן פון אונדזער צייט — די דייטשוקן.

די לידער פון בוך „אין צדיקס טריט" זענען איבערגעלאָדן מיט תוכן, חכמה און טיפיש יידיש־עטישע ווערטן, וואָס דערמאָנען אין די פּרקי־אבות און פאַלן צונויף מיט דעם איינשטעל פון צדיק, וועמענס הכנעה

און שלימותדיקע באַגריפן פון גאָט, וועלט און מענטש זענען נישט נאָר נישט קיין שטער, נאָר אין קעגנטייל, די אַבסאָלוטע טרייב־קראַפט און דער אינספּערירנדיק־דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער דיכטערישער אינטערפּרעטאַציע פון דעם היינטצייטיקן דיכטער אויף יידיש־קודש אהרן ניסענזאָן, פון דעם אַלץ־אַרומנעמענדיקן באַגריף פון האַרמאָניע אין דער נאַטור: וועלט, מענטש, לעבן און טויט, אין דער קרוינונג פון דעם מענטש, וואָס זאָגט:

און כאָטש די מעשים מיינע זענען אָפּטמאָל שטייביק,
בין איך אָבער, ווי דו, אויף אייביק אייביק.

ליד, וואָס מיינט — דערהויבונג פון מענטש צו גאָרער שיינקייט, האָט בלויז דאַן א ווערט, ווען די דאָזיקע אייגנשאפט פון ליד פאַרשיכורט דיין געמיט ביז צו עקזאַלטאַציע און טראָגט דיך אַריבער אויף די מאַגישע פליגל פון דעם דיכטערס עמאָציעס איבער דער גאָרער גרויקייט פון וואָך, און יום טובט דיך אַריין אין דער אילוזאָרישער וועלט פון א העכע־רער רעאַליטעט, וואָס דערהויבט דיך ממש צו דער התקרבות פון גאָט, וואָס אין דיכטונג מיינט עס: האַרמאָנישער צוזאַמענגוס מיט דער גאָרער וועלט פון לעבן און טויט, אָן דעם דאָגמאַטישן הינטערגרונט פון רעליגיע.

אהרן ניסענזאָן, דער דיכטער פון דעם בוך „אין צדיקס טריט״, האָט עס, דוכט מיר, דאָ דערגרייכט, אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן פון ז י י ן ליד, אין א בגד פון פשטות און גאָרער קלאָרקייט.

און כאָטש דער איינדרוק קען אפשר זיין, אז דער דיכטער אגיטירט דאָ און אָפּערירט מיט אידעען, וואָס פאַלן אריין אין אַ טאָן פון פרומקייט, האָט ער זיך אָבער גליקלעכערווייזע און אויף דעם נאַטירלעכסטן אופן דאָ פאַרגאַרטלט מיט אזא זעלטענער עכטקייט אין ז י י ן ליד, וואָס וואַרפט אַראָפּ יעדן חשד פון זיך און טיילט אים אין קעגנטייל אויס, ווי א טיפּיש יידישן דיכטער, וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין יידישער עטיק, וואָס פאַרוואַנדלט אים דאָ בלויז אין דעם איבערגיסער פון אַלטן, גוטן וויין אין א דורכאויס נייער כלי: די שפּראַך און פאָרעם — די נייע כלי; דער גרויס־וואָגיקער פאַרנעם און תוכן — דער מה שיש בו; און ער

אַליין — דער דיכטער אהרן ניסענזאָן — דער זינגער פון גלויבן און בטחון, — אין דעם לבוש פון היינטצייטיקן יידיש־קודש.

צוליב דער עכטקייט פון ניסענזאָנס גלויבן אין דער עטישקייט פון מענטשן, געפינט ער אַ „... זין אין אַלע שיינקייטן...״ אין דעם זכות פון די אַלע, וואָס האָבן „געגרויסט גאָטס נאָמען אין תפיסות, קעלערן, אויף תליות און באַגין...״

און אויך טרייסט געפינט דער דיכטער אין די רייד פון דעם צדיק, וואָס זאָגט: „... די פינצטערניש שניידט דורך א פייערזייל...״ וואָס פירט און מוז פירן צו גאָרער ליכט. צולב דעם דער אויפזונג אין זיין ליד „טו אויס די מאַסקע״:

נאָר אז דאָס הארץ איז אָפן און דאָס פּנים אויך,
ווערט לשון הרע ווי וואַקס אין זון צעגאַנגען;
די רשעות שווינדט, ווי אינעם ווינט דער רויך,
און ס׳לויכטן פון דיר טיף גאָר אַנדערע גען.

ווייל —

נאָר איין זאַך האָט אַ ווערט: דאָס פּשוטע און עכטע,
נאָר דאָס אַליין קוואַלט פון יצירהס טיפן קוואַל,
און פרישט און קילט, ווי צווישן בערג אַ וואַסערפאַל;
אַלץ אנדערס איז פאַרגעגלעדן, ווי עס איז דער נעכטן.

דאָס פּשוטע און עכטע — פּשטות און עכטקייט — די כאראקטעריס־טישסטע אייגנשאפטן פון די לידער „אין צדיקס טריט״ פון אהרן ניסענזאָן.

כאראקטעריסטיש זענען אויך די לידער ניסענזאָנס אויף נאַציאָנאַלע טעמעס, ווי „אין די טעג פון גאולה״, „מיין שטאָט ירושלים״, „ישראל״ און אַנדערע, אין וועלכע עס ווייטיקט־אויף די פריידיקסטע איבערלעבונג פון אונדזער דיכטער ביי דעם ליכט פון דער אומגעריכטער דערשיינונג — נס ישראל, אין וואונדערלעכע, טרעפלעכע און ביז גאָר געראָטענע, דורכ־אויס שיינע לידער.

ישראל שטערן און זיין בוך:

לידער און עסייען

דער צוגאַנג צו די ווערק פון א קדוש איז אַנדערש, עקסטרעם אַנדערש ווי אפילו דער צוגאַנג צו די ווערק פון א נפטר, וואָס האָט אויף אזא אָדער אַנדערן אופן נאָרמאַל אויסגעלעבט זיינע טעג, נעכט און יאָרן, דאָ אויף דער ערד.

ביים ערשטן באריר מיט די כתבים פון א קדוש פון אונדזער צייט און תקופה, ווי אין דעם פאַל ישראל שטערן — ציטערט אויף דיין האַרץ.

דו נעמסט זיין בוך אין דער האַנט און דיינע פינגער נעמען דיך בריען.

דו קוקסט אויף די „לידער און עסייען" זיינע און דיר דוכט, אַז דו ווערסט אַרומגענומען פון אַ מיידאַנעק־פייער, וואָס פאַרכאַפּט דיין אָטעם, פאַראַשט דיינע וויעס, און די אויגן דיינע פאַרגיסן זיך מיט בלוטיקע טרערן, וואָס וואַרגן דיך אין קעל.

די מאָסן און מעטאָדן, מיט וועלכע דו נעמסט געוויינלעך אויף די קינסטלערישע אַרבעט פון א דיכטער בכלל, טוען זיך אָפּ פון דיר אינגאַנצן. עס שלאָגן דיר די שליפן, דיין האַרץ קלאַפּט און ווייטיקט אויף דעם גורל פון דעם דיכטער, וואָס איז אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, און אין דיין באַוווסטזיין, האַרץ־און־נשמה, לעבסטו איבער דעם קאָשמאַר און די טראַגיק פון אונדזער תקופה.

דו לייענסט און דו ווייסט, ווער־און־וואָס דו לייענסט. פונדעסטוועגן, ווערסטו אָבער געיאָגט און געטריבן פון א מאָדנעם אימפּעט, וואָס דערלאָזט אַבסאָלוט נישט, אַז דו זאָלסט זיך אָפּשטעלן אויף אַ מינוט, דאָ און

דאָרטן קריטיש אויפנעמען־און־באַנעמען, פאַר זיך אַליין באַלייכטן דאָס געלייענטע.

ווער איז ישראל שטערן און וואָס שטעלט ער מיט זיך פאָר?

לויט דעם איינדרוק פון זיינע „לידער און עסייען", וואָס האָבן זיך אגב צופעליק אויפגעהאַלטן און אויפגעהיט אין פאַרעלטערטע זשורנאַלן און צייטונגען, וואָס זענען איצט צענויפגעשטעלט געוואָרן פון ה. לייוויק און דערשינען אין בוך־פאָרם דורך דער „ל. מ. שטיין פאָלקס־ביבליאָטעק", ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, איז ישראל שטערן געווען־און־פאַרבליבן א דיכטער עסייאיסט אין טאָגן. איך זאָג: טאָגן, און איך באַטאָן עס, ווייל די מערסטע כתבים זיינע אין מאַנוסקריפּט זענען אומגעקומען צוזאַמען מיט דעם דיכטער אין די היטלער־פייערן, און קיינמאָל נישט דערגרייכט אונדזער עפנטלעכקייט. זיין נישט־אויס־געלעבט לעבן אין לעבן און אויך אין דער ליטעראַטור דינט אונדז דעריבער בלויז ווי א דערמאָנונג אין א דיכטערישער פּערזענלעכקייט בלויז אין טאָגן, אָבער ליידער נישט אין פולן גלאַנץ־און־אויפבלי פון זיין עמאַציאָנעלער און גייסטיקער עשירות, וואָס איז צעאַשט געוואָרן אין דער גאָרער טראַגיק פון דער היטלער־תקופה, אין דעם סאַמע ברען פון זיין אויפטאָג און אַנטוויקלונג.

ישראל שטערן, וואָס האָט נישט אַנדערש ווי געוואָלט, אַז זיין ליד זאָל דווקא זיין „אויף טויזנט שלעסער פאַרשלאָסן", צוליב אַ פינצטערן גורל וואָס אים איז באַשערט געווען, איז פונדעסטוועגן יאָ געווען באַ־הערשט פון א זעלטענער עכטקייט און אָפנהאַרציקייט אין זיין ליד און אויך אין זיין עסיי, וואָס האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרברודערט צו דער אייגנשאַפט פון איין געוויסנהאַפטן איינשטעל פאַר דער חשיבות פון דעם געקריוודעטן און באַליידיקטן מענטש פון זיין צייט און זיין דור.

און כאָטש ער איז געווען באַוווסטזיניק וועגן דעם, אַז „צו גאָט גייט מען איינער אַליין", איז אים פונדעסטוועגן נישט געווען באַשערט צו גיין איינער אַליין צו גאָט, און ער האָט געטיילט דעם טראַגישן גורל פון אונדזער קאָלעקטיוון קדוש אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע...

די תפילה פון זיין האַרץ איז געווען: צו זיין געבענטשט מיט

אָפנקייט — אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פון זיין שעפערישער פּערזענלעכקייט —

— און זען דאָס, וואָס קיינער זעט נישט, און זען מער, ווי עס איז געשען.

מיין איינדרוק איז — לויט דעם איינדרוק פון זיינע פּאַטעטישע און טיף־מענטשלעכע לידער, — אַז אין דעם קורצן שפּאַן פון זיין טראַגיש לעבן איז זיין תפילה — טיילווייז — יאָ אָנגענומען געוואָרן.

ער האָט אפשר נישט געזען אינגאַנצן, וואָס קיינער זעט נישט — ער האָט אָבער מיט דעם כח פון ז י י ן וויזיע יאָ געזען מער ווי עס איז געשען אין זיין קורצן לעבן, פאַר זיינע פאַרחלומטע אויגן. אויף דעם זענען עדות אַ צאָל לידער זיינע, — קליין אין כמות און גרויס אין איכות — וואָס האָבן פאָראויסגעזען די טראַגיק פון אונדזער צייט, ווי למשל זיין ליד „ס׳וועט געשען״, פון וועלכן עס פייניקט־אויף ז י י ן אָנונג, אַז —

אין יענער נאַכט
וועט מיט איינמאָל די פינצטערניש ווערן געוואָר,
אַז זי פינצטערט און פינצטערט שוין טויזנט יאָר.

די עכטקייט פון ישראל שטערנס דיכטונג דאָמינירט אויך אין זיין עסייאיסטיק, וואָס בינדט זיך ביי אים מיט דער לויטערקייט און דורכ־זיכטיקער קלאָרקייט פון שעפערישער קריטיק.

ווי אַ מוסטערהאַפטער ביישפּיל צו דעם געזאָגטן, קען אונדז דינען זיין גרעסערער עסיי א. נ. „קרוינען צום קאָפּ פון יידישער קריטיק״, אין וועלכער עס אַנטפּלעקט זיך די שעפערישקייט פון אַ גאָר גרויסער פּער־זענלעכקייט, וואָס פאַרשותפ׳ט די וויזיע און עכטקייט פון זיין ליד צו דער קלאָרקייט פון זיין עסייאיסטיק און קריטיק, וואָס מיינט ביי אים:

מיט לייב און זעל און נעגל זיך אַריינבייסן אין ווערק און
אַרויסגראָבן דאָס, וואָס ליגט פאַרנורעט אין די אונטערשטע
שיכטן.

צוליב דעם האָט ישראל שטערן געהאַט דעם מוט אויסצורופן בקול רם, אַז אונדזער קריטיקער

איז שטענדיק געקומען נאָך אַלעמען, ווען אַלץ איז שוין פאַרטיק
און דער פאַרדינסט (פון אַלע עטאַפּן אין אונדזער
ליטעראַטור — י. ב.)
גייט דעריבער אויף דער קאָנטאָ פון די קינסטלער,

ווייל —

דעם אָנזאָג פון נייע פאָרמען און מאָדערנע ריכטונגען האָט
געבראַכט נישט די קריטיק (וואָס דאָס וואָלט אייגנטלעך
געדאַרפט זיין די אויפגאַבע אירע, וועלכע פּרעטענדירט דאָך
תמיד אויף קולטור און אייראָפּעאישקייט), נאָר די יונגע
דיכטער אַליין.

ישראל שטערן איז דעריבער געווען און פאַרבליבן נישט נאָר דיכטער אין ליד, נאָר אויך אין דער פּאָטענץ פון זיין קריטיק, אין דעם בעסטן זין פון וואָרט, צוליב זיין חסידות און פאַרליבט זיין אין דער שעפערישקייט פון אונדזער וואָרט. צוליב דעם געלינגט אים דער־פינדעריש צו דערשפּירן, אַז פּרץ „...איז אור־אַלט יידיש, תנ״כיש״, און אַז ער, „...פּרץ האָט געפונען פאַר מאָדערנעם אינהאַלט, יידישן סטיל״.

צוליב דער שפּירעוודיקייט און דער דינקייט פון זיין ליריק, עכטקייט און דורכאויס געוויסנהאַפטן איינשטעל צו די פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש, דאָמינירן די אַלע אייגנשאַפטן זיין ליד און אויך זיין עסייאיסטיק, וואָס ער דערהויבט אָפט צו דער געפּרעסטקייט פון א סטיל, וואָס פּיבערט מיט דער דינאַמיק פון א שעפערישער פּערזענלעכקייט, וואָס ווייסט נישט פון דעם מעכאַנישן אויפזונג פון רעטאָריק און ער דערהויבט זיין וואָרט צו דער לאַקאָניק און דער עשירות פון א טרעפלעכן געדאַנק, אין די ראַמען פון צימצום. אָט איז א ביישפּיל, אין שייכות מיט דעם הומאָר פון שלום עליכם:

דאָס איז אויסגעלייטערטער, שאַרפער, קרישטאָלענער
הומאָר. פאַרטראַכטנדיק זיך לאַכן מיר, און לאַכנדיק ווערן
מיר פאַרטראַכט.

„פאַרטראַכטנדיק זיך לאַכן מיר, און לאַכנדיק ווערן מיר פאַר־

טראַכט", — איז נישט סתם זיך אַ שפּיל פון ווערטער, נאָר, דער אימפּע־טיקער אויפזונג פון שלימות אין דער עשירות פון זיין געדאַנק, ווי די אַרקעסטרירונג, באַהעפטונג און באַטאָנונג פון ווידערשפּרעכנדיקע טענער אין דער האַרמאָניע פון מוזיק.

אין ישראל שטערן איז אויך פאַרלוירן געגאַנגען אַ זעלטענער אַנאַלי־טישער כח, וואָס שטאַרצט אַרויס פון זיין אַרבעט איבער דער דראַמאַטישער פּאָעמע „שלמה מולכו", פון א. לעיעלעס. דערפון נעמט זיך זיין קרעדאָ, אַז —

דאָס אייגענע, וואָס דיכטער טוען מיטן לעבן — מאַכן קרי־
טיקער מיט דעם בוך.
...אויך אמתע קריטיק איז — ווילן, איז — גלויבן, איז —
באַגייסטערונג, איז — פּערזענלעכקייט, ווייל אמתע קריטיק
איז שאַפונג.

לויט מיין באַשיידענעם אָפּשאַץ, האָט עס ישראל שטערן אַליין דע־מאָנסטרירט, ווי אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט, מיט זיין ליד און אויך מיט זיין עסייאיסטיק, וואָס האָט זיך איצט באַקומען אין זיין איינציק פאַרבליבענעם ספר: לידער און עסייען.

און ווייל איך האַלט נישט, אַז די אויפגאַבע פון דעם עסייאיסט איז בכלל קלאָר צו מאַכן אין דעטאַלן דעם פון אים ארומגערעדטן ליטעראַטור־ענין צי בוך, נאָר בלויז פאַנאַנדערצובליצן די קאַרדינאַלסטע שטריכן פון דער שעפערישער פּערזענלעכקייט, וואָס טאָגט־אויף און־אַרויס פון דעם פון אים באַרירטן ליטעראַטור־ענין צי בוך, און דערמיט באַצוועקט ער: באַלעבן און אָנרעגן אַן אינטערעס דערצו, נייגעריק מאַכן דעם לייענער, זיין נייגער דערפירן צו אַ הויך־פּונקט פון ווערן אַליין פאַרכאַפּט און וועלן אַליין לייענען און מסביר זיין עמאָציאָנעל דאָס געלייענטע — שיק איך אָפּ דעם לייענער צו דעם אָריגינאַל — די ליט־ירושה פון דעם קדוש ישראל שטערן, וועמענס בייטראַג צו דעם אוצר פון אונדזער ליטע־ראַטור וועט פאַרבלייבן דער קנין פון גאַנצן פאָלק.

דער איבערגעריסענער פאַדעם

(לייזער וואָלף: לידער)

וואָס לענגער דו לייענסט און דו לעבסט זיך איין אין די לידער פון לייזער וואָלף, אַלץ פיינלעכער גייט פאַר דיר אויף און עס וואַקסט אויס די געשטאַלט פון דעם דיכטער, אויף א הינטערגרונט פון גאָרער טראַגיק.

די פרייד, וואָס עס יערט אין דיר אַלעמאָל אונטער דעם איינדרוק פון גוטע לידער, ווי אַן אומגעריכטער און געשעענער פאַקט אין דער וואָך פון דעם גרויען און מאָנאָטאָנעם לעבן — איז דאָ בכלל נישטאָ, גליוועדט און פרירט ערגעץ־ווו אין דער וועלט פון נעכטן, ווו לייזער וואָלף האָט זיינע לידער אויסגעפיבערט מיט כוונה, יוגנטלעכן גלויבן און האָפענונג אויף אַ רום, וואָס „וועט קומען".

די טעמאַטיק זיינע, כאָטש נישט קיין איינהייטלעכע, איז א דורכאויס טראַגישע, צוליב זיין טיפיש יידישן הינטערגרונט, — די ירושה פון דורות — פאַרוועבט און אויסגעבלוטיקט אויפן פאָן און דער מאָזאַאיק פון גראָטעסק, באַזאַלצן מיט סאַרקאַזם און פאַרפעפערט מיט דער זעל־טענער איראָניע פון הייגטצייטיקן טראַגיש־יידישן מענטשן, וואָס באַלאַנ־סירט זיינע עמאָציעס מיט דער אָנווענד און דער מאָס פון חכמה אָן אַן אויסוועג, לויט דעם דעוויז און דער זעונג פון דעם דיכטער, וואָס זינגט:

לויפט אַ ייד, לויפט אַ ייד\
מיט די לעצטע וואַקל־טריט,\
און ער לאָזט זיך צו דער ערד אַראָפּ.

און ער פאַלט פאַרבלוטיקט אויף די קני,\
און די אויגן זענען אים פארטרערט,\
און ער ווייסט נישט, אז ער איז משיח,\
אז עס רייטן\
איבער אים די פערד.

אין אָט דער זעונג פון א ייד, וואָס לויפט און ווייסט אַליין נישט, אז ער איז משיח און אז עס רייטן איבער אים די פערד, פלאַקערט־אויף, ווי דער סנה אין דער מדבר, דער טראַגישער גורל פון אונדזער אומה, וואָס איז אגב גלייכצייטיק אויך ווי אָנגעמאָסטן אויף דעם גורל פון דעם דיכטער, וואָס האָט זיך אַליין נישט באַטראַכט פאַר קיין „קינד פון האַניק־האַרץ״, און וואָס איז סוף כל סוף געפאַלן הינטערוועגנס, אונטער דער בייטש און דעם ווילדן געיעג פון די פאַלשע משיח־זעונגען פון אונדזער צייט און תקופה.

לייזער וואָלף — דער דיכטער מיט דעם ייִנגלשן פּנים, דורכזיכטיקע אויגן, פאַרשלאָסן מויל און איראָנישן פען־נאָמען — ווייסט און געדענקט, אַז ער האָט „...נאַר... מוזיק אַליין...״ און — גאָרנישט מער.

און כאָטש זיין דיכטונג איז נישט קיין העלזעערישע, איז ער אַליין אָבער יאָ געווען א זעער, וואָס האָט פאָראויסגעזען זיין אייגענעם גורל דורך דעם אמת און דער טראַגיק פון אונדזערע טעג, און מיט דער הילף פון זיין ליריק האָט ער אויסגעוויטיקט דעם אחרית פון זיין אייגענעם לעבן, וואָס —

... איז אויסגעגאַנגען
אונטער די אָפּצאָסן
אויף די טונקל־קרומע,
גרינע געטאָ־גאַסן.

כאָטש ער אַליין איז דווקא אומגעקומען אין דעם אזוי גערופענעם סאָוויעטישן „גן־עדן״...

דאָס וואָס לייזער וואָלף האָט אַליין נישט דערגאַנצט אין זיין אייגענער „אויטאָביאָגראַפיע״ און זיין חבר — דער רירעוודיקער און באַגאַבטער שריפטשטעלער לייזער ראַן — האָט אויך נישט באוויזן איינגאַנצן אויס־צושעפּן אין זיין באמת פאַרטיפטן עסיי א. נ. „לייזער וואָלפס לעבנסוועג״, ווי אַן אריינפיר צום בוך „לידער״ — באַשטעטיקט זיך דאָ און דאָרטן, ווי נשמה־אויפבליצן פון א פסיכאָלאָגישער ביאָגראַפיע, אין דעם אויפזונג פון א סך לידער פון דעם יונג־אומגעקומענעם דיכטער לייזער וואָלף,

וואָס אַ. סוצקעווער, לייזער ראַן און ה. לייוויק האָבן „...אָפּגעפּונען און צוריקגעבראַכט צו דיינע היימישע און נאָענטע", אונדז אַלע — די יורשים און די לייענער זיינע — אין דעם פּרעכטיקן בוך לידער, אַרויס־געגעבן מיט אַ סך חשיבות פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס.

אין זיין אויפפּאַסן די מענטאַליטעט פון אַ צאָל יידישע און וועלטלעכע דיכטער, מוזיקער און פילאָזאָפן אין זעלטן טרעפלעכע לידער, לאָזט זיך דערקענען די חשיבות, פאַרנעם און צום פולן לעבן נישט־געקומענע פערזענלעכקייט פון דעם דיכטער, וואָס פּיבערט מיט אַ דינאַמיק, וואָס רייסט מיט און צווינגט דיך ממש זיך צוצוהערן צו דעם געזאַנג פון זיין האַרץ, וואָס נעמט־אויף דעם זין פון

שפּינאָזעס —

ניַשט וויינען, ניַשט לאַכן, נאָר פאַרשטיין.

ניטשעס —

...גיגאַנטן־גאַנג
דעם הויכן גאָט און מענטש־צוזאַמענהאַנג.

און בעטהאָווענס וועלט פון קלאַנגען.

די „קעלט פון גייסט", וואָס גיט זיך דיר איבער אין דעם דיאַלאָג צווישן „היינע און געטע", אין וועלכן עס קומען צום אויסדרוק געטעס סאַרקאַזם און היינעס איראָניע, וואָס פאַרשפּיצן זיך דאָ ביידע צו דעם אויפבליץ און שאַרף פון חכמה, וואָס דערקייקלט זיך אַזש צו חוזק...

סערגיי יעסענין, וועמען ס'איז „...ענג אין שטאָט, אין צימער און אין זאַל..."

זיין אייגענע איראָניע זינגט אויף אין זיין וווּנדערלעכער פּאָעמע „פּושקין", אין וועלכער פּושקין זשאַלעוועט נישט קיין חוזק אויף דעם חשבון פון דעם צער, אין דער טראַגיק פון דעם, וואָס

...אַלץ מעג ער.
און מיר איז קיין זאַך נישט דערלויבט.

זיינע לידער אין אַלגעמיין זענען איבערגעלאָדן מיט נאַטירלעכער חכמה און שיינקייט און ווערן גלייכצייטיק אויך באַהערשט פון אַ פיינעם הומאָר, ווי די פּאָעמע „פון מאָסקווע צוריק", אין וועלכער די צוויי גראַנאַדירן חוזקן אָפּ פון היטלערן און —

זיי לאַכן אַזוי מין פריילעך,
זיי קייקלען זיך אַזש אויפן בויך,
וואָס היטלער זייער מלך,
וואָס אַדאָלפל, וואָס אַדאָלפל,
לויפט אויך.

לייזער מעקלער — דער דיכטער, וואָס האָט זיך פאַרפאַנצערט אין זיין וואָלפישן פען־נאָמען און די וועלט געזען און געמאָלן אין גראָטעסק, האָט אויך געקאָנט זיין אוניווערסאַל און דערהויבן זיין ליד צו דער זעונג פון קאָסמישער שיינקייט, דורך דעם אויפזונג פון דער צאַרטסטער און ריינסטער ליריק און אפילו אויך זיין ראָמאַנטיש, אָן דעם אַריינמיש פון חוזק, איראָניע און סאַרקאַזם, — גרונט־אייגנשאַפטן פון זיין ליד אין אַלגעמיין. אויף דעם זאָגט עדות אזא פול און צאַרט ליד זיינס א. ב. „ווייסרוסישער הערבסט", וואָס אָטעמט באמת מיט דער קאָסמישער זעונג און שיינקייט פון האַרבסט, ווען —

די נעפלען פאַרשליסן
אין סיווע שינעלן
מיין היים און מיין הויז.
אַ, אייביקע רעגנס
ביי טונקעלע שוועלן, —
איך קען נישט אַריינגיין,
איך קען נישט אַרויס.

דער מענטש, ווי די קרוין פון דער נאַטור — ווערט דאָ סימבאָליש פאַרשותפט צו דעם האַרבסט, און קריגט דאָ צוליב דעם אַן אוניווערסאַלן באַדייט אויף אַ קאָסמישן הינטערגרונט פון גאָרער, אָבער — אויסזיכט־לאָזער שיינקייט.

עסייען

די קליינע צאָל לידער, וואָס ווערן פון דעם דיכטער באַצייכנט ווי „משל״, זענען גאָר פיינע סאַטירעס אויף די טראַגישע איבערלעבונגען פון אונדזער דור.

„דער חזיר און דאָס בוך״, למשל, איז א סאַטירע אויף דעם טראַגישן גורל פון דעם בוך אין אַלגעמיין, אין די טעג פון די היטלער־פייערן, וואָס האָבן אונטערגעצונדן די וועלט — ווען דער חזיר האָט זיין שנוק פאַרריסן מיט גאווה און אויסגערופן:

זע נאָר, זע נאָר דעם באַרימער!
ביכער, שמיכער, —
חזירים זענען מער דאָ ווי ביכער.

ווי אמתדיק, טרעפלעך און כאראקטעריסטיש עס איז פאַר דער היט־לעריסטישער ערע.

די לידער זיינע, אויף דער טעמע יידיש־שרייבערישע פערזענלעכ־קייטן, עפענען א פורטקע צו אונדזער שרייבערישן עבר און בראשית, וואָס דערמאָנען די זעלטענע סקיצן פון איציק מאַנגער א. ג. „גאָענטע געשטאַלטן״.

לייזער וואָלף באַנוצט זיך אויך דאָ מיט זיין סאַטירע, וואָס איז תופס און גובר די סביבה פון אונדזערע שרייבער, אונדזערע ראשונים אין טאָגן — מיט זייער דלות און עלנט, אויף דעם דערנער־וועג צו די שפּעטערדיקע דערגרייכונגען פון אונדזער וואָרטשאַפט, וואָס האָט זיך נאָך דאַן געפּוצט אין דער אומבאַהאָלפענער רעטאָריק פון —

אַ יודע אין אַ זאַק פאַרנייט...
אינטריגן אומגעריכטע.

אין דער זעונג פון דעם השכלה־שרייבער אייזיק מאיר דיק, וואָס קריגט דאָ אגב אַ זעלטענעם תיקון אין זיין סאַטירישער פּאָעמע: „אייזיק מאיר דיק און די אלמנה ראָם״.

דער גראָטעסקער כאַראַקטער פון זיין ליד אין אַלגעמיין — וואָס דערמאָנט צוביסלעך מ. ל. האַלפּערין — זעט זיך אמבולטסטן ארויס

י. בראָנשטיין

פון זיין פּאָעמע א. נ. „ביטע״, אין דעם זין פון שפּראַך, פאָרעם און אינהאַלט.

אין דעם צוזאַמענשפּיל פון צוויי דייטשן, וואָס

זיי פּאַלן: „ווי, מיר שטאַרבן
אין דער יודנליטע״.
נאַכט. דער מאָנד איז מילד,
ווי ער וואָלט זאָגן: ביטע.

הערט זיך אַרויס די תפילה און דער פּרומער ווונטש פון דעם יידישן מענטש, פאר דער געגאַרטער מפלה פון דייטש, אונטער דעם צודעק און אויפשפּיל פון חוזק און איראָניע־גראָטעסק.

פון די „ביאָגראַפישע נאָטיצן״ — אייגנטלעך פיינער עסיי א. נ. „לייזער וואָלפס לעבנסוועג״, אין דעם בוך לידער פון לייזער וואָלף, פון זיין גערעטענעם יוגנט־חבר לייזער ראַן — דערוויסן מיר זיך, אז „צו אונדז איז דערגאַנגען בלויז אַ קליינער טייל, אַ צופעליקער ברוך־טייל״ פון דעם דיכטערס שאַפן, „אַן אָפּקלייב פון לייזער וואָלפס לידער, לויט זיין דיכטעריש־קינסטלערישן מהות״, וואָס פאַר סך־הכולט זיך, לויט מיין אייגענעם איינדרוק, צו דעם דיכטערס המצאה און ווייטיקדיקן אויסגעשריי, אַז —

מיר שטאַרבן אַלע טאָג אין קליינע דאָזעס.

צום אומגליק איז זיין אייגענער גורל נאָך געווען אַן ערגערער: ביים עלטער פון 33 יאָר איז לייזער וואָלף אומגעקומען אין דער ווייטער שאַכריזיאַבס, אַזיע.

דערמיט איז איבערגעריסן געוואָרן דער גאָלדענער פאָדעם פון זיינע שעפערישע, ווייט נישט אויסגעשעפּטע מעשים.

געוויין אין ליד

(אברהם זאַק: פון אַלע נע־ונדן).

ווי עס זעט אויס, איז די נייגונג צו פארגעסן אונדזער חורבן אינגאַנצן נישט חל אויף אונדזער דיכטונג בכלל, דער ליריק — בפרט.

צו וועלכן לידער־בוך דו רירסט זיך נישט צו, פון קיין אויסנאַמען רעדט זיך נישט — איבערהויפּט צו אַ לידער־בוך פון אַ דיכטער אַ פּליט, שלאָגסטו זיך באַלד אָן אין אַ שלל פון חורבן־לידער, וואָס ציען צו דיין אויפמערקזאַמקייט.

דער מחבר פון דעם בוך „פון אלע נע־ונדן", דער דיכטער אברהם זאַק — איז ביי אונדז נישט קיין פנים חדשות. ער איז דער אויטאָר פון גאָר א היפּשער צאָל אָריגינעלע און אויך איבערזעצטע ביכער: לידער און אויך פּראָזע.

„פון אַלע נע־ונדן" שטעלט מיט זיך פאָר, לפּנים בלויז, אַ בוך פון קאָנטראַסטן, לויט דעם צוזאַמענשטעל און דער פאַרשידנאַרטיקער טעמאַ־טיק פון די זיבן אָפּטיילן פון דעם בוך, אונטער דעם צודעק פון איין דאַך.

לייענט מען זיך אָבער אריין אין דער ליריק פון דעם בוך, ווערט מען באַלד באַהערשט פון איין צעוויטיקטן געפיל פון געוויין אין לידער, וואָס באַהערשט און דאָמינירט אין דעם גאַנצן בוך, מיט דעם זעלטענעם אויסנאַם פון די לידער א. ב. „אַלטע היים", וואָס דער דיכטער אַליין באַצייכנט, ווי אַן „אַ ב ס ט ר אַ ק צ י ע", ווייל זי לעבט נאָר „אין די הערצער און נשמות פון אונדזער פיל־געפּרוווטן דור". — און דער עיקרשט, די לידער א. ב. „אויף היימישער ערד", אין וועלכן עס קומט טיילווייז צום אויסדרוק דער אויפלעב פון אַ ווידערשפּרעכנדיקן געפיל צו אַלע אנדערע לידער זיינע אין זיין גרויס־טראַגישן וואָגל, ווען דער דיכטער רופט אויס:

עס ברויזט אין נשמה אַ חדווה גאָר טיף.

ער באַגייסטערט זיך אפילו „אין מלכות פון ייד" איבערן כביש:

אַט! ס'ברענגט אונדז די נאַכט פון אַנטקעגן אַ שטאָט —
צעשפּרייט און צעלויכטן — עס איז תל־אביב!

דאָ אָבער, אפילו, קען ער זיך אויך נישט באַפרייען פון דעם קאָשמאַר פון אלע זיינע נע־ונד־איבערלעבונגען, וואָס באַהערשן זיין מענטאַליטעט, און מיט ווייטיק רופט ער אויס:

איך קום פון אַ לאַנד, ווו פאַרברענט איז מיין אומה,
פאַרשוווּנדן אין פלאַמען, פאַרשוווּנדן אין רויך — — —

דאָס „...לאַנד, ווו פאַרברענט איז מיין אומה", רודערט באַלד אויף דיין געמיט און ברענט זיך אַריין ווי א קין־צייכן אין דיין נשמה.

דער אמת אָבער איז, אז אברהם זאַק קומט פון א סך לענדער. הייסט דאָך זיין בוך: „פון אלע נע־ונדן!" — און געטראָגן ווערט ער אויף די כוואַליעס פון יידישן אומגליק, חורבן און אומקום, אין וועלכן עס איז פאַרוואָרצלט דער אויפקלאַג און דער געוויין פון ז י י ן ליד, וואָס דערציילט מיט דער עכטקייט און מיט דעם פּאַטאָס פון א מקונן:

פון אַלע געטאָ־חורבות טראָג איך אום דעם טרויער,
וואָס אומעטום און תמיד, תמיד מיך באַגלייט.

דער טרויער פון די געטאָ־חורבות דינט דאָ דעם דיכטער ווי א הינטערגרונט, פּולסירנדיקער גורם און פאַקטאָר פון דעם ווייטיקדיקן אויפזונג פון זיין ליריק, וואָס לאָזט צו זיך ליידער נישט קיין טרייסט, צוליב דעם פּשוטן פאַקט, וואָס —

איך גלויב דיר מער נישט, הימל, פאַלש איז מיר דיין
תכלת־בלויקייט,
און ס'איז מיר איצטער שוין דיין פרילינג־רייץ דערווידער:
האָסט אַזוי אויך געבלענדט, געבלויט, אַן שאָטן גאָר,
אַן כמאַרע,
ווען רוצחים האָבן אויסגעשאָכטן מיינע ברידער...

עסייען

דער גורל פון די ברידער זיינע ווייַנט דאָ אויף, אין דעם פּאַטאָס פון זיין ליריק, וואָס וויִיטיקט־און־נאָדלט זיך אַריין אין דיין געמיט און נשמה, מיט דער פּשטות פון דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אַז —

קיינער קאָן פאַרגעסן אייך — אין אַש און אין שטויבן —
כאָטש נישט באַשערט קיין קבר אייך, כאָטש נישט באַשערט
קיין שטיין...

אברהם זאַק לאָזט זיך פירן פון זיין אבלות, וואָס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן און פיבערט־אויף אין דעם געוויין פון זיין ליד, מיט דער קלאָרקייט און דער טראַגיק פון זיין באַוווסטזיין, אַז —

...נישט געפונען וועסט אין ערגעץ יענע דלת אמות:
עס קאָן דאָס אַש פון וויסטער היים נישט אויפבליען צוריק,—
ווי סקאָנען נישט פון פלאַמען אויפגיין מער די מאַמעס,
די אַלע ברידער פון דער גאַז־קאַמער, צי תליה־שטריק.

זיין יאוש און פאַרצווייפלונג באַהערשט אים צו אַזאַ גראַד און מדרגה, אַז ער זינגט מיט זיכערקייט:

ביינאַכט אויף די ,גרויסע בולוואַרן' —
דו קאָנסט נישט דיין איינזאַמקייט נאַרן.
— — — — — — — — — — — — — — —
דיין עלנט וועט יאָגן דיך, טרייבן —
אַליין וועסטו תמיד פאַרבלייבן — — —

צוליב דעם די תפילה פון זיין הארץ, נשמה־געוויין און געבראָכן געמיט:

וויג מיך איין אַזוי, גאָט, אין דיין שטילקייט,
וויג אויף אייביק מיך איין אין דיין פעלד!

זיין תפילה ווערט אָבער נישט אָנגענומען. אין דעם אָנגעזיכט און ווילדן אויפמאַרש פון דעם רויטן פאַשיזם — סאָוויעטישן „גן עדן" — איז אים נאָך באַשערט אַדורכצומאַכן די ביטערסטע דערפאַרונג פון זיין

אַן ארעסטאַנט אין די שנייאיקע טייגעס. און טיילן דעם שענדלעכן און ווייטיקדיקן גורל פון אונדזער אומה, אין דעם שאָטן פון „...א שומרים־קייט מיט ביקס און שווערד...“ (זע זיין פּאָעמע: אַ פאָטאָגראַפיע).

דאָ, אין די לידער פון „אין שנייאיקע טייגעס“ — גאַליקט־אויף זיין פּיין־און־יסורים־וועג צו דער געגאָרטער און פון רויטן פּאַשיזם פאַרגוואַלטיקטער זעונג פון גאולה:

מיר שניידן דורך וועגן, וואָס, דוכט זיך, אָן ענדע,
צו אייביקע שנייען און קעלט....
מיר זינקען, מיר זינקען אין שוואַרצער לעגענדע,
פאַרלאָזנדיק לעבן און וועלט — — — —

ווי אַ פּאָעט, איז ער נאַטירלעך נישט נאָר נישט גלייכגילטיק, נאָר דורכאויס וואַך צו דער אַרומיקער שיינקייט. זיין געוויסן און באַוווסטזיין האַלט אים אָבער נאָך מער וואַך צו דער רשעות, וואָס דריקט־און־שטיקט, און דווקא אין דעם נאָמען פון א וועלט־באַפרייענדיקער אידעע, וואָס האָט שוין לאַנג באַנקראָטירט און וואָס האָט אין דער פּראַקטיק אָנגענומען די מאָנסטער־געשטאַלט פון אַ דורכאויס פאַשיסטישן (רויטן) איינשטעל. צו אַלץ וואָס איז ווירדיק, עכט־און־גערעכט, לגבי דעם לעבן פון דעם מענטש, וואָס איז באשאפן אין דער געשטאַלט פון גאָט. צוליב דעם דער אויפזונג:

יאָ, פּרעכטיק ארום, דאָך עס ווייעט מיט קעלט,
און כ׳פיל גאָר אַ האַס און נישט מער.
דאָס איז נישט מיין שיינקייט, דאָס איז נישט מיין וועלט —
ס׳האָט גורל פאַרוואָרפן אַהער!

פון דעם איז צו זען, אז א דיכטער, וואָס פאַרגעטערט שיינקייט, האָט אויך כח און מוט זיך אָפּצוטרייסלען אפילו פון שיינקייט, ווען זי ווערט באַהערשט פון אומריינע הענט.

דער מענטש, איבערהויפּט א דיכטער, וואָס איז בדרך כלל א שעפערישער מענטש, איז נישט אַלעמאָל ביכולת צו צוימען זיינע חושים,

עסייען

אונטערדריקן זיין געפיל פאַר דער שיינקייט פון דער וועלט און בייקומען זיינע זעונגען, ווייסט צו דערציילן, אַז —

עס טרעפט, אַז עס זעט ווער א חלום:
א ליבסטע, א פרוי און א קינד...
ווי איינער, וואָס עפנט די אויגן,
וואָס לאַנג, לאַנג געווען זענען בלינד...

דער זעלטן גוט־אָרגאַניזירטער און ביד חזקה דיסציפּלינירטער קאָלעקטיווער כאָם, די פויסט פון דעם רויטן פאַשיזם — מישט זיך אָבער באַלד אַריין און לאָזט נישט חלומען ווייטער:

— הע מאַרש! הערי דאָרט, ווייטער געגאַנגען! —
עס טאָפּטשען אין שנייען די טריט.
עס קלעפּן זיך אַלץ נאָך די אויגן,
עס ברעכט נאָך אַ יעטוועדער גליד.

עס קריכן אַזוי די בריגאַדעס
דורך טייגע, דורך נאַכט און דורך שניי...

און מיט ווייטיק פרעגט דער דיכטער:

פאַרוואָס? און פאַרוועמען? און פאַר וועמען?...

דער ענטפער איז א שטומער:

עס רופט זיך נאָר אָפּ די זאַווייִ...

וואָס טוט דעם מענטש אַבסאָלוט פאַרשעמען...
דער דיכטער ווערט נישט מיד צו באַקלאָגן זיך אויף זיין גורל:

ס׳איז שווער איצט צו טראָגן די האַק,
ס׳איז שווער איצט די זעג און די לאָם.
און שווער אויך דער אייגענער גוף.
ס׳גלוסט פאַלן איצט כאָטש אין א תהום...

דער יאוש איז גרויס. ער געפינט אפילו נישט קיין טרייסט אין די

ווייסע נעכט, וואָס זענען דאָ „נישט פאַר שיינקייט". ער פילט זיך נישט זינדיק — ער האָט „קיינמאָל קיין בלוט נישט פאַרגאָסן" — ער זוכט דעריבער אַ באַשייד און ער פרעגט מיט רעכט:

זאָגט, פאַרוואָס דער האַרבער עונש,
זאָגט, פאַר וועלכע שווערע זינד?
זאָגט, פאַרוואָס די וויסטע טייגע
און דער צאָם פון שטעכיק דראָט?
— — — — — — — — — —
זעסט נאָר זעג, און האַק, און רידל,
און — די ביקס, ווי תמיד דראָט...

די ביקס פון רויטן פאַשיזם — די סאָוויעטישע ביקס!
דער דיכטער זעט נישט קיין אויסוועג צו זיין צער און היימלאָזיקייט. און טראַכט ער שוין יאָ אַמאָל פון אַ פרעמדן הימל, וואָס קען צומאָל זיין מילד, זאָגט אים באַלד אונטער זיין באַוווסטזיין, אַז —

...היים איז אַנדערש, היים איז עפּעס אַנדערש, היים איז מאַמע,

און אַז —

אַ מאַמע איינע נאָר פאַראַן איז אויף דער וועלט...

פאַרלירט מען אָבער אַ מאַמע, וואָס איז איינמאַליק אין לעבן פון אַ מענטש — אפילו אין דעם סימבאָלישן זין פון אַ היים, ווי עס איז דאָ געמיינט — פאַרלירט מען זי לײַדער אויף תמיד. צוליב דעם ווערט דער דיכטער נישט מיד צו פרעגן:

ווען וועל איך צו ערגעץ אַ ברעג שוין דערשווימען?
וווּ איז מיר צו לעבן און שטאַרבן באַשערט?

און ווייטער:

כ׳זע תמיד אין לופט נאָך דאָס אַש פון מיין מאַמען,
וואָס איז אין די אויוונס טרעבלינקער פאַרברענט.
אין שטילקייט פאַרנעם איך אַ וויטן געיאָמער,
עס ציען פון פלאַמען זיך בעטנדע הענט...

עסייען

דער ווייטער געיאָמער באַהערשט זיין ליד, וואָס איז איבערגעפילט מיט געוויין. און די בעטנדיקע הענט פון זיין מאמען, וואָס ציען זיך פון פלאַמען, פאַרשטעלן אים די וועלט.

דער דיכטער ווייסט, געדענקט און באַטאָנט:

ס׳האָט א געוויטער וויט דיין היים פאַרשעמט,
פאַרוואָרפן דיך אין ווייטער, קאַלטער פרעמד.
דעריבער קלינגט אין ליד ביי דיר געוויין.

די ווייטיקדיקע לידער פון אברהם זאַק זענען אַלע פאַרוואָרצלט אין דעם קלאַסיש־געמאָסטענעם פערז, אין דעם לבוש פון אַ זעלטן אָפגעהיטן יידיש־לשון. זיי רירן מיט זייער פּאַטאָס, איינפאַכקייט און טראַגישער שיינקייט, וואָס וועט זיך אַלעמאָל געדענקן, ווי א זעלטענער צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

תפילה און ליד

(ש. סימכאָוויטש: אין שעה פון תפילה)

תפילה און ליד האָבן זיך אַלעמאָל געפּאָרט. און כאָטש זיי זענען פון תמיד אָן פאַרצווייליגט, איז פונדעסטוועגן שווער צו זאָגן, וועמען פון זיי עס געהערט די בכורה. איין זאַך איז פונדעסטוועגן יאָ זיכער: קיין ויתרוצצו, ווי צווישן יעקבן און עשון, איז צווישן זיי קיינמאָל נישט פאַר־געקומען. זיי האָבן, אין קעגנטייל, אַלעמאָל איינער דעם אַנדערן באַדינט מיט דער עכטקייט פון זייער אויפזונג אין דעם געמיט פון דיכטער, זייערע געטרייע פאָרויסגייער און באַגלייטער אין דעם זיכרון פון דעם מענטש, וואָס איז אייביק אין די ליטעראַטורן פון אַלע פעלקער.

תפילה און ליד זענען אַלעמאָל פאַרוואָרצלט אין ד ע ר דינאַמיק פון לעבן, וואָס אידענטיפיצירט זיך מיט די שטורעמדיקסטע איבערלעבונגען פון דעם מענטש: טרויער און פרייד, גליק און אומגליק און ענלעכע קאָנטראַסטן, וואָס וואַקסן אַרויס פון די נויטן פון לעבן, וואָס באַפאַלן אונדז אָפט אומגעריכט און זענען אפילו גורם אַקטן פון העראָאיק, דאָרט ווו אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן דערוואַרט מען זיי אַמווינציקסטן.

דער חורבן, וואָס די היטלעריסטישע ערע האָט אונדז געבראַכט, האָט אין אונדז דערוועקט אַ סך פּאָטענצן, וואָס האָט געפונען אַ גאָר זעלטענעם רעזאָנאַנס אין די אַרבעטן און העלדן־מעשים פון גאָר אַ סך פּאָלקס־מענטשן, פון וועלכע מיר האָבן פריער נישט געוווסט און אפילו נישט געחלומט זיי צו האָבן אין אונדזערע רייען. צוליב דעם חורבן זענען די מאָטיוון פון קידוש־השם און מאַרטירערטום ביי אונדז אויסגעוואָקסן צו פענאָמענאַלע, אומגלויבלעכע סימבאָלן, פאַרוואָרצלט אין די טראַגישסטע דערפאַרונגען צווישן ציוויליזירטע מענטשן אין אונדזער ליטעראַטור.

פונדעסטוועגן, יאָ, פונדעסטוועגן! — וואָס מערער מיר דערווייטערן

זיך פון אונדזער חורבן אין לעבן, אַלץ מער אַקטועל ווערט ער — דער חורבן — אין אונדזער ליטעראַטור.

און דווקא דערפאַר וואָס אַ טייל פון אונדזערע פאַלשע נביאים באַמיען זיך צו „פאַרגעבן און פאַרגעסן״, באַמיט זיך אונדזער ליטעראַטור, דער עיקרשט — די דיכטונג אונדזערע — אונדזער חורבן צו באַלעבן, מיט די געבענטשטע מיטלען און דערגרייכונגען פון אונדזער וואָרט א י ן ליד, ווי דער אויפזונג פון אונדזער פאַרשוועכטן לעבן, אָפט אפילו אין תפילות האַרציקע, וואָס זוכט און מאָנט אַ תיקון אין ד ע ר וואַכזאַמקייט פון אונדזער געוויסן און זיכרון, לגבי אונדזערע העלדן, מאַרטירער און קדושים, די קרבנות פון דער שוואַרצסטער תקופה אין אונדזער געשיכטע.

דיכטער, וואָס וואָלטן בטבע באַדאַרפט זיין ד י פאַרויסגייער פון דער צייט — די זעער — זענען גאָר, אין אונדזער פאַל — אויף יידיש לשון — ד י נאָכגייער פון ד ע ר צייט. אַלעמאָל באַמיען זיי זיך גאָר איר נאָכצולויפן, דערמאָנען און באַטאָנען בקול רם: אייל זיך נישט, אַנטלויף נישט! מיר האָבן אונדזער חשבון מיט דיר נאָך נישט פאַר־ענדיקט! מיר קענען נישט, טאָרן נישט און ווילן נישט פאַרגעסן וואָס מיט אונדז איז געשען! אונדזער ווונד איז נאָך אָפן און נישט פאַרהיילט; אונדזער צער־און־צאַרן זוכט נאָך אַלץ אַ תיקון אין דעם ווייטיקדיקן אויפזונג פון אונדזער ליד, וואָס קאָכט נאָך און זידט נאָך אין דעם געריזל פון אונדזער בלוט, וואָס וויל נישט פאַרשטילן, ווי דאָס בלוט פון דעם נביא.

ש. סימכאָוויטש — אַ דיכטער און אַ קרבן פון אָט דער משונהדיקער תקופה — איז אין זיין נייסטן לידער־בוך א. נ. „אין שעה פון תפילה״ בלויז אַביסל רייפער ווי אין זיין פריערדיקן בוך: „אַזוי איז מיין יוגנט פאַרגאַנגען״. אין גרונט גענומען איז ער אָבער דער זעלבער דיכטער פון חורבן, מיט דעם פריידיקן עודף פון אַ וואַכן אויפזונג פון אומפאַר־מיידלעכן ווייטערדיקן גאַנג אין לעבן, וואָס איז — אין דער פאָטענץ — קאַפּאַבל אויפצונעמען זאַכן און געשעענישן אין דעם נאַטירלעכן פראָצעס פון ליכט־און־שאָטן.

ווי אַ דיכטער פון חורבן, גייט אים נאָך דער געוויין פון זיין היים,

י. בראַנשטיין

וואָס גייט אים נאָך ווי זיין אייגענער שאָטן, פון וועלכן קיין בן־אדם קען זיך נישט באַפרייען, אַזוי לאַנג ווי ער לעבט.

זיין „געוויין פון מיין היים״, למשל, איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם לירישן אויפזונג פון זיין אויפפאַסונג פון אונדזער חורבן דורך דעם מויל פון זיין מאַמען.

נישטאָ שוין קיין היים, נישטאָ שוין קיין קינד,
צו וואָס זשע דאַרף לעבן אַ מאַמע אַצינד?
פאַרברעכט זי די הענט אין פאַריאושטן קלעם
און גייט צו די מערדער — אויף קידוש השם.

דער קידוש־השם מאָטיוו פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם אויבנאָן אין זיין דיכטונג. צוליב דעם דער פאַטעטישער אויפזונג זיינער פון אַ יתום, וואָס ווייסט צו דערציילן:

דורך ימים און לענדער איך הער דעם געוויין
פון יידיקע שטעט אין מיין חרובער היים.
אין וואָיען פון ווינט וויינט מיין היימישע גאַס.
איצט בין איך אַליין מיט מיין ווי און מיין האַס.

צוליב דעם די עקזאַלטאַציע, דער געוויין פון זיין תפילה:

ווי ס׳בלוט פון דעם נביא זאָל זידן מיין וואָרט
און זאָל ווי אַ פלאַם איבער וועלט זיך צעשפּרייטן,
און מאָנען אַ תיקון פאַר מיין פאָלק אויסגעטויטן.

אין דער מאָנונג פון זיין תיקון ליגט דעריבער פאַרוואָרצלט זיין אייגענער וואָך־זיין צו אונדזער געוויסן, וואָס טאָר נישט פאַרגעבן, טאָר נישט פאַרגעסן, און מוז אַלעמאָל געדענקען:

אַן אָפּגעברענטער שטייט דער בוים פון פוילן
און איך בין איינער, איינער —
פון משפחות, שטעטלעך און קהילות,
שולן, בתי תפילות,

עסייען

שטיבלעך און פּאַריינען —
בין איך איינער, איינער.

דער איינער, זאָל געדענקט ווערן, דינט דאָ ווי אַ סימבאָל פון אונדזער חורבן, דעם אָפּגעברענטן בוים פון פוילן, דאָס חרוב־געוואָרענע פוילן — די יידישע — און וועלכער דער דיכטער ווערט נישט מיד צו זוכן

...מיין פאַרלוירענע וועלט,
מיינע גאַסן די טויטע.

דער דיכטער, וועמענס האַרץ איז פאַרקוילט פון יסורים, פאַרצווייפלט נישט פונדעסטוועגן און לייטערס זיך אַליין אין דעם אויפהעל פון זיין תפילה, וואָס פירט אים צו שעפערישע מעשים און העלזעערישן ביטחון:

ס׳וועט קומען נאָך אַ טאָג פון פרייד,
ווען ס׳וועט דער אומרו פון דיין האַרץ זיך שטילן.
און ווייסן וועסטו ווו עס פירן דיינע טריט,
אַ נייעם כח וועסטו אין זיך דערפילן.

דער נייער כח, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, פילט זיך שוין טיילווייז איצט אין זיינע נייע לידער א. ב. „אין שעה פון תפילה". תפילה — דער תמימות־דיקער צוגאָב צו דער צאַרטקייט פון זיין ליד.

פאַר אַ דיכטער פון חורבן, דערצו נאָך אַן אָנהויבער, איז עס זיכער אַ פריידיקע דערשיינונג, וואָס באַווייזט צום וויפלסטן מאָל, אַז לעבן איז נישט סטאַטיש, נאָר דורכאויס דינאַמיש, שטייט קיינמאָל נישט אויף איין אָרט און באַצוועקט אַלעמאָל צו גיין פאַראויס, צו נייע און נייערע דער־גרייכונגען. אויף דעם זאָגן עדות, זיין ליד „אַ רגע", אין וועלכן ער זינגט וועגן דער קלאָרקייט און „...זין פון מיינע טעג און יאָרן"; זיין ליד א. ב. „אין מאַי", אין וועלכן ער זינגט וועגן דעם, אַז —

...ס׳וועלן זיך פאַרהיילן
אַלע מיינע וווּנדן
און מיין פרייד וועט אויפגיין
ווי קנאָספּן אויפגעבונדן.

י. בראַנשטיין

און זיין תפילה א. נ. „פאַרגיב״:

אַ, האַרץ מיינס, נישט לאָז, לאָז נישט פאַרשטומען
די פשוטע פרייד פון דיין לויטער געמיט,
זאָל נישט דער האַס און די פּיין פאַרקרומען
און טריפן מיט סם אין דעם טוי פון דיין ליד.

דאָס מיינט אַבסאָלוט נישט „פאַרגעבן און פאַרגעסן״, נאָר פּשוט: נישט צולאָזן צו זיך דעם סם פון האַס, וואָס קען חלילה פאַרשטומען די פשוטע פרייד פון לויטערן געמיט.

צוליב דעם זיין ליד — „אַ לויב צום לעבן״, און זיין רירנדיקע תפילה א. נ. „אַ שטערן אין דער נאַכט״, וואָס זינגט זיך טיילווייז אַזוי:

אַ לאָז מיך נישט אין דער נאַכט אַליין
מיט הענט מיט אויסגעשטרעקטע צו די הימלען
גליווערן אין שאָטן פון פאַרגיין.
אויב איך בין דאָ, ווי אַ טייל פון דיר,
געפורעמט פון דיין האַנט, אין דיין געשטאַלט
מוז איך דאָך זיין, דורך זינד און פּיין
ליכטיקן ווי די זון און שטערן...

און דאָ קומט די ליכטיקסטע פאַרוואַנדלונג, וואָס בלויז אַ שעפערי־שער דיכטער איז בכח צו שפירן־און־דערפירן מיט דעם כח פון אַ זעקסטן חוש צו ד ע ר זעונג פון אַן אַקט פון יצירה:

און דעמאָלט האָט צעלויכטן זיך פאַר מיר
אַ פינקלדיקער שטערן אין דער נאַכט.
און כ׳האָב דערהערט ווי ס׳ריידן גראָזן,ביימער
און אייביק מורמלניש, אַ שטורעם־גערייד.
און כ׳האָב דערהערט דאָס פריידיק־יאָמערדיק געזאַנג
פון דור־פאַרגאַנג און פון דור־אויפגאַנג.

די דערקענטעניש פון הערן רעדן גראָזן, ביימער, אַן אייביק מורמלניש, אַ שטורעם־גערייד, גרענעצט זיך מיט אַזאַ מין סאָרט רעאַליזם, וואָס איז

עסייען

בלויז אייגן יחידי־סגולה, שעפערישע פערזענלעכקייטן — אַבסאָלוטע שותפים צו דער מעשה בראשית.

און ווייטער:

און ווי דער טוי, וואָס האָט אויפגעפרישט אין דעם באַגינען,
איז אויפגעגאַנגען אין מיר — אַ ריינער טאָג.
און ס'האָבן זיך צעזונגען מיינע טריט
אויף דער גרויער פייכטער ערד.

אין דעם געזאַנג און אויפגאַנג פון דעם ריינעם טאָג, פון וועלכן דער דיכטער זינגט דאָ — ליכטיקט אויף דער אָנזאָג און די העלזעערישקייט פון זיינע נאָכקומנדיקע לידער, און אויך דער אויסלייז פון זיינע חורבן געזאַנגען.

סימכאָוויטש הויבט ביסלעכווייז אָן צו זען יעדן טאָג „ווי אַ הייליקן וווּנדער". ער זינגט:

און יעדן טאָג ווער איך אויפסניי געבוירן.

ער זינגט שוין אַפילו

...פון בלויען באַגינען,
פון שקיעה און פורפורנער רויט;
פאַראַנען אין אַלעם אַ זינען,
אַפילו אין גרויזאַמען טויט.

און אַז דער דיכטער געפינט שוין אין אַלעם אַ זינען, מאַכט אַן איבער־ברוך און גייט איבער צו אַ נייער, דורכאויס געענדערטער טעמאַטיק, פירט ער שוין אונטער זיין דערוויילעקן אייגענעם סך־הכל, וואָס ברענגט אים אַ געלייטערטן אויפסניי צו זיין פאָלק, וועגן וועלכן ער זינגט מיט ליבשאַפט אַזוי:

נאָך אַלע טעג און נעכט פון אַנגסט און שרעק
דערהייב איך ווידער שטאָלץ מיין נאָמען: ייד.
איך שטיי ביים ראַנד פון דיין טויזנטיאָריקן וואַנדער־וועג

י. בראָנשטיין

און קוש דעם שטויב פון דיינע בלוטנדיקע טריט.
און מיינע ליפּן פליסטערן אויפסניי:
עם ישראל חי! עם ישראל חי!

דער שטאָלצער אויפזונג פון אַ ליידנדיקן יידישן דיכטער, וואָס האָט אין זיין ליידנסוועג זיך־אַליין אויפסניי געפונען פנים־אל־פנים מיט זיין מאַרטירער־פאָלק, אויף דעם צער־פולן וועג צו זיין דערלייזונג אין זיין ליד, וואָס ער האָט איצט פאַרקרוינט מיט דער קדושה פון אַ תפילה.

דיכטערישע המצאות

(אלף כץ: חלום עליכם)

דער וואונדער פון ליד איז אַלעמאָל אָפּהענגיק אינעם וואונדער פון דעם וואָרט.

דאָס וואָרט ווידער, אין דער פאַרוואַנדלונג אין נס פון אַ ליד, איז אַלעמאָל אָפּהענגיק אין דער מענטאַליטעט פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט, וואָס פאַרמאָגט אַן איידעלן חוש און זין פאַר פּראָפּאָרץ, אין שייכות מיט דעם אָפּקלייב פון ווערטער, וואָס זענען נישט אין קריג מיט זיך, און פירן אַ זעלבשטענדיק און האַרמאָניש לעבן צווישן זיך, אין דעם אויפשפּיל פון אַ ריטם, וואָס פאַרטראָגט נישט קיין דיסאָנאַנסן, און מוז זיין דער גורם פון זעונגען אין דעם געמיט פון אַ לייענער, וואָס נעמט זיי אויף ווי לידער.

דיכטערישע המצאות, וואָס לאָזן זיך פאַרקליידן אין דעם מהות פון לידער, וואָס לעבן אין דער געדעכעניש פון דער ליטעראַטור, דינען נישט זעלטן ווי אַ שליסל צו דעם אוצר פון אַ דיכטערישער פערזענלעכקייט.

„חלום עליכם" — די נייסטע לידער־זאַמלונג פון אלף כץ — דעמאָנסטרירט עס, מיר דוכט — צום גוטן, אויף אַ זעלטן געראָטענעם אופן.

און געראָטן איז עס דערפאַר, ווייל די דיכטערישע המצאות זיינע זענען דאָ ביי אים נישט דווקא ניי, נאָר — דער אַבסאָלוטער המשך פון זיינע פריערדיקע, בהדרגהדיק אַנטוויקלטע פּאָעטישע המצאות, וואָס האָבן זיך דאָ היפּשלעך אויסגעברייטערט און פאַרטיפט, בכלל אַרויסגעקומען רייפער, אין הסכם מיט זיין דערפאַרונג ווי אַ דיכטער פון דער וואָרט־קונסט.

אין פאַרגלייך מיט אונדזערע צעבייכלטע ביכער, דער עיקרשט — לידער־ביכער פון אַ צאָל באַקאַנטע און פּאָפּולערע דיכטער ביי יידן, וואָס

ווילן קענטיק אַריינפּאַקן וואָס מער לידער אין זייערער אַ לידער־זאַמלונג, רעכענען זיך נישט מיט דעם געדולד און קוואַליפיקאַציע פון אונדזער זייער באַגרענעצטער לייענערשאַפט און זענען דעריבער עובר אויף דעם נישט־געשריבענעם פאַרבאָט פון כמות, וואָס פאַרשוועכט און פאַרוואָסערט די איכות פון זייערע לידער, — איז דאָס בוך „חלום עליכם" פון אלף כץ זייער באַשיידן אין כמות, וואָס איך באַטראַכט פאַר אַ ברכה און אַ דערגרייכונג.

ווי גרויס אָדער קליין אַ ליד זאָל נישט זיין אין דער צאָל פון פערזן, מוז עס און זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַ זעלבשטענדיקע שאַפונג. צוליב דעם פאַלט שווער אויף דעם געמיט פון אַ לייענער צו פאַרנעמען זיך לייענען צעבייכלטע לידער־ביכער. יעדער געראָטן, גוט פאַרטראַכט און אויסגעפּירט ליד, פאָדערט און איז באַרעכטיקט צו אַ באַזונדערן אויס־טייטש. כדי צו זיין גערעכט צום דיכטער און אויך גערעכט זיין צום אייגענעם געוויסן, ווי אַ לייענער, איז דעריבער כמעט ווי אוממעגלעך זיך צו קאָנצענטרירן אויף אַ בוך לידער פון הונדערטער זייטן און זיי אויך פאַרדייען.

צוליב דער באַשיידנקייט אין כמות, איז דאָס בוך „חלום עליכם" פאַרליכטיקט מיט דער פרייד און ווונדער פון וואָגיקער איכות, וואָס לאָזן זיך דערקענען דורך דעם אָנוועגד פון דעם דיכטערס המצאות.

„חלום עליכם" אַליין זאָגט עדות אויף דעם.

דער ווונדער פון וואָרט קומט ביי אלף כץ צום אויסדרוק אין דער סאַמע ערשטער סעריע לידער זיינע א. נ. „דאָס ערשטע וואָרט".

זיינע אָנשויונגען און איבערלעבונגען בנוגע דער אַנטפּלעקונג פון דעם ליד קריגן דאָ אַ זעלטן פּאָעטישן תיקון אין זיין ליריק, וואָס ראַנגלט זיך אין אַ שעפערישער באַמיונג אָנצונעמען **דעם** לבוש און פאָרם פון אַ ליד.

אין די פּשוטסטע רייד גיט ער אונדז איבער דעם רצון פון ווערטער, וואָס וואַרטן אויף דעם באַריר, אויפריר און צערודער פון דעם דיכטער, כדי צו **ווערן ליד**. דער דיכטער פיבערט מיט **דער** זעונג פון דעם אומבאַקאַנטן לאַנד —

נאָר ווייסן ווייסט ער, אַז אומזיסט דער זוך:
נישטאָ אין ערגעץ נישט אַזאַ מין בוך
צו לערנען און פאַרענטפערן דעם פרעג
און ווייזן אים אַהין דעם קלאָרן וועג —
ביז עס גיט זיך נישט אַ ריר פון אָרט
דער בליץ פון אומדערוואַרטן וווּנדער־וואָרט.

ווי אַ דיכטער פון וואָרט, ווייסט אלף כץ און פאַרשטייט, אַז לידער שרייבן לערנט מען זיך נישט אויס פון אַ בוך, ווייל ס'איז אין ערגעץ נישטאָ אַזאַ בוך. נאָך מער — לידער, וואָס זענען ווערט דעם נאָמען לידער, שרייבט מען נישט מיט טינט, נאָר מיט דעם בלוט פון דעם אייגענעם האַרץ און נשמה, וואָס איז דער גורם פון „...בליץ פון אומ־דערוואַרטן וווּנדער־וואָרט" אין ליד.

צווישן די זעלטנסטע דיכטערישע המצאות פון אלף כץ איז אָן יעדן ספק זיין באַגאַבטקייט צו קענען זיך איינלעבן אין דעם מהות און זין פון אַ וואָרט, צעשטויבן זיינע אותיות און אין זיי אַרייַנבלאָזן אַן אָריגינעלן רוח־חיים, מיט דעם אָנווענד פון אַ ריטם, וואָס פאַרוואַנדלט אָפט זיין ליד אין אַ שפּיל.

פון אַזאַ כאַראַקטער און אינהאַלט איז, למשל, זיין פּאָעמע: „אין פּרדס פון שטויב", וואָס ער צעשפּילט אין דעם זינלעכן אויפשפּיל, פאַר־נאַנדערפאַל און צוזאַמענשפּיל פון דעם וואָרט: „שטויב", אין דעם קאָליר־פולן אויפשפּיל און רייץ פון — שטויב, טויב, טוי, שטוב און שויב. דער געווינס דערפון ליגט, נישט נאָר אין דעם ריטמישן אויפשפּיל פון דער אינהאַלטרייכער פּאָעמע, נאָר אין די געדאַנקלעכע המצאות, בילדלעכן אויפהעל, זינלעכער פאַרבינדונג און די זעונגען, וואָס לויכטן פון זיי אַרויס מיט דער זעלטענער קלאָרקייט פון אַ בילדלעכקייט, וואָס אָטעמט מיט דער סימבאָליק פון אַ שויב, אין דעם נס פון אותיות, וואָס רייצט מיט דער אילוזיע פון פאַרבאָרגענע וועלטן.

די „מעשה מיט אַ נון" האָט אלף כץ אויסגעפּיבערט אויף דעמזעלבן פאָן פון זיינע דיכטערישע המצאות, ווי די דערמאָנטע פּאָעמע א. ג. „אין פּרדס פון שטויב".

דער עלעמענט פון שפּיל — אַן עיקר־אייגנשאַפט פון זיינע פּאָעטישע שאַפונגען — פאַרנעמט דאָ נאַטירלעך דעם אויבנאַן, אין דעם סטיל פון אַ מעשה וואָס פאַרכאַפּט, מיט איר ראָמאַנטישן הינטערגרונט, אין דער פאַרוואַנדלונג פון „אַקער" אין אַן „אַנקער", אין דער וויזיע פון אַ פּויער, וואָס „...קען דאָך די ערד מיט קיין אַנקער נישט גראָבן!".

דער ווערט פון דעם אַנווענד פון אַזעלכע און ענלעכע המצאות אין דעם ליד באַשטייט אין דער רירעוודיקייט און בריהשאַפט פון דעם דיכטער צו מאַכן פון דעם אַין אַ יש, אין זיין בענקשאַפט, אַנונג און גאַרונג נאָך שיינקייט, וואָס האַלט אין זיך אויף דעם דיכטערס טראַגישע באַציונג צו דעם לעבן און געפינט בלויז אַ טרייסט אין דעם, וואָס ווי איינער פון אונדזערע ערנסט־טראַגישע דאָן־קיכאָטן — פּאָעטן — ווייסט ער באַ־שטימט, אַז —

גערבליבן איז אָבער (בלויז נאָר — י. ב.) דער באַרג
דער באַגערטער,
וווּהין נאָכאַנאַנד, אויף די פליגל פון ווערטער,
עס זעגען דורך שטויב פון פאַרפלויגענע יאָרן
די זוכער פון שיינקייט פאַרטראָגן געוואָרן.

דער גורל פון מענטש, די טראַגיק פון פאַרפלויגענע יאָרן, די גאָרע שיינקייט, וואָס מיר זוכן — אַלץ, אַבסאָלוט אַלץ, ווערט פאַרטראָגן, לייזט זיך אויף אין דעם אין־סוף. דער דיכטער אָבער, וואָס איז וואַך צו אַלץ און איז מיט זיינע שעפערישע מעשים גורם די ווידערגעבורט פון אַלץ, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין השקפה איבער דעם לעבן, און ער איז אַליין אויך אַן אומפאַרמיידלעכער קרבן פון דעם זעלבן גורל, טרייסט זיך דערמיט, וואָס —

די שיינקייט פון אַלץ, וואָס זיי האָבן געפונען,
דאָס ליד, וואָס זיי האָבן מיט ווערטער געשפּונען,
ברענען אין באַרג מיט אַ ליכט אַ נישט־היגן,
וואָס ברענט און וואָס ווערט נישט פאַרברענט אין דעם ניגון.

דעם ניגון פון דער וועלט.

עסייען

דער שפּילערישער טייל פון דעם בוך „חלום עליכם" פון אלף כץ דרייט זיך אַרום דעם איינציקן דעוויז, אַז —

די וועלט איז אַ חלום
מיט טיפע משלים,
אַ מעשה וואָס לאָזט זיך נישט אויס.

און אין אָט דער מעשה, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט אויס, האָט אלף כץ אַריינגעניגונט זיין אייגענעם ניגון, וואָס צוליב זיינע אייגנאַרטיקע דיכטערישע המצאות טיילט ער זיך אויס ווי אַ דיכטערישע פּערזענלעכ־קייט, וואָס לאָזט זיך אַבסאָלוט דערקענען מיט זיין שפּראַך און ספּעציפישן כח צו קענען פאַנאַנדערבלאָזן ווערטער, פון וועלכע ער שלאָגט אַרויס אַ באַזונדערן זין און ער באַזעלט זיי אויך מיט אַן אינהאַלט, וואָס איז אים אַלייך אייגן און טיילן אים אויס ווי אַן אַקטיוון מיטשאַפער פון אונדזער דיכטונג.

צווישן חלום און וואָר

(וואָלף יונין: 13־טער שבט)

ליטעראַטור־ווערטן, וואָס וואַרצלען אין דעם לעבן און באַשאַפן זיך אויף דער הייסער מינוט, איידער דאָס לעבן סטאַביליזירט זיך גענוג אָנצונעמען באַשטימטע און קאָנקרעטע פאָרמען, קענען נישט פאַרבלייבן קיין פאַרטיפטע, מוזן זיין פלאַך, נעמען אָן די אַבסאָלוטע פאָרם פון פאָטאָגראַפיע און ווערן צוליב דעם באַלד פאַרמשפט פאַרגעסן צו ווערן, ווי נישט קיין דויערהאַפטע ווערטן.

קינסטלערישע ווערטן האָבן בלויז דאַן אַ ווערט, ווען זיי באַשאַפן זיך מיט די נויטיקע קונסט־מיטלען פון דעם קינסטלער אין רעטראָספעקט, ביי דעם איבערברוך פון אַן עפּאָכע אָדער באַשטימטן צייט־אָפּשניט, ווען איין דור — דער אויפקומענדיקער — שטויסט אַרויס אַן אַנדערן — דעם פריערדיקן, — בייט דערביי די פאָרמען פון דעם לעבן און ז י י ן שטייגער, אָדער, אין דער פערספּעקטיוו פון ד י זעונגען פון אַן אויפגייענדיקן מאָרגן, וואָס איז אומפאַרמיידלעך און קומט, אַפילו לפנים בלויז — ספּאָנטאַן, זיכער אָבער ווי אַ דירעקטער פועל יוצא פון די אָנגעזאַמלטע דער־פאַרונגען פון דעם פריערדיקן דור אָדער דורות.

אַמעריקע, ווי אַ טעמע אין אונדזער ליטעראַטור, האָט דעריבער נישט געקאָנט קריגן קיין פולן קינסטלערישן אויסדרוק ביים אָנהויב און אין דעם סאַמע קאָך פון דער אימיגראַציע אַהער.

אונדזער לעבן דאָ, דער כלל ווי דער פרט, האָט זיך פריער באַדאַרפט גוט איינשטעלן, צופּאַסן זיך צו די ניי־באַשאַפענע היגע אומשטענדן, זיך איינגאַנצן איבערבויען און באַנייען, ביז צו אַ הויך־פּונקט פון אַבסאָ־לוטער רייפקייט, אַז אונדזערע וואָרט־קינסטלער זאָלן עס גוט באַנעמען און ערשט דערנאָך אים געבן אַ תיקון אין אונדזער ליטעראַטור.

צוליב דעם זענען די אַרבעטן פון אונדזערע היינטצייטיקע שריפט־

שטעלער — אין אונדזער ליטעראַטור, אין דער פּראָזע ווי אין דער דיכ־טונג — וואָס אָריענטירן זיך אויף אַ דורכאויס יידיש־אַמעריקאַנער טעמאַטיק, אינטערעסאַנטער, וואָגיקער און אויך רייפער פון די אַרבעטן פון אונדזערע עלטערע־און־פאַרעלטערטע שריפטשטעלער — די ראשונים, וואָס האָבן דאָס אַמעריקאַנער יידיש לעבן טאַקע געפּרוווט פאַרפיקסירן, ליידער אָבער נישט מער ווי בלויז פאַרפיקסירן, פאַרפלאַכט, אויב נישט אינגאַנצן פאַרוווּלגאַריזירט.

אַזאַ בוך ווי „דער 13טער שבט״, ראָמאַן אין פּערזן, פון וואָלף יונין, האָט דעריבער נישט געקאָנט געשריבן ווערן ביים אָנהויב פון אונדזער יאָרהונדערט, ווען דער אימיגראַציע־שטראָם האָט דאָ אַזוי אינטענסיוו געברויזט.

מיר האָבן דאָ אומבאַדינגט געמוזט דורכמאַכן די אַלע גילגולים פון ירידות און עליות (אונדזער וואָרט, גופא, האָט אויף זיך צוערשט אַרויפ־געצויגן נייע הויטן פון דורכאויס לאָקאַלע זשאַרגאָניזמען און ערשט שפּעטער — אין ׳לויף פון יאָרן — זיך געמוזט פון זיי באַפרייען, כדי צו זיין ביכולת צו קענען געבן אונדזער לעבן אויף דער היגער ערד דעם פולסטן אויסדרוק, אין די ראַמען פון אַ לויטערן און אייגנאַרטיקן לשון, וואָס שטייט איצט אויף זייער אַ הויכן ניוואָ.), ביז אונדזער לעבן האָט זיך באַפרייט פון אַ סך צוויטן, זיך אינגאַנצן סטאַביליזירט און געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל און דורכאויסווירקנדיקער פאַקטאָר פון דער היגער, אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, מיט אַ דורכאויס אייגענעם פּנים און פיזיאָ־נאָמיע.

ערשט איצט קענען קומען אונדזערע וואָרט־קינסטלער און שעפן פולע עמערס פון אונדזערע לעבנס־קוואַלן און זיי אונדז צוריק אומקערן, — ווי וואָלף יונין טוט עס — אין רייפע, קינסטלערישע ווערק.

צום סאַמע אָנהויב איז געווען דער חלום — דער חלום און די שטרע־בונג אַהער אַריבערצוקומען. דערנאָך ערשט איז געקומען די וואָר: דער פּראָצעס פון איבערבויען זיך, צופּאַסן זיך און אויך אָננעמען אַן אייגנ־אַרטיקע פאָרם, מיט דער אויסגעשפּראָכענער טענדענץ צו שטיין אויף די אייגענע פיס, אין די ראַמען פון אַ גורל, וואָס איז אַנדערש,

עקסטרעם אַנדערש פון די אַנדערע פעלקערשאַפטן אין אַמעריקע־לאַנד, וואָס אַ סך פון זיי האָבן זיך אויפגעלייזט אין דער אַסימילאַציע און אינגאַנצן פאַרלוירן אָדער פאַרביטן זייער נאַציאָנאַלע אידענטיטעט.

דער דיכטער וואָלף יונין נעמט נישט אויף זיין טעמאַטיק סטיכיש.

זיין קוק אויף אונדזער לעבן, ווי א יונג־ווילנעיאַנער, וואָס איז באַלאָדן און איבערגעלאָדן מיט יידיש וויסן — איז א היסטאָרישער, דערפאַר — אַן אָביעקטיווער.

צוליב דעם האָט ער אפילו דעם מוט נישט צו פאַרלייקענען די בלאַנדזשענישן פון זיין הויפט העלד שלמה, וואָס האָט אין זיין צייט זיך איינגעשטעלט פאַר דער איצט שוין באַנקראָטירטער אילוזיע „...אַז אויף א זעקסטל פון ערד־קיילעך איז שקלאַפעריי שוין אָפּגעמעקט...״

צוליב דעם, אייגנטלעך, ווערט ארויסגעהויבן דינה׳ס אמת און חוזק איבער דעם מושל, ווען מען

...דאַנקט יעדן טאָג פון יאָר פאַר זיין גנאָד,
וואָס ער לאָזט די יידן גלייך מיט אַלע לעבן, ווייל ער איז —
,אחד׳.

שלמה, דער הויפט העלד פון דעם ראָמאַן אין פערזן, ווערט פון דעם דיכטער פריער אַרויסגעצויגן מעבדות לחירות, אריבערגעבראַכט פון דעם שטעטל אין דער רחבות׳דיקער און דורכאויס פרייער אמעריקע.

וואָלף יונין מאָלט צוערשט מיט אַ ברייטער קינסטלערישער האַנט און אויף גאָר ברייטע לייוונטן, דערצו, טיילווייז, אין אַ קרעפטיק עפּישער פאָרם, אין א בילדלעכער שפּראַך, דעם איבערגאַנג און אויפוווקס פון אונדזער לעבן אויף דער היגער ערד, דער עיקרשט — די גרויס־שטאָט, דעם סאָמע בראשית פון אונדזער קאָלירפול און ברויזנדיק לעבן אויף דער ניו יאָרקער איסט סייד, ווען:

וויוועסקעס און שילדלעך אויף יידיש, זע נאָר, זע —
מאַמע־לשון שבכתב און יידיש שבעל פה

האָט נאָך דאָמינירט אונדזער לעבן, מיט חשיבות און פאַלקסטימלעכער תמימות.

דער אורבאַניסטישער כאַראַקטער פון א גרויסער צאָל פּאָעמעס ווערט דאָ כעמיש און פסיכאָלאָגיש צוגעאייגנט צו אונדזער אָרעמקייט, וואָס ווערט פון דעם דיכטער באַפליגלט מיט ד י זעונגען פון דער אַמעריקאַנישער אומאָפּהענגיקייט, קולטור און ציוויליזאַציע, מיט די רעגנבויגנדיקע קאָלירן פון קלאַסן־און־מאַסן, וואָס קומען דאָ צום אויסדרוק דורך דעם מויל פון די העלדן פון דעם ראָמאַן אין פערזן, מיט זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן, אין זייער טאָג־טעגלעכן קאַמף פאַר זייער עקזיס־טענץ, „פון באָס בורילא... א באָס אַ כאַם, ביז דעם מענטש... פון יענער זייט ים", וואָס ווערט דאָ פאַרפייניקט פון דעם „האַרי אַפּ" אין שאַפּ...

די געמעלן פון דער גרויס־שטאָט אין אויסגעהאַמערטע פערזן זענען אין זיך כולל און שפּיגלען אין זיך אָפּ די דינאַמיק פון איר קאָלאָס און ריטם.

דער מענטש פון אַרבעט ווערט דאָ איינגעכישופט אין דעם קאָלירפולן און אומרויקן מאַנהעטן־אינדזל, „וואָס שטראַמט מיט מענטשן־פיס" און איז דאָך באַפליגלט מיט דער קלאָרקייט און שיינקייט פון איר עצם־עקזיסטענץ פון־און־אין „רויש און רעש", אומענדלעכן בויען זיך און בייטן, אין וועלכן עס זינגט אויף די אייגנאַרט פון א יידישן שבט אין שאַפּ, פאַבריק, ווערקשטאַט און מסחרים, וואָס איז:

„...אַוועק אין אַ ווילדן געיעג אויף בוי און באַשאַף
פון בריקן אויף טייכן ביז טורעמס צו הויכן פון שטערן...

ביז צו דעם זינלעכן אויפזונג, אַז:

דאָ איז מיין לאַנד און מיין היים, דאָ איז עס.
וואָס דאָרט איז געווען, וועט מער שוין נישט זיין...

שלמה וואָס „...האָט אָנגעטאָן צוריק זיינע יאָרן..." אויף זיך, א דענקנדער ייד־און־מענטש, אַ וויזיאָנער — מיט א יידישן באַגאַזש, וואָס ער האָט זיך מיטגעבראַכט, איז נאָך אַלץ פאַרליבט אין דער „... ערד

מיט אירע ווידמונגען", ביז צו אזאַ גראַד, אַז ווען ער דערוווסט זיך צופעליק, אַז ער האָט אַ קרוב, אַ פאַרמער פון זיין טאַטנס צד און ער באַשליסט צו אים צו פאָרן, לאָזט ער באַדאַי איבער זיין מיידל דינה, כאָטש „...ס'האָט אים פאַרשווענקט די ליבע מיט אזוי פיל ליבע־שטראָמען" — כדי זיך צו פאַרברידערן צו דער נאַטור אויף אַ ווילע, וואָס די גרויס־שטאָט האָט שוין באַלד אויסגעמעקט פון זיין זכרון.

צוליב דעם וואָס עס פאַלט אים צופעליק אַריין אין דער האַנט א מאַנוסקריפּט פון אַן אומבאַקאַנטן פּאָעט אַנשטאָט א בוך, מאַכט ער דורך אַ נסיעה אין רעטראָספּעקט, איבער נאַכט.

דעם דיכטער געלינגט פאַר אונדז אויפצולעבן „אַ וועלט אַזאַ ווייטע (איך וואָלט געזאָגט: שיינע.), נאָר אים נאָענטע".

דאָ, אויף דער פאַרם, ווערט ער „פאַר א היגן געזאַלבט", צוליב דעם, דער פריער דערמאָנטער דעוויז, אז — „דאָ איז מיין לאַנד און מיין היים".

און כאָטש וואָלף יוניין פאַרוואַנדלט דעם חלום פון דאָרטן — נעכטן — אין דער וואָר פון דעם היינט, אַמעריקאַנערווירקלעכקייט — און ער אייגנט צו זיין העלד — פּאָליטיש — בלויז צו איינעם,

...א יענעם
וואָס וועט ראַטעווען די וועלט פון דעם גיהנום —

פירט ער אונדז פונדעסטוועגן אין רעטראָספּעקט צוריק אַריין — דורך זיין פּרעכטיקן „דיאַלאָג מיטן נאַקעטן אמת" — אין דער וועלט, פון וועלכער ער איז אַהער געקומען, און ער ווייטיקט פאַר אונדז אויס אויף אַ פּאָעטישן אופן דעם באַנקראָט פון א וועלט־באַפרייענדיקער אידעע, צו וועלכער זיין העלד שלמה האָט זיך פריוויליק צוגעאייגנט און וואָס קריגט אַ בולטן אויסדרוק אין דער פּאָעמע „שלמה'ס טאַטע שרייבט אַ בריוו", אין דער צושריפט פון שלמה'ס שוועסטער, ברײַנדל, וואָס באַטאָנט:

...די איראָניע דערפון: פון פאַשיסטישן פּ"ן
... איז זלמן

עסייען

אַרויס אַ לעבעדיקער און דווקא אין זיין „פּאַטערלאַנד"
האָט מען אים דערשאָסן...

צוליב דעם די דערקענטעניש שלמה׳ס, אַז —

אויך דער שוואַכער ווערט אַ קריגער, ווען ער קריגט
די גבורה...

דערפאר דער דעוויז:

...נישט דורך כח, נישט דורך ביקס און רעוואָלווער
וועט קריגן אונדזער וועלט אַ נייע צורה...

דער ראָמאַן אין פערזן פון וואָלף יונין, א. נ. „דער 13־טער שבט", באַשטייט פון זיבן קאַפּיטלען, 64 פּאָעמעס. און ער איז אויך פאַרזייט מיט אַ צאָל טיף־און־פאַרטיפטע עפּיגראַמען, וואָס זענען אָפּט פאַר זיך־אַליין געגנוג אַנרעגנדיק און אינטערעסאַנט.

צוליב דעם, וואָס די פּאָעמעס זענען נומערירט און אונטער זעלבשטענדיקע נעמען, שטעלט יעדע פּאָעמע מיט זיך גלייכצייטיק פאַר אַ זעלבשטענדיקע אַרבעט, אומאָפּהענגיק פון דעם ראָמאַן אַלס גאַנצן. צוליב דעם, נאַטירלעך אויך צוליב זייער קינסטלערישער קאָנ־סטרוקציע און דיכטערישן פאַרנעם, לאָזן זיי זיך לייענען אויך באַזונדער, ווי זעלבשטענדיקע ווערק, וואָס זענען געשריבן מיט גרויס טאַלאַנט — און ווערן גלייכצייטיק פאַראיינהייטלעכט אין דער גאַנצקייט פון אַ ראָמאַן אין פערזן.

דאָ איז פאַראַן אַ שפע פון סקולפּטאָרישע געמעלן, צאַרטע ליבע־לידער, אַמעריקאַניש־שעפערישער אומרו און אורבאַניסטישע דינאַמיק, אויפן פאָן פון אַ ברויזנדיק לעבן אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, אויף דער באַזע פון די פאָלגנדיקע דריי עטאַפּן:

א) צווישן חלום און וואָר.

ב) געדענק און פאַרשרייב, און

ג) גורל.

דערגרייכונג אָן פּרעטענזיעס

(פּעסי הערשפּעלד־פּאַמעראַנץ: רגעס פון גענאָד).

ביים לייענען, שטודירן, אַנאַליזירן און אָפּשאַצן דעם ליט. ווערט פון אַ באַנד לידער, האָב איך זיך אַלעמאָל געדעכנט מיט דעם קלוגן פאַרזאָג פון אונדזערע הז״ל: אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו — דו זאָלסט נישט קוקן אויף דעם קרוג, נאָר אין דעם וואָס אין אים.

אַלעמאָל ווען איך דערהאַלט אַ דע־לוקס אויסגאַבע פון א בוך לידער, ציטערט־אויף אין מיר מיין האַרץ מיט אַ געפיל פון מורא, אז דער דרויסנדיקער פּוץ פון דעם בוך זאָל נישט פאַרשעמען די איכות פון דעם אינהאַלט.

און כאָטש א שיינע אויסגאַבע פאַרכאַפּט דיין אויג, רייצט דיין נייגער און די פינגער דיינע ברענען ממש מיט דער פילבאַרקייט און דער הנאה פון קאָסטבאַרן פּאַפּיר, גוטן איינבונד, און דיין בליק זעטיקט זיך ביז צום פאַרכלינען מיט דעם עסטעטיש־קינסטלערישן אויסשטעל,— ביסטו נאָך אַלץ אומרויק בנוגע דעם אינהאַלט, ביז דו לעבסט זיך בהדרגה׳דיק איין אין די לידער גופא, וואָס זיי בלויז אַליין זענען קאַפּאַבל יאָ אָדער נישט צו באַרעכטיקן דעם לוקסוס פון אזא אויסגאַבע.

אזא איבערלעבונג האָב איך געהאַט ביים דערהאַלטן די געקליבענע לידער פון הערשפּעלד־פּאַמעראַנץ. א. נ. רגעס פון גענאָד.

דער אויסערלעכער פּוץ פון דער אויסגאַבע האָט מיך פאַרכאַפּט, גלייכצייטיק אָבער אויך באַאומרויקט.

ווי עס זעט אָבער אויס, איז אונדזער דור אין אַלגעמיין נישט נאָר באַשערט צו רעוווידירן אַלטע אמתן, נאָר אים איז אויך באַשערט א סך פון די אַלטע אמתן אינגאַנצן ווידערשפּרעכן, אָפּט — מבטל זיין, און נישט זעלטן — באַשאַפן אַ סינטעז פון כלי און אינהאַלט.

עסייען

אין דעם זין איז די זעלטן שיינע אויסגאַבע „רגעס פון געגאָד", געקליבענע לידער פון פּעסי הערשפעלד־פאַמעראַנץ, ווי מיר ווען באַלד זען — אַ צווייפאַכע דערגרייכונג: די אויסגאַבע — זעלטן שיין און רייך, די לידער — גרעאַטענע ביז גאָר.

עכטע דיכטונג נויטיקט זיך נישט אין קיין רעקלאַמע. דיכטער מיט טאַלאַנט ווידער — נויטיקן זיך אויך נישט אין רעקלאַמע. די עכטקייט פון זייער טאַלאַנט גייט זיי פאַראויס. און די לידער זייערע, אויב עכט און קינסטלעריש דורכגעפירט — טרעטן פאַר זיי אויס א וועג אין דער ליטעראַטור.

אַט דער כלל, דוכט מיר, איז גילטיק אויף דער באַשיידענער דיכ־טערין פּעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ, וואָס האָט זיך בהדרגה׳דיק און באַשיידן אַנטוויקלט ווי אַ דיכטערין, ווען דערגרייכונג אויף דעם געביט פון דיכטונג איז צושטאַנדגעקומען אָן רעקלאַמע און אויך אָן איבעריקע פּרעטענזיעס.

„רגעס פון געגאָד" זענען אין זיך כולל קלאָר אויסגעדריקטע קרעדאָס פון דער דיכטערין, אויפזונג פון מוטערשאַפט, בילדלעכער אויפזונג פון נאַטור־שיינקייט אין רייפע לידער און דער עיקרשט, — אַן אויסגעשפּראָכענע נייגונג און באַגאַבטקייט צו פאַרפּנימען אירע זעונגען אין גוט־אויסגעהאַמערטע, נאַראַטיווע פאָעמעס.

דער נאָמען פון בוך — „רגעס פון גנאָד" — איז זייער כאַראַק־טעריסטיש פאַר פּעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ אין דעם זין, וואָס עס איז איר פרעמד יעדער געפיל פון פּאָזע, וואָס איז בטבע דווקא יאָ אייגן די דיכטער פון איר מין, וואָס זענען בדרך כלל זייער עקסצענטריש, פול מיט פּרעטענזיעס און נישט זעלטן — טאַלאַנטלאָז...

אירע לידער, א. ב. „שטילער אָטעם", אָטעמען מיט דעם גייסט און דעם חשבון־הנפש פון א פּאָעט, וואָס וויטיקט אויף דעם גורל פון זיין פאָלק, וועלט און מענטש, דער מיסטעריע פון דעם באַשאַף, בוי און צעשטערונג. זי איז גלייכצייטיק אויך באַהערשט פון אַ געפיל פון ריינעם גלויבן, אז —

י. בראַנשטיין

דער מענטש וועט ס'לעבן נישט צעשטויבן,
ער וועט די מענטשהייט נישט צעדרויבן,
נאָר גאָט וועט אים צו זיך דערהויבן.

די דיכטערין זעט און באַנעמט דעם קאָלאָס־וועלט מיט פאַר־וואונדערטע אויגן.

און זיך אַליין, דעם פּרט — דעם מענטש — זעט זי, ווי —

אַ פּינטל, אַ פלעק אויפן ליכטיקן וועג.

וואָס איז סימבאָליש פאר **דעם** מענטש אין אַלגעמיין, אין אַנגעזיכט פון דעם אוניווערז.

ווי א היינטצייטיקע יידישע דיכטערין, איז די דיכטונג פון פעסי הערשפעלד־פאַמעראַנץ אַדורכגעזעלט מיט אַ טעמאַטיק, וואָס פאַלט צונויף מיט דעם גייסט פון דער צייט, אין וועלכער זי לעבט. אויף דעם זאָגן עדות אַ צאָל גוט־אויסגעהאַמערטע לידער, וואָס זענען גוט פאַרטראַכט און מוסטערהאַפט דורכגעפירט, ווי די לידער: עדות פון דורותדיק געוויין (33), ירושה (35) און א צאָל אַנדערע.

אירע משפחה־לידער פיבערן מיט לירישער עכטקייט אין דעם אויסלייג פון א פשטות, וואָס פאַרכאַפּט מיט דער קלאָרקייט פון איר שפּראַך. אַזוי אויך אירע „לידער פון שפּיטאָל", כאָטש קליין אין דער צאָל — דערפאַר אָבער איבערגעלאָדן מיט אַ תוכן, וואָס רירט און דעמאָנסטרירט אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן, אַז פעסי הערשפעלד־פאַמעראַנץ איז שוין אַרויסגעוואַקסן פון איר באַריידעוודיקייט און איר ליד דערגרייכט צו דער מדרגה פון צימצום, וואָס איז אַן אומפאַרמייד־לעכער מוז און עיקר אין וואָרער דיכטונג, וואָס מוז זיין עכט און אויך ריין פון שעטנז.

ביים לייענען די לידער פון אַ פּאָעט א פרוי, וואַרפט זיך אָפּט אין די אויגן די אַנדערשקייט, וואָס איז צומאָל נישט בנמצא ביי אַ פּאָעט אַ מאַן. דער עיקרשט — אין דער טעמאַטיק און אויך נישט זעלטן אין דער מעטאַפאָריק, וואָס טראָגט אָפּט אַ פעמענינען כאראקטער —

עסייען

אָפּגעריסן פון דער ערד
ווי א געבוירן קינד
פון דער מאַמעס נאָפּל.

דער אויפמערקזאַמער לייענער שטעלט זיך דער עיקרשט אָפּטמאָל אָפּ ביי יענע לידער און פּאָעמעס, וואָס באַזינגען די וויטיקדיקע פרייד און איבערלעבונג פון געבורט. נישט אַלע פרויען־דיכטער אונדזערע האָבן אָבער אויסגענוצט אָט די טעמאַטיק. א סך האָבן איר פאַרוואָסערט מיט מער ווי די ניין מאָס רייד, וואָס איז זיי דערלויבט. א סך זענען איר אינגאַנצן פאַרבייגעגאַנגען, ווי נישט זיי מיינט מען. און זייער ווייניק האָבן בכלל באַוויזן צו געבן זייער איבערלעבונג א קינסטלערישן תיקון.

אין דעם זין איז פעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ, באמת, אַ זעלטענער אויסנאָם.

אויף דעם זאָגן עדות אירע לידער: אויפבלי, דערוואַרטונג, געבורט און, איך בין דאָס פעלד — 59־62.

דאָס געפיל פון זאָרג פאַר דעם לעבן וואָס קומט, אין דער שעה פון דערוואַרטונג, אויף דער שוועל פון געבורט, נעמט אָן די פאָרם פון אַ תפילה, וואָס זינגט זיך טיילווייז אזוי:

אָ, שטיל געבעט פליס פון מיינע ליפּן
צו אַלץ וואָס אייביק איז, צו אַלץ וואָס לעבט,
אז פיין פון געבוירען זאָל נישט זיין אומזיסט,
אַז פיין פון געבוירן זאָל ברענגען אויף דער וועלט
דאָס ליכט געוווּנטשענע, דאָס ליכט געגאַרטע!

דער אינטימער כאראַקטער פון איר ליבע־ליד שטעקט דיך אָן מיט דער עכטקייט פון איר געזאַנג, וואָס שטראָמט מיט אַ לשון, וואָס איז אויסדרוקספול און קלאָר, אָן דעם שאָטן פון געקינצלטקייט.

לאָז דעם שאָטן און כמאַרע פון יענער זייט שוועל,
מיט פרייד קום אַריין, און מיט אויגן־גלי!

י. בראָנשטיין

דער צער פון דער וועלט איז גרויס אזוי אויך,
און דאָס גולמדיקע ווינט אין אונדז סיי ווי.

די האַרבסט־מאָטיוון פון פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ זענען פאַר־זייט אויף אַ הינטערגרונט פון קאָסמישער שיינקייט, וואָס רירט ממש מיט דעם פּאַטאָס פון דעם שטילסטן גרעזל, וואָס קלאָגט:

איך וויל נישט שטאַרבן.

איר טעמאַטיק אין אַלגעמיין איז אין זיך כולל די איבערלעבונגען פון אַ היינטצייטיקן מענטשן אין זיין פאַרמעסט מיט די הימלען.

אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן געלינגט איר צו פאַריידישן די כמאַרעס, זיי פאַרפּוצן אין יידיש־שטייגערישע בגדים, וואָס גיט זיי צו א ספּעציפיש יידיש־בילדלעכן חן און כאַראַקטער.

משפחה׳וויז האַלטן זיך די כמאַרעס איניינעם,
זיי דאַווענען אין ווייסע,גאַזעווע קיטלען;
זיי גרויסן זיך, בלאָזן זיך אַריבער די אַנדערע
מיט ווייסע בערד און פיאות און גרויע היטלען.

אָט די פּאָעמע, א. נ. „אַ חתונה אין כמאַרע־לאַנד״, איז באמת אָריגינעל, אָן א שמץ פון אָנשטעל.

אין איר פּלי אין דער הויך איז זי אָבער מיט אַלע אירע חושים צוגעבונדן צו דער ערד. צוליב דעם געלינגט איר צו קאָנטראָלירן אירע עמאָציעס, ווי אַ געניטער דיריגענט.

די אומגעריכטע שיינקייט פאַר׳שיכורן טאַקע איר געמיט, זיי צווינגען איר אָבער גלייכצייטיק צו לערנען „א קאַפּיטל בראשית״ צו אַזאַ גראַד, וואָס רופט אַרויס אין איר אַרויס אַ חשבון הנפש.

אין נאַכטיקער אומענדלעכקייט —
רעד איך צו גאָט
פון מענטשישער שטוביקייט.
פאַרגיב אונדז,

עסייען

פאר וועלן שניידן דיינע הייכן,
פאַר וועלן גרייכן דיינע שטערן,
מיר בלייבן סיי ווי
קליין און שטויביק —
אין דיינע ספערן.

דאָס פילן זיך קליין און שטויביק שטראָמט דאָ אייגנטלעך אַרויס פון איר וועלט־אַנשויונג, וואָס דאָמינירט איר באַוווסטזיין אין אַלע אירע טואונגען. צוליב דעם דער טרויעריקער ס״ה, אַז —

צו וואָס פאַר א הייך
זאָלסט נישט גרייכן,
וועסט סיי ווי
פאַלן אין מיינע אָרעמס —
אין טאָל פון אייביקן שווייגן.

איר בליק אין אַלגעמיין זעט מיר אויס צו זיין אַ ווייטער און אויך אַ טיפער. דאָס וואָס זי דערשפּירט מיט אירע חושים, גייט אין איר נישט פאַרלוירן.

אויף אַן אימפּולסיוון אופן כאַפּט זי אויף דעם „...ניגון פון אינדיאַנער נויט״, אויף די „אַריזאָנער שטרעקעס״; די ווילדע שיינקייטן פון די „קאָלאָראַדער בערג״; דעם ריטעם פון דער „גרויסשטאָט״ און דעם ריטעם פון די „ווינטן״ אין טשיקאַגע און פאַרקערפּערט זיי אין דער עכטקייט פון גאַר געראָטענע לידער.

פעסי הערשפעלד־פּאַמעראַנץ איז אויך וואַך, און דווקא נישט צוליב די נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען אויף אונדזער גאַס, — א דאַנק דעם נס ישראל — נאָר בלויז און אויסשליסלעך צוליב איר פאַרוואָרצלטקייט אין איר שטאַם און איר דורכאויס באַוווסטזיניק לעבן, וואָס איז אין זיך כולל דעם וועלט־באַנעם פון אַ צער־פולער יידישע טאָכטער, וואָס איז אַלעמאָל וואַך צו די נויטן פון אונדזער פאַרפייניקט פאָלק. צוליב דעם דער אויפזונג פון „מחשבות פון מיין שטאַם״:

י. בראַנשטיין

דער שונא האָט פאַרצערט,
דער ים האָט גיך פאַרשלונגען,
פון אונדזער גאָלדענער קייט
צעשטויבט אויף אַש די רינגען.

— — — — — — — — — — — —

גאָר ערגעץ טיף אין מיר
גייט אויף אַ שטיל געזאַנג —
דיין פאָלק בליט אויף אויפסניי
אין אַלטן חומש־לאַנד.

דער ים שלינגט שטיקער נאַכט,
דער ווינט — מיינע מחשבות,
און איך — אַ פויגל, פלי
צום לאַנד פון מיינע אבות.

איר פלי „צום לאַנד פון מיינע אבות" איז דאָ דער קאָנסעקוועַנטער אויפזונג פון א ליידנדיקער יידישער טאָכטער, וואָס ווייסט באַשטימט וואָס זי וויל און איז גלייכצייטיק אויך באַוואָפנט מיט די געבענטשטע מיטלען צו קענען עס אויסדריקן אין דעם אויסלייג פון לידער, וואָס פאַרכאַפּן מיט דער עכטקייט פון איר איבערלעבונג (זע: מחשבות פון מיין שטאָם; תל אביב; אונדזער נייע היים; מיין זיידנס חלום; הייל פון שוידער; די רירנדיקע פּאָעמע — חנה סענעש; סאַברא און אַ טרייסט אויף יעדער שוועל, ז. 124־113).

די גאַרע איידלקייט און צאַרטקייט פון דער באַשיידענער דיכטערין פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ געפינט א דורכאויס פּאָזיטיוון תיקון אין אירע נאַראַטיווע פּאָעמעס א. ב. „געקוילעטער נעכטן" — איר צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור — וואָס זענען אַדורכגעפיבערט מיט אַ זעלטן איידעלן, לירישן אויפפלאַם און נשמה־ציטער.

ביים לייענען אירע פּאָעמעס א. ב. „געקוילעטער נעכטן", וואַרפט זיך אין די אויגן דווקא דאָס, וואָס איז דאָרטן נישט בנמצא: די אומ־

פאַרמיידלעכע קללה אויף דעם חשבון פון אונדזערע מערדער, וואָס מיר געפינען אַזוי אָפט און שאַרף ביי אַנדערע דיכטער אונדזערע.

צוליב דעם אפשר, — דער אָפּוועזנהייט פון דער קללה — דער־גרייכט זי איר צוועק: רודערט אויף דיין געמיט, ציטערט אויף דיין האַרץ און די נשמה דיינע אין אַ האַרמאָנישן צענויפגוס מיט איר וויטיק, צער און צאָרן.

שוין דאָס ערשטע ליד אירס, א. נ. „איינגעוויגטער נעכטן״, וואָס הויבט זיך אָן מיט דעם זאַג:

די צייט האָט אויסגעפלאָכטן א וויג
פון בלוט־געוויקטע ריטער — — —

שלאָגט אָן אַ פּאַטעטישן קינה־טאָן, וואָס רירט ביז טרערן און ציט דיך באַלד אַריין אין דעם צער פון איר איבערלעבונג, ווי למשל איר פּאָעמע „נאַכט פאַרציט אַ שלייף״, וואָס לייענט זיך טיילווייז אזוי:

ערב פרילינג.
ערד איז אָנגעזויגן מיט בלוט.
נאַכט בייטשט מיט מעסערדיקער שנאה,
לבנה גיסט גאַל, און שטערנליכט שפרייט סם;
ברידער מיינע, געבייטשטע מיט בלוטיקער רציחה,
ברידער מיינע, געקרייציקטע אויף אַלע וועגן,
נאַכט פאַרציט אַ שלייף אויך אויף מיין האַלדז.

דער שוידער, קלאָרקייט און שאַרפקייט פון אירע בילדער שניידן זיך איין ווי ווונדן אין דיין האַרץ און צוזאַמען מיט איר רופסטו אויס:

קינדער מיינע, קינדער אַלע, קינדער פון דער גאַנצער וועלט!
כ׳האָב מיך היינט פאַרשעמט פאַר זיך,
פאַר אייך און פאַר דער גאַנצער וועלט.

אין איר פאַרצווייפלונג צוליב דער אכזריות פון מענטש צו מענטש פאַר׳חברט זי זיך צו אַ ווייסן שטיין, וואָס באַרויקט איר געוויין.

י. בראָנשטיין

איר תפילה׳דיק געזאַנג צום ווייסן שטיין איז ווי סקולפּטאַריש אויס־געהאַמערט ביז צו פּערפעקציע. זי בעט:

אָ, לאָז מיך הילן אין דיין קאַלטער האַרטקייט,
זי איז מיר ליבער פון מענטשנס בלוטיקן שויס.
ווייסער שטיין, מיין אייביקער חבר,
מיט דיר איז מיר בעסער צו זיין איצט אליין.

און זי פאַרענדיקט מיט פּאַטאָס:

דער טאָג ווערט פינצטער, די שטערן — וואונדן.
נידריקער ווער איך פון גראָז אצינד.
אָ, גאָט, אין אַ וועלט פון אַזוי פיל וואונדן —
פאַרשטיינער מיך אויך, פאַרשטיינער אַצינד!

צוליב דעם איז איר מער נישט ליב דער זומער מיט זיין בליען, ווען זי האָט בטבע דווקא יאָ ליב —

נאָר נישט איצט —
ווען פרישע וואונדן גליען.

אין דער עכטער טראַגיק פון איר איבערלעבונג איז די דיכטערין מקנא די וואַלדיקע משפחה, וואָס איז איינגעוואָרצלט מיט איר גאַנצקייט אין דער ערד:

אין פרילינג זינגען דיינע בלעטער
גרינע לידער,
אויף דיינע צווייגן זומערן
די שענסטע פייגל.
און אַלע האָבן היימען דאָ ביי דיר,
און קיינעם טרייבט מען נישט,
און יעדער זינגט אין שלימות
אויס זיין ליד.

און זי פרעגט דערביי מיט פאַרצווייפלונג:

עסייען

נאָר וואָס זאָל טאָן א מענטש
וואָס איז אַ ייד?

און דער ענטפער איז:

און עס ענטפערט אָפּ
אַן עכאָ פונעם וואַלד —
נאָר וואָס זאָל טאָן א מענטש
וואָס איז א ייד?

איר ווענדונג צו גאָט, אין איר גרויסן צער — איז פאַרוועבט אין דער פשטות און אין דער צניעות פון „...אַ פשוט קינד פון דיין פאָלק", וואָס וויינט מיט בלוט און תפילה'ט נישט פאַר זיך אַליין, נאָר —

פאַר די שיצער אונדזערע בעט איך
אין שעה פון טרויער, אָ גאָט!
גיב זיי כח ווי שמשון הגיבור,
באַלייכט זייער יעטוועדן טראָט.

איר נאראטיווע פּאָעמע א. נ. „בריוו צו א חברטע" איז געשריבן אויפן פּאָן פון א לעבן אין דער פרעמד, אין רעטראָספּעקט.

דאָ קומען צום אויסדרוק די איבערלעבונגען פון אַן אימיגראַנט אין אַ פרעמדער סביבה. און כאָטש די טעמאַטיק איז דאָ בכלל נישט קיין נייע, ליגט אָבער איר פאַרדינסט אין דעם אופן פון איר אויסדרוק — שפּראַך־עשירות, וויטיקדיקן אויפזונג פון איר עלנט און בענקשאַפט, נאָך דעם וואָס איז געווען און איז שוין לײדער מער נישטאָ:

אַזוי פיל יאָרן דאָ און נאָך נישט היימיש,
עס בענקט זיך אָפּט נאָך יענעם פרייען סטעפּ,
און אָט דערזע איך זיך — א יונגע שיקסל
מיט דאָרפישע צוויי בלאָנדע צעפּ.
— — — — — — — — — — — —

דערווייל,מיין טייערע, פאַרכלינעט זיך די וועלט
מיט בלוט פאַרגאָסענעם פון קעמפנדיקע זין.

י. בראָנשטיין

דערווייל נאָך בושעוועט אַ שטעכנדיקע קעלט
און סם־געוועב וועבט אַלץ די היטלער־שפּין.

דער יחידישער אומעט ווערט דאָ גיך פאַרביטן מיט אַ געפיל פון אחריות פאַר דעם כלל, אין הסכם מיט דער פאַרוואָרצלטקייט פון דער דיכטערין צו איר שטאַם. צוליב דעם איר באַגייסטערונג פאַר „אונדזער יידיש וואַלד״, צו וועלכן זי האָט זיך צוגעאייגנט אויף תמיד דורך דעם אויפזינגג פון אירע געקליבענע לידער א. נ. רגעס פון געגנאָד.

לידער פון אלעמענס וועלט

(עליעווערבלון: אַלעמענס וועלט...)

ביים דערהאַלטן אַ בוך פון אַן אומבאַקאַנטן דיכטער, ציטערט אַלעמאָל אויף אין מיר מיין האַרץ מיט נייגער און דערוואַרטונג און איך נעם עס באַלד, אויף דער הייסער מינוט, לייענען.

אין איינעם אַ צעזונטן טאָג אין מיטן חודש פעברואַר, ווען כל המינים פייגל האָבן געפלאַטערט ארום די פענצטער פון מיין שטוב און זי פאַר־זונגען מיט דער פרייד פון אויפוואַכנדיקן פרילינג, האָט מיר דער בריוו־טרעגער אונטערגעטראָגן דאָס לידער־בוך „אַלעמענס וועלט...״ פון דעם ביז איצט מיר אומבאַקאַנטן דיכטער עליע ווערבלון, פון מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי.

איך האָב אין דעם פאַל אויך קיין צייט נישט פאַרלוירן, זיך באַלד גענומען צו דער עבודה פון לייענען דאָס בוך, און אַנטדעקט אַ פאַר מיר נייע דיכטערישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט אויפגעהעלט פון די לידער אַרויס, ווי אַ צוגאָב צו דעם עסטעטישן געניוס דערפון אין אַלגעמיין.

צוליב דעם, וואָס איך בין קיינמאָל נישט גרייט מקריב צו זיין די עכטקייט פון מיין געפיל, דעם אמת פון מיין האַרץ און געוויסן בנוגע ליטעראַטור־ווערטן לויט מיין באַשיידענעם אָפּשאַץ, וויל איך דאָ גלייך באַטאָנען: די לידער פון דעם גרעסערן און ערשטן טייל פון בוך: „אין איינזאַמען וואַנדער״, האָבן מיך לייִדער נישט פאַרכאַפּט און במילא אויך נישט דערוואַרעמט. די סאַמע ערשטע לידער האָבן ביי מיר אַרויסגערופן די אילוזיע פון מיין איינאָרדענען זיך אויף אַ בענקל, ערב אַ קאָנצערט, אין אַ מוזיק אודיטאָריע, בשעת די צאַלרייכע מוזיקאַנטן שטימען־אָן זייערע אינסטרומענטן, אויף אַ נישט־אָרגאַניזירטן, דורכאויס לויזן אופן, צעשוומען און אָן דער דירעקציע און דיסציפּלין פון דעם דיריגענט.

די זעלבע מוזיקאַנטן ווען, דוכט זיך, באַלד זיך צונויפגיסן אין איין

האַרמאָניש־מוזיקאַלישן אויפשפּיל־און־צוזאַמענשפּיל פון איין מוזיקאַלי־שער פּאָעמע, וואָס וועט זיך אַוודאי אָנהויבן אין די שטילסטע מינאָרנע טענער, און שטופנווייז זיך דערהויבן צו דעם זיך צעפּאַלנדיקן אויפבּרויז און רייץ פון א וואַסערפאַל. פונדעסטוועגן — ווען נישט אָרגאַניזירט, נישט דיסציפּלינירט, און באַזונדער — קענסטו זיי לעת עתה נישט פאַרטראָגן און דיר דוכט זיך: זיי גרילצן דיר אין די אויערן מיט אַזאַ אומגעהובלטער רויקייט, וואָס דו קענסט נישט פאַרטראָגן עסטעטיש.

דו אַנטלויפסט אָבער נישט פון זאַל. אין קעגנטייל, דו מאַכסט זיך באַקוועם און אָרדנסט זיך איין אויף דיין זיץ־פּלאַץ מיט נייגער און דערוואַרטונג, אָנונג און שפּאַנונג: דו וואַרטסט געדולדיק די ליכט זאָלן זיך פאַרטונקלען. אַזוי גיך ווי דער דיריגענט באַווייזט זיך מיט דעם צויבערשטעקעלע אין האַנט, דער קאָנצערט הויבט זיך אָן, ווערסטו גלייך אַריינגעצויגן אין דער יומטובדיקער סביבה פון אָרקעסטראַלער מוזיק. דו פאַרגעסט די פריערדיקע גרילצערייען און מיט דיין גאַנצן לייב־און־לעבן ווערסטו מיטגעריסן מיט דעם צויבער פון דיכטונג אין מוזיק.

די זעלבע איבערלעבונג איז אין אַלגעמיין אויך גילטיק ביים לייענען און פאַרטיפן זיך אין דער מיסטעריע פון א בוך.

די עצה פון ש. ניגער: „רעכן זיך מיט דער מיינונג פון אויטאָרי־טעטן ביים עפענען אַ בוך, האָב דיין אייגענע מיינונג ווען דו פאַרמאַכסט עס און האָב דעם מוט צו פאַרמאַכן עס נאָך די ערשטע בלעטלעך" (ש. ניגער: געקליבענע שריפטן, באַנד א, ז. 47), איז בלויז טיילווייז אָננעמבאַר: האָב דיין אייגענע מיינונג ווען דו פאַרמאַכסט עס, איז אוודאי טרעפלעך, אָננעמבאַר און גוט. ווי אַ געוויסנהאַפטער, פאַראינטערעסירטער און שעפערישער לייענער פון ליטעראַטור־ווערטן, זאָלסטו אָבער אויך האָבן דעם כח און מוט דאָס באַטרעפנדיקע בוך ווידער צו עפענען און לייענען מער ווי איינמאָל, ביז דו וועסט אים גוט תופס זיין, פּסיכאָלאָגיש און פאַקטיש זיין צוגעגרייט און באַרעכטיקט צו „האָבן דיין אייגענע מיינונג" און זיך לאָזן פון אים עסטעטיש באַווירקן.

ביים לייענען און פּרוּוון זיך איינלעבן אין יענעמס א ווערק, פאָדערט זיך דעריבער אַ סך געדולד און עקשנות.

צוליב דעם לייג איך קיינמאָל נישט אַוועק יענעמס אַ בוך, — וואָס איז לכל הדעות שווער פאַרהאַרעוועט — ביים ערשטן לייענען און ערשטן איינדרוק.

אָט איז איין ביישפּיל: דאָ נישט לאַנג צוריק זענען מיר אָנגעקומען צוויי באַזונדערע לידער־ביכער. פון צוויי אולטרא מאָדערניסטישע פּאָעטן אונדזערע, וואָס ס׳איז מיר זייער שווער אָנגעקומען צו לייענען. אין מיין נייגער זיי בייצוקומען האָב איך פונדעסטוועגן זיך יאָ אָנגעשטרענגט און די לידער־ביכער איבערגעלייענט — דריי מאָל. נישט קענענדיק זיך איינלעבן אין דער אַקראָבאַטיק פון ז ײ ע ר ביידנס וואָרט, שווערקייט פון סטיל און קונציקן, דורכאויס אויסגעמוטשטן אָנווענד פון זייער פאָרם און אומקלאָרע מעטאַפאָרן, האָב איך מיט נישט ווינציקן צער און פאַרדרוס די צוויי ביכער אַוועקגעלייגט.

צוליב אָט די טעמים האָב איך זיך אויך נישט גערעכנט מיט דעם באַלדיקן איינדרוק פון די דערמאָנטע לידער פון עליע ווערבלון און זיין בוך דורכגעאַקערט פון אָנהויב ביז צום סוף, אויך מער ווי איינמאָל.

זאָל דאָ באַלד געזאָגט ווערן: מיר איז נישט אייגן, אפילו דערווידער, דער פּעסימיסטישער איינשטעל און אויפזונג פון א דיכטער אין ז ײ ן דיכטונג, ווער ער זאָל נישט זיין.

פאַרצווייפלונג און יאוש איז עפּעס אנדערש און פירט נישט זעלטן צו גאָר גרויסן, אפילו שעפערישן פּאַטאָס.

שוואַרצזעעריי, ווידער, פירט צו גאָרנישט.

איך האַלט דערצו און גלויב, אז יידישע ליטעראַטור דאַרף, מוז און זאָל זיין דורכאויס יידיש אין כאַראַקטער און אין אינהאַלט; דאַרף און מוז ברענגען צום אויסדרוק אונדזער צער, צאָרן און פרייד, יידישן שטייגער, טראַדיציע און די פולסטע טראַגיק אונדזערע אין ד ע ר דינאַמיק פון וואָרט אויף יידיש לשון, דורך דעם מויל פון יעדן יידישן שריפט־שטעלער. במקום שוואַרצזעעריי, זאָל אונדזער ליטעראַטור ברענגען טרייסט דעם פאָלק.

מיר דוכט, אז יעדער עכטער און געוויסנהאַפטער דיכטער אויף יידיש־קודש מוז שוין אוודאי מיד זיין פון דינען־און־באַדינען פרעמדע

געטער, ווי אוניווערסאַל זיי זאָלן אונדז נישט אויסזען, איבערהויפּט איצט, נאָך אונדזער טרויעריקסטער דערפאַרונג אין דעם אַזוי גערופענעם סאָוויעטישן „גן עדן".

די לירישע און סתם לידער פון עליע ווערבלון, א. ג. „אין איינזאַמען וואַנדער", פאַלן שווער אויף דיין געמיט, צוליב זייער פאַרפרעסטן פעסימיזם, וואָס האַלט זיך אויף אין זיי, נישט זעלטן אין דער פאָרם און ענגשאַפט פון עפּיגראַמישן כאַראַקטער.

דער דיכטער, וואָס פילט אין זיין האַרצן, אַז —

דער גאַנצער ארום איז פאַראַנען
אין ליד, וואָס עס קוועלט פון מיין האַרץ.
דער מענטש און די זון, און די ימען
צוזאַמען — אַ ליכטיקער אַלץ.

דער דיכטער, וואָס ווייסט צו דערמאָנען און באַטאָנען, אַז ער קען די זון, דעם טאָג, דעם הימל, נאַכט, ים, נשמה און וואָס דען נישט? — פאַרפעלט אויך נישט גלייכצייטיק שאַרף צו אונטערשטרייכן, אַז —

אצינדערט לעב איך צווייטע טורנע,
איך טרעף שוין נישט קיין נייע זאַך,
און קעלטער ווערט דאָס האַרץ און כמורנע —
און נישט עס ווייגט און נישט עס לאַכט.

מעג ווייסן און געדענקן: פאַר דיכטער, וואָס זענען בטבע ז ע ע ר — איז בכלל נישט שייך צו טרעפן אָדער נישט טרעפן נייע זאַכן.

פאַר דיכטער, זאָל ער ווייסן און געדענקן, איז אַלץ־און־גאָרנישט גרייט. דאָס וואָס אַ דיכטער געפינט נישט אויסער זיך, באַדאַרף ער און זאָל קענען באַשאַפן פון זיך אַליין אַרויס, מיט ד ע ם כח פון ז י י ן אינטואיציע און דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע נישט־פלייש[י]קע אויגן, וואָס לייכטן ווי שטערן ארויס פון ז י י ן קאָפּ.

דיכטונג, — זאָל געדענקט ווערן — מיינט: דינאַמיק, פאַרכפלט מיט דעם אַקט פון א שעפערישער פערזענלעכקייט, וואָס ברויזט אומ־

אויפהערלעך מיט אַנטפּלעקערישע,וויזיאָנערישע מעשים פון באַנייען זיך־אַלייך און די סביבה זיינע מיט נייע הויטן, פאָרמען און פּערספּעקטיוון, אין דעם לבוש פון שפּראַך־ווערטן און אינאָוואַציעס, וואָס בליצן מיט אילוזיעס, וואָס זענען אַלעמאָל עפּעס מחדש. צוליב דעם איז נישט שייך צו זינגען, ווי ווערבלון טוט עס — אַז —

איך טרעף שוין נישט קיין נייע זאַך,

כאָטש מיר ווייסן שוין פון לאַנג, אַז אין חדש תחת השמש.

מיר געפעלט אַבסאָלוט נישט ווערבלונס שוואַרץ־זעונג:

א גרויע מדבר. נעפּלדיקע לופטן.
און גריבער שוואַרצע אָנגעפּילט מיט פּעסט.

די טראַגיק פון דריטן חורבן אונדזערן איז פאַר אונדז די ויותר און מעג שוין זיין די לעצטע.

אונדזערער א דיכטער באַדאַרף מער נישט ריידן דערפון, אז אין „חלום קומען מיר די שונאים" (זע: ז. 49).

א דיכטער פון אונדזער צייט און דור — ווי סקעפּטיש ער זאָל נישט זיין — באַדאַרף, דוכט מיר, אויך נישט פרעגן אין זיינעם אַ ליד: פאַר וועמען שרייב איך מיינע לידער? — ווי דער דיכטער ווערבלון טוט עס אין זיין ליד: „דער דיכטער".

לידער — זאָל געדענקט ווערן — באַשאַפן זיך אין ד ע ם געמיט פון אן עכטן דיכטער, מיט דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון דער יצירה אַלייך, אין האַרמאָניע מיט דעם אויפקוועל פון דעם גאַנצן לעבן, וואָס פאַרשותפט זיך אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן צו ד ע ר מעשה־בראשית.

איך בין פונדעסטוועגן, ווי געזאָגט, נישט מיד געוואָרן צו לייענען אָט די לידער זיינע, זיך באמת איינצולעבן אין דער וועלט פון דעם דיכטער, מיט דער כוונה צו געפינען ביי אים יענעם עמאָציאָנעלן אויפ־ברויז, וואָס זאָל מיך אַריינטיפן אין די זעונגען זיינע, וואָס זענען און דאַרפן אַבסאָלוט זיין מסוגל ארויסצושמעלצן פון ז י י ן וואָרט דאָס גאָלד פון וואָרער דיכטונג, וואָס געפינט זיך ביי אים אין גאָר אַ היפּשער מאָס,

י. בראָנשטיין

אין דעם צאַרטן אויפזונג פון דער סעריע: „אַלעמענס וועלט", אין וועלכער זיין ליריק קריגט אַ מער וואָגיקערן און פּראַכטפולערן אויסדרוק, ווי אין די לידער פון זיין „אין איינזאַמען וואַנדער".

זיין זינגען „אַ ליד וועגן בוים", למשל, אַן וואָרצלען ארונטער אין דר'ערד,

ווי איך — וואָס כ'בין דאָ
און לאַנג שוין נישטאָ.

איז שוין גאַרנישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, ווי דער דיכטער פון זיינע גאַר גערעטענע נאַראַטיווע פּאָעמעס א. ב. „בלאָנדזשעניש", וואָס פאַרכאַפּן מיט דער מאַגיק, שוונג און גרינגקייט פון זיין וואָרט, וואָס פערלט מיט דער קלאָרקייט פון זיין טעמאַטיק, וואָס ער באַהערשט מיט דער זעעוודיקייט און דערשפּירעוודיקייט פון אַ דיכטער אין טאָגן. ווי אַן איינצלנער ביישפּיל קען דאָ דינען די פּאָעמע א. ב. „דער לעצטער טאָג פון סאָקראַטעס", אין וועלכער דער דיכטער פאַר סך־הכולט דעם פילאָזאָפס אני מאמין:

און דאָס, מיינע פריינט, איז געשען — נישט אוים גאווה...
אצינד, מיין נשמה — גיי אויף צו די געטער!
איך גלויב, אז אַמאָל וועט זי אויפלעבן ווייטער...
דער מענטש ווערט געבוירן אי פריער, אי שפּעטער...

(ווי אַזוי, פרעג איך, פאַרט זיך די זעונג פון מענטש, וואָס „ווערט געבוירן אי פריער, אי שפּעטער", מיט דער פריערדיקער שוואַרץ־זעונג פון „גריבער אַנגעפילט מיט פעסט" אין זיין ליד: „כ'וועל עפענען דעם פאַרהאַנג" ?)

צי זיין פּאָעמע א. ב. „דער יונגער גראַף טאָלסטאָי", אין וועלכער עס קומט צום קלאָרסטן אויסדרוק דער פענאָמען און גאון פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, וואָס

— — — אַזוי האָט זיך טאָלסטאָי אין מענטש אַראָפּגעלאָזט,
געקנאָטן ביכער פאַר דער וועלט, פון פלייש און בלוט.

עסייען

אַנטלויפנדיק פון זיך — צו אַלעמען דערלאָפן:
צו מיר, צו דיר און צו די דורות אָן א סוף.

די ליריק פון דער סעריע לידער אויף דעם נאָמען פון עליע ווערבלונס בוך: „אַלעמענס וועלט", אָטעמט שוין מיט דעם פּאַטאָס און דער טראַגיק פון אונדזער פאָלק, צייט און דור.

דאָ בלוטיקן אויף די איבערלעבונגען פון אַ צאַרטן יידישן דיכטער, דורך דער פאַרמיטלונג פון זיין איין ליד זיין וואָרט, וואָס האָט דעם כח זיך אריינצוכישופן אין דיין געמיט, האַרץ און נשמה, מיט דעם אויפֿזונג, שפּירעוודיקייט, אַנטפּלעקונג און דער עכטקייט פון וואָרער דיכטונג.

זיין תחנונימדיק ליד א. נ. „גיב מיר כח אין מיין קעל צו זינגען..." דערמאָנט אין אַ האַרציקער תפילה פון אונדזער פאַרהייליקטן סידור ארויס. אין אַ ליד פון קנאַפּע צוויי בוך־זייטן שפּיגלט זיך אָפּ און עס זינגט אויף די טראַגיק פון אונדזער לעבן:

נאָר טרוימען זענען טריף פאַר די באַנגעטן.
די אָרעמקייט — דאָס איז פאַר אונדז צופיל...
דער הונגער און דער טויט — די צוויי זיך וועטן,
אַז קיינער זאָל פון געסעלעך זיך רעטן,
אַז אונדזער אָטעם זאָל פאַרבלייבן שטיל.

פון די געסעלעך ווערט אַש — אַ מאָלצייט פאַרן ווינט — — —

און מיך — דער בלויזער צופאַל האָט פאַרטראָגן,
אַ זעמדל, ביי דעם צווייטן ברעג פון ים,
אַז עמיצער זאָל בלייבן צו באַקלאָגן,
אויף לעבנס נישט־דערלעבטע קדיש זאָגן
און אויך... אויף שפייז פאַר נייעם קריג מסתם.

דער נייער קריג, — זאָל דאָ געזאָגט ווערן — איז דאָ נישט געמיינט ווי אַ שוואַרצע נבואה חלילה, נאָר סתם — א השערה...

דער דיכטער ווייסט צו דערציילן, אז ער איז „...איינער פון א גרויסן שטאַם" און דערפאַר באדארף ער די טעג פון זיין משפחה,

אין אָטעם פון דער וואָר... א תיקון געבן...

און ער גיט זיי א תיקון אין דעם אויפזונג פון זיינע צער־פולע לידער, וואָס שווימען ארויס פון דעם אוצר פון זיין זיכרון:

און ס'קומען אָן פון אַלע זייטן וועלט,
פון אַלע זייטן דורכגעלעבטן לעבן,
די פריינט פון אַלטע טעג, און קיינער פעלט —
די טויטע זענען דאָ, און די, וואָס לעבן...

די וואָס זענען טויט און די, וואָס לעבן, דערגאַנצן זיך צו איין זעונג אין דער וויזיע פון דעם דיכטער.

און אָפגעזען דערפון, וואָס ער איז ערשט געווען אַזוי פעסימיסטיש אין די לידער פון זיין „אין איינזאַמען וואַנדער", דערזינגט זיך פאַקטיש עליע ווערבלון, נאָך דער אויסלאָדונג פון זיינע קרענקלעכע איבערגאַנגס־שטימונגען, אין זיין ליד א. נ. „כ'האָב לענדער פיל באַטראָטן..." צו זיין פאָעטישן דעוויז:

איך טראָג אין מיין אַלטקייט פאַרבאָרגן
דעם צוויט פון אַ נייעם קאַיאָר.

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם כח און די פּאָטענץ פון וואָרער דיכטונג: צו קענען פאָראויסגיין און פאָראויסזען דעם גאַנג פון דער צייט, און פירט מיך צו דער איבערצייגונג, אַז „דער צוויט פון אַ נייעם קאַיאָר" וועט זיך האָפנטלעך נאָך פאַנאַנדערבליען און פאַנאַנדערצווייגן ביי עליע ווערבלון אין נאָך מער רייפערע און דורכאויס לעבנסלוסטיקערע לידער.

צוליב דעם האָלט איך, אַז זיין ליד „דער פעניקס־פויגל" איז ביי אים דאָ נישט קיין צופאַל, נאָר אַ סימבאָל פון יידיש לעבן איבער דער גאָרער וועלט, וואָס ברענגט מיט זיך אַ שליחות פון עטישע ווערטן און וועט, ווי דער פעניקס־פויגל דויערן אייביק.

די פאָעמע „שרה בת־טובים פון ווילנע" לאָזט זיך געדענקן, צוליב

עסייען

איר תמימותדיקער אויפפאַסונג, זעלטענעם פּאַטאָס און פייערדיקער טראַגיק.

ווערבלון זינגט טיילווייז אַזוי:

אין טאָג פון דעם גזר, ווען דער דייטש האָט געמאָלן
די יידישע גלידער מיט אייזערנע קאַמען,
און קינדערלעך שלמה׳לעך, מיט טאַטע און מאַמע,
געשליידערט ווי זשוויר און אויסגעגלייכט טאָלן
ביי ווילנע דער שטאָט, מיט די לעבנס נאָך װאַרעם —

אָט דאַן האָט אַ מלאך פון גאָט, אין די הימלען,
געשטעלט זיך אין וועג, אויף די לופטיקע שוועלן,
פון שרה בת־טובים די שטאָט צו פאַרשטעלן,
עס זאָל איר נשמה פון פיינען נישט גרימען,
איר ליכטיקער אָטעם עס זאָל נישט פאַרפעלן...

ווי שיין און אויסדרוקספול עס באַשטעטיקט זיך דאָ דער זין און דער כח פון דיכטערישער אינטואיציע, אין דער וויזיע פון א פערזענלעכקייט — אַ דיכטער.

אָט ערשט האָט דער דיכטער זיך באַמיט „די שטאָט צו פאַרשטעלן״ פאַר אונדזער סימבאָלישער „שרה בת־טובים פון ווילנע״ און שוין באַלד נאָך דעם חורבן! — ברענגט ער זי מיט ווייטיק צוריק אין דער געשטאַלט פון א שוואַרצן שאָטן, וואָס זאָגט:

— — — אָט דאָ וועל איך, האַרציקער פאָטער, פאַרבלייבן,
און זאָל אונדז דיין ברכה צוזאַמען פאַרוויגן.

ווי זי וואָלט מיט אַנדערע ווערטער געזאָגט: אַז מיינע יידן זענען נישטאָ מער אין ווילנע, וויל איך דאָ אַליין — אויך נישט זיין...

אַזוי אויך די פּאָעמע „ציגיינער״, כמעט אַלע לידער פון ציקל „אַלעמענס װעלט״.

אומפאַרגעסלעך און ביז גאַר רירנדיק איז די פּאָעמע א. ב. „א

לעצטער ראָמאַנס״. (די פּאָעמע „א לעצטער ראָמאַנס״. דערמאָנט אגב אין אַ זעלטענער שטעלע אין סוצקעווערס „געהיימשטאָט״ זע מיין בוך: יאָ און נישט — ניין):

דאָס פּאָרל — אַ מיידל פון קוים פופצן יאָר.
דער יינגל איז עלטער פון איר מיט א פּרילינג.
אין מיטן פון דער שחיטה — פון ליבשאַפט א בליונג,
אַ לעצטער ראָמאַנס פון פאַרשניטענעם דור.

דער „לעצטער ראָמאַנס פון פאַרשניטענעם דור״, אין דעם אויפזונג פון עליע ווערבלונס פּאָעמע, ברענט זיך אַריין אין דיין זיכרון מיט דעם זעלטן מיסטעריעזן פייער פון דעם דאָרנבוש אין מידבר, וואָס ברענט און ווערט קיינמאָל נישט פאַרברענט.

פון די געבראַכטע אויסצוגן פון די לידער פון „אַלעמענס וועלט״ איז צו זען, אז זיי זענען געשריבן און אויסגעוויטיקט געוואָרן אויפן פאָן פון אונדזער דריטן חורבן. צוליב דעם דיבען זיי און זיי וועלן אויך פאַרבלייבן, ווי אַ וואָגיקער צושטייער צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור, וואָס איז נאָך אַלץ אַקטועל און זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער דיכטונג בכלל, דער ליריק — בפרט.

ב

אין דעם לאנד פון די אבות

מתן־גבורה

(אברהם סוצקעווער: אין מידבר סיני)

די דיכטונג, וואָס איז אַלע מאָל דערפינדעריש אין איר אַנטפּלעקונג, איז אָן יעדן ספק דינאַמיש אין איר עמפּינדלעכקייט און אויפפאַסונג פון דער מיסטעריע פון דעם לעבן, וואָס זוכט און געפינט אַלע מאָל אַן אויסדרוק אין דער מענטאַליטעט פון דעם מענטשן, דורך די שעפערישע מעשים פון אַ דיכטערישער פּערזענלעכקייט.

אַ דיכטערישע פּערזענלעכקייט טיילט זיך אויס דערמיט, וואָס זי אַסימילירט איר מענטאַליטעט מיט די נויטן פון דער צייט, אין וועלכער דער דיכטער לעבט און ווירקט, אויף דער באַזע פון אַרויסכישופן פון זיך די איינגעשטילטע און איינגעשטעלטע נשמה־איבערלעבונגען פון דעם עבר פון זיין פאָלק, וועלט און מענטש, וואָס ער באַמיט זיך וויזיאָנעריש אַריינצו־חלומען אין דער זעונג פון דער וויטסטער צוקונפט, דורך דעם אויפברויז, דערפאָרונג און אַנטפּלעקונג פון ד ע ם היינט, מיט דער באַאַרבונג פון זיינע יחידישע זעונגען, וואָס זענען אים אַליין אייגן.

אברהם סוצקעווער, וואָס האָט געהאַט דעם גורל זיך צו אַנטוויקלען ווי דער מוזיקאַלישסטער און אויך פּאַטעטישסטער דיכטער פון אונדזער דור און תקופה, האָט געהאַט דעם אומגליק צו פאַרקברן אין זיך ד י גרויסע טראַגיק פון אונדזער דור, וואָס ברענט ווי אַן אייביקער סנה אין אונדזער זיכרון און טיילט אים אַליין אויס, ווי אַן אומגעוויינלעכע דיכטערישע פּער־זענלעכקייט.

די טראַגיק פון אונדזער דור גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן, טויכט אַלע מאָל אויף אין זיינע נאָכקומענדיקע לידער, ווי אַ דאָמינירנדיקער פאַקטאָר פון ז י י ן דיכטונג, וואָס איז עכט אין איר פּאַטאָס און איז אַלע מאָל איבער־געלאָדן מיט אַנטפּלעקערישע נייקייטן, דער סימן־מובהק פון אַן אייגנאַר־טיקן דיכטער.

סוצקעווער, וואָס איז געוואָגט אין זיינע טואונגען און האַנדלונגען, האָט אויך דעם געבענטשטן מוט צו פאַרברענען — ווען נייטיק — הינטער זיך אַלע בריקן, ביי באַשטימטע סיטואַציעס און געגעבענע אומשטענדן, זיך בליציק אָריענטירן אין די ערגסטע סיטואַציעס, שטעלנדיק אָפט אין קאָן דאָס טייערסטע וואָס ער פאַרמאָגט. דאָס האָט ער איצט ווידער מאַניפעס־טירט אין אַן אַקט פון יצירה מיט זיין לידער־בוך.

„אין מידבר סיני" איז געשריבן און אויסגעוויטיקט געוואָרן אויף דעם פּאַן פון דער צה"ל־אַקציע אין מידבר סיני, מיט אַלע חנען פון סוצקע־ווערס קרעאַטיווע אייגנשאַפטן.

דעם דיכטערס „...קומען צו דעם אָפּקלאַנג פון אנכי..." וואַקסט אַרויס פון זיין אַנונג, שפּאַנונג און שפּירונג, אין די ראַמען פון זיינע אומגעוויינלעכע פּאַטענצן, וואָס באַגלייטן אַלע מאָל דעם עמפּפינדלעכן אויפזונג פון זיין ליד אין אונדזער דיכטונג. צוליב דעם דער דינסטער אויפזונג זיינער:

> אין ים־סוף האָט אַ פּורפּורנע פּמליא
> געשפּילט אויף מיינע פינגער ליב און פריידיק.

זיין פאַרשותּפן זיך מיט דעם יונגן צה"ל וועט אויף תּמיד פאַרבלייבן אַ ברכה פאַר אונדזער דיכטונג, אין וועלכער ער האָט אַצינד אַריינגעהייליקט אַ נייעם מאָטיוו פון הערואיק, אויף אַ זעלטענעם הינטערגרונט פון בילדלע־כער שיינקייט, פאַרוואָרצלט אין אַ פון אים אַליין באַלעבטער תּנכישער סביבה, מיט „...אַ וואָלקנזייל פאַרויס דעם צה"ל".

אין זיין אַריינטיפן זיך און פאַרטיפן די סיני־אַקציע אין לידער, האָט סוצקעווער אויפגעכאַפּט די דערקענטעניש פון אונדזער קיבוץ־גלויות, אין וועלכן דער אנכי בלאָזט אַריין אין ביינער טרוקענע זיין אָטעם, ווייל —

> אין מידבר סיני וועט דיין אומה יונגער,
> און דיין געבאָט, אין בלעטער־פעלדז — דיין פּינקס,
> פאַרקריצן מיט אַ פייערדיקן פינגער
> סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס.

אַזוי אַרום וואַקסן ביי אים אַרויס און עס קומען ווידער צום לעבן די עצמות היבשות — די סקעלעטן פון די געטאָס און טרעבלינקעס — וואָס דער־פירן צוזאַמען מיט דעם יונגן צה״ל די סיני־אַקציע צו דער קרוינונג פון אַ זיג.

מיט דעם כוח פון זיינע דערפינדערישע עמאָציעס לעבט ער זיך איין אין אונדזער אַלט־היימישן אל נקמות, וואָס האָט אויפסניי אויפגעוואַכט אין סיני, און מיט דער שפּירעוודיקייט פון אַלע זיינע פאַרשאַרפטע חושים דער־שנאַפּט ער דעם אונטערערדישן קינדער־בלוט געריזל, וואָס

דערוואַרעמט מיט באַלעבנדיקע שטימען
די אָדערן אין דיין גראַניט און קיזל — — —

די גרויסקייט פון סוצקעווערס פּאָעמע „אין מידבר סיני" באַשטייט אין דעם, וואָס זי לייענט זיך ווי אַ היינטצייטיקע מגילה, וואָס איז פאַרוועבט אויף אַ היסטאָרישן הינטערגרונט, מיט די קענצייכנס פון די בעסטע דער־גרייכונגען פון אונדזער היינטצייטיקער דיכטונג אויף יידיש לשון אין דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג, וואָס קלאָרט־אויף אין דער מאַגיק פון סוצקע־ווערס געזאַנג:

עס שטעלט זיך אָפּ די זון. זי גייט נישט אונטער.
און אויף אַ שטיין־מזבח, דיר צופוסן,
אַ גלות־קינד, אַ זעלנער אַ פאַרוווּנדעטער,
און שיקט פון דיר אַהיים די לעצטע גרוסן.

אונדזער פאַרהייליקטער באַרג, דער סימבאָלישער, אין סוצקעווערס פּאָעמע — רעדט צו אונדז מיט דער שטילקייט פון אַלע דורות.

מיט אַלע זיינע חושים כישופט פון זיך דער דיכטער אַרויס זיין פאַרערונג און התפעלות פאַר דעם באַרג אין דער זעלטנקייט פון אַ השתפכות הנפש, אין פערזן אויסגעהאַמערטע, וואָס ריִרן מיט דער עכטקייט פון זייער פשטות.

— טו־אויס די שיך און שטעל זיך אין אַ שורה,
טו־אויס די שיך און זאָל דאָס זאַמד דיך שווענקען.

אַצינד איז דאָ די צייט פון מתן־גבורה.
די שטילקייט איז אַ תהום. אַ תהום פון בענקען.

דער זין פון דער פּאָעמע באַשטייט אין דעם אַרויסהייבן די אָריגינעלע איבערלעבונג פון מתן־גבורה, וואָס סוצקעווער כישופט דאָס פאַר אונדז אַרויס ווי דעם אַקט פון אנכי, מיט דעם גאַנצן כוח און דער גאַרער גבורה פון זיין טאַלאַנט, וואָס באַנייט זיך אומאויפהערלעך מיט יעדן צוזאַמענטרעף מיט דער פעדער. כאַראַקטעריסטיש איז דאָ אויך, וואָס צו דער מתן־גבורה אייגנט דאָ סוצקעווער צו אַ טיפּיש יידישע תפילה, וואָס קלעטערט פון די טיפן אַרויף צו די הויכן:

זאָל רו און שלום קומען שוין געשווינדער.
פון באַרג אין סיני — בלאָז אָוועק די שינאה.
פאַרשנייד אויפסניי אַ בונד מיט דיינע קינדער,
און זאָלן רויטע זאַמדן ווערן גרינע.

זיין גראַם־מייסטערשאַפט באַקומט דאָ אויך אַן אייגנאַרטיקן זין און פּנים: פון בארג סיני זאָל אַוועקגעבלאָזן ווערן די שינאה (וואָס פאַרצערט — י. ב.), און עס זאָל אויפקומען אַ נייע וועלט — אַ גרינע (וואָס געבערט — י. ב.).

די סיני־פּאָעמע ווערט פאַררונדיקט מיט דער סימבאָליק פון אַ ייִנגל מיט אַ פאָן, וואָס דינט ווי דער אָנזאָג אויף באַפרייונג און באַנייונג, אין קעגנזאַץ צו דעם ייִנגל פון איציק פעפערס „שאָטנס פון דעם וואַרשעווער געטאָ", וואָס איז אומגעקומען און בלויז פאַרבליבן ווי אַ סימבאָל פון יידישער העלדישקייט אין אַ וועלט פון זאָאָלאָגישער שינאה.

די אַנדערע לידער פון בוך „אין מידבר סיני" זענען טיילווייז פאַר־וועבט אויף אַ הינטערגרונט פון תנכישער סביבה, וואָס אָטעמען מיט די קאָלירפולסטע קלאַנג־און־געזאַנג אייגנשאַפטן פון סוצקעווערס דיכטונג, וואָס איז אגב נאָך אַלץ פאַרנאָפּלט און דער עיקרשט — פאַרווייטיקט, צו דער טראַגיק פון אונדזער גורלדיקער תקופה. די פּאָעמע „פאַרגאַנגענהייט אין צפת", למשל, באַטאָנט:

...איך, אַ בלינד געשלאָגענער פון טויטע,
האָב אַלץ געוואַרט אַ סימן אַז ביסט דאָ.

און אין קריי פון האָן אין צפת זעט אונדזער דיכטער

וווּנדער: אינעם קריי — מיין היים און גאַס.
און איך און דו, פאַרגאַנגענהייט, אין צווייען.
אין קריי פון האָן אַנטפּלעקט זיך דיין געשטאַלט,
און יונג ביסטו, ווי זון וואָס ווערט נישט אַלט.

מיט דער זעלטנסטער עשירות פון בילדער זינגט דאָ אויף דער „מאַן פון פוילן", וואָס קלאַפּט אויס אין קופּער „אונדזער שטעטל":

באַהאַלטן איז דער קינסטלער אין אַ חופּה,
געשטיקט פון הענגלעך וויינטרויבן אַליין;
און מיטן קלאַנג פון העמערל אין קופּער —
עס קומט דאָ די פאַרגאַנגענהייט צו גיין.

די פאַרגאַנגענהייט באַאומרויקט אונדזער דיכטער צו אַזאַ עקסטרעם, אַז אַלע מאָל טויכט זי ביי אים אויף אין די רייצנדיקסטע קאָלירן און קלאַנגען, אין דעם אוצר פון זיין דיכטונג, וואָס סטימולירן זיין שעפערישקייט צו די אָריגינעלסטע המצאות פון אָפּעדירן מיט ווערטער, וואָס געשטאַלטיקן זיך אין דעם לבוש פון פּראַכטפולע לידער. הערט און שטוינט:

פאַרגאַנגענהייט — זי קומט דורך אַ טויער,
זי גליט דורך וויינטרויבן, דורך זייער זאַפט,
וואָס מיטאַמאָל זיי ווערן זויער, זויער:
זי שטייט פאַר אים אין טרערן און זי גאַפט.

נאָר ווען זי קומט אַהיים אין קופּער, דעמאָלט
באַוועגן זיך אין קופּער הענט און פיס.
און גאָלדן העמערל אין שאָטן דרעמלט,
און וויינטרויבן — צוריק זיי ווערן זיס.

די פאַרגאַנגענהייט, וואָס שטייט ערשט פאַר אים אין טרערן און זי גאַפט, ווערט צוריק פאַרוואַנדלט — מיט דעם כוח פון וואָרער דיכטונג — אין וויינטרויבן, וואָס ווערן ווידער זיס, סימבאָליזירט מיט זיך דאָ דעם אויפ־

קום אין דער העראיק פון אונדזער היינטצייטיקער מדינת ישראל, וואָס באַלעבט דעם מידבר צוזאַמען מיט דעם מענטש, מאָראַל און גייסט פון ישראל — דער איינזאַמלונג פון קיבוץ גלויות.

די לידער א. נ. „דער קרייז פון די נאָענטע" זענען פאַרוויייטיקט אין דעם צער פון אונדזער חורבן־תקופה און אָטעמען מיט דער אינטימיטעט פון סוצקעווערס פּאַטעטישער ליריק. אין זיין ליד „שפּילצייג", אין וועלכן ער רעדט צו זיין קינד, זינגט ער טיילווייז אַזוי:

האָב זיי ליב, דיינע קליינע בת מלכהס,
איך געדענק אַזאַ טאָג — וויי און ווינד — :
זיבן געסלעך און אַלע מיט ליאַלקעס
און די שטאָט איז געווען אָן אַ קינד.

זיין זיכרון דינט אים דאָ ווי אַן עמוד האש, וואָס באַלייכט און באַלעבט אַלע טונקלקייטן פון זיין טרויעריקסטער דערפאַרונג, אין געטאָ און וואַלד.
אין דעם ליכט פון סוצקעווערס געזונטע ישראל־לידער גרויזאַמט נאָך אַלץ דער שאָטן פון אונדזער גרויליקסטער מאַרטיראָלאָגיע, וועמענס דיכ־טער ער איז געווען און פאַרבליבן. אַזוי אין דעם ליד „דער שניי־מענטש", וואָס גליווערט אין דיר דיין בלוט ביי דער דערמאָנונג:

דעמאָלט, ווען מיין גאַנצענע פאַמיליע
האָט מען אָפּגעקאָסעט פון דער וועלט,
אויך מיין גאָלדן מיידעלע, מיין ליליע —
האָב איך אין אַ שניימענטש זיך פאַרשטעלט!

און ווייטער —

מיינע גלידער זענען לאַנג נישט מיינע —
— — — — — — — — — — — — —
ס'ענטפערט נישט מיין גאָט. ער איז אַ שטומער.

צי זיין „ביינטע סימפאָניע", אין וועלכער אַ שטורמישער ים נעמט אָנטייל אין קאָנצערט:

עסייען

נאָר איך האָב אין כוואַליקע פּידלען דערהערט
אַ שטים פון דער ליטע:
— יידן, שטייט אויף צו דער שחיטה.

דערפון איז צו זען, אַז סוצקעווער איז נאָך אַלץ וואָך צו אונדזער נאָ־ציאָנאַלן בראָך און אומגליק, וואָס האָט זיך אויף תמיד פאַרקברט אין זיין געמיט, האַרץ און נשמה. צוליב דעם זיין געזאַנג פון „געוויין פון שטיינער", „ווילנע", וועמענס גורל ער ווערט נישט מיד צו באַוויינען און באַקלאָגן — „רויכן פון יידישע קינדער" און ענלעכע טעמעס, וואָס האָבן זיך פאַרפּאַנ־צערט אין זיין געמיט און געוויסן, און געפונען פון צייט־צו־צייט אַ צער פולן תיקון אין דעם פּאַטאָס פון זיין ליריק, וואָס איז איבערגעלאָדן מיט אַ דינאַמיק וואָס בליצט מיט מעטאַפאָרישע חידושים.

די מתן־גבורה איבערלעבונג, וואָס דאָמינירט די פּאָעמע „אין מידבר סיני", איז — ווי מיר דוכט — אויך גילטיק און כאַראַקטעריסטיש פאַר סוצקעווערס וויטערדיקן גאַנג אין אונדזער דיכטונג בכלל, ווי אַ העכערער שטאַפּל פון קינסטלערישער אַנטוויקלונג.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם געזאָגטן, קען דאָ דינען די לעצטע סעריע לידער פון בוך א. נ. „פון זיך צו זיך", וואָס איז אין זיך כולל אַלע אייגנ־שאַפן און דערגרייכונגען פון זיין לידער־מייסטערשאַפט.

די טעמאַטיק — אַ קאַלירפולע.

דער אָנווענד פון וואָרט אין פערז — מייסטערהאַפט און ביז גאָר אָריגינעל.

דער גראַם — דערפינדעריש און ניי, ביז צו חידוש.

די פאָרם — עלאַסטיש און פערפעקט, איבערגעלאָדן מיט אַ דינאַמיק וואָס פאַרכאַפּט.

זיין לשון — אוממיטלבאַר, עכט און קלאָר.

זיין בילדלעכקייט — סימבאָליש און רייך, פשוט און אויך שיין.

אויף וועלכן ליד דיין בליק זאָל נישט פאַלן, מוזסטו זיך אָפּשטעלן און גאַפן. לאָמיר נעמען פאַר אַ ביישפּיל איין קליין ליד, וואָס קען אגב אויך דינען ווי אַ גוטער שליסל, פירוש און זינלעכער אויסטייטש פון דעם דיכטער

גופא, פון ז י י ן אייגענעם ליד, פאַקטיש — טענדענץ, זין און פאַרנעם פון ז י י ן דיכטונג אין אַלגעמיין.

איינגעמען שטחים פון צייט מיטן וואָרט,
זאַלבן אויף זיי דיינע זויבערע זילבן:
וויקלען אין קלאַנגען־רצועות די מוסקלען,
אָנטאָן אַ שטילקייט אין ערדישע הויטן,
שפּאַלטן אַ גראַם, ווי אַ מילגרוים און טרינקען,
לאָזן די גלידער פאַרשווימען אין לידער
ביז דיינע לידער אויף ס׳ניי ווערן גלידער —
אָט צוליב דעם ביסטו יינגל (דיכטער — י. ב.) געבוירן.

דער דיכטער מיינט דאָ צו זאָגן אָט וואָס: מיט דעם כוח פון זיין וואָרט פאַרנעמט ער זיך איינצונעמען—אויב נישט אין גאַנצן פאַרשלינגען—שטחים פון צייט, וואָס דאָס מיינט: דעם נעכטן, היינט און אויך דעם מאָרגן פאַר־קליידן אין קלאַנגען־רצועות, אויפזינגען דאָס לעבן אין זויבערע פערזן; די ערדישע הויטן באַצירן — געבן דעם לעבן אַ פאָרם און אַן אינהאַלט; שפּאַלטן דעם גראַם — דעם כישוף פון אָט דעם גראַם דערפירן, ווי ער טוט עס במילא — צו ווירטואָזיטעט; די גלידער זיינע — זיין גאַנצן לייב־און־לעבן — אין לידער פאַרשווימען און פאַרטרינקען.

אין די ראַמען פון אַ ליד אין אַכט פערזן ווערט דאָ פאַרפאַנצערט און אויפגעהאַלטן די עשירות פון געדאַנק, בילדער און וויזיע, ווי דער אַראָמאַט אין אַ זעלטענער בלום. צוליב דעם פאַרזינגט ער אונדזער געמיט און גע־הער מיט די בעסטע עסטעטישע מיטלען, מיט וועלכע ער איז באַשאָנקען — מיט וווּנדער־שיינע לידער.

אָט דער אמת פון זיין דיכטערישן דיאַגנאָז: צוליב דעם ביזסטו, יינגל (דיכטער — י. ב.) באַשאַפן, וואָס קען און מעג אָנגענומען ווערן ווי סוצקע־ווערס פּאָעטישער אני מאמין — באַשטעטיקט זיך דעמאָנסטראַטיוו, מיט דער עשירות פון זיין צושטייער צו דעם אוצר פון אונדזער דיכטונג, וואָס פאַלט צוזאַמען מיט דעם אויפלויכט און אויפזונג פון זיין מתן־גבורה געזאַנג, אין זיין וווּנדערלעכן לידער־בוך: אין מידבר סיני.

סוצקעווערס אײדעלע אויסגאַבע, וואָס באַשטייט אגב בלויז פון אַכט און ניינציק זייטן פון אַ דורכשניטלעכער בוך־אויסגאַבע, דעמאָנסטרירט מיט זיך אויך דעם כח־הצימצום זיינעם אויף אַלע פראָנטן... עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז אונדזערע פּאָעטן זאָלן עפּעס לערנען דערפון. אַרויסגעבן זייערע לידער־ביכער אין אַ קלענערער צאָל זייטן, זיך באַגרענעצן אויף איכות און נישט אויף כמות. ווער ווייסט — אפשר וועט צוליב דעם זיך פאַרבעסערן אונדזער מערכה און מיר וועלן דערמיט אָנהאַלטן דעם אינ־טערעס פון אונדזער באַגרענעצטער לייענערשאַפט אין אונדזער באמת רייכער פּאָעזיע.

מאגיע פון געזאנג

(אריה שמרי: אַ שטערן אין פעלד)

אין די טעג פון אויפשטייג פון מאַטעריעלע ווערטן, פון יאָגן און אַריבעריאָגן איינער דעם אַנדערן אויף דעם געביט פון מאַטעריעלע דער־גרייכונגען, ווען די רעליגיע אפילו האָט זיך פאַרמשכונט צו רייכע טעמפּלען און סינאַגאָגעס, וואָס גלאַנצן בלויז מיט זייער אויסערלעכער עשירות — און דער גאָט פון ישראל ליגט ביי זיי אַ געפאַנגענער אַן קייטן און דינט זיי בלויז ווי אַ פייגנבלאַט צו פאַרדעקן די חטאים פון זייערע מנהיגים אין זייער פריוואַטן לעבן — איז א נחת־רוח זיך צו פאַרדאַווענען יחידיש מיט אַ מזמור־יידיש פון אַ היינטצייטיקן יידישן דיכטער, דערצו נאָך פון מדינת־ישראל, וואָס האָט דעם מוט אין לידער צו קאָנסטאַטירן, אַז —

ניִשט גאָלד מיין געפינס
אָט דאָ אויף דעם זאַמדיקן ברעג,
נאָר אַ שערבל אַ דינס
מיט אוצרות פון נעכטיקע טעג.

אריה שמרי, דער דיכטער פון דעם לידער־בוך „אַ שטערן אין פעלד״ — ווי יעדער אַנדערער דיכטער מיט אחריות, וואָס איז עכט אין זיין ליד, באַדאַרף, מוז זיין און איז דער אויסדרוק פון אַ שעפערישער פערזענלעכ־קייט, — זוכט גאָר און געפינט „אוצרות פון נעכטיקע טעג״ אין ז י י ן „אַ מושל ביים ים״, בשעת אַנדערע באַטראַכטן אוודאי דעם מושל גופא מיט פליישיקע אויגן בלויז, און זעען אין אים ניִשט מער ווי בלויז דאָס וואָס זיי געפינען: אַ ים־חפץ צו באַשיינען זייער טיש — זינגט ער, פון

ניגונים פון זיידעס,
איך הער זיי אין מושלם געברום.
דער ים איז אַן עדות

עסייען

און ס׳איז אויך מיין עדות די זון — —
— — — — — — — — — — — — — —
ווייל דער ים האָט געימט
מיט ווייטע ניגונים אין מיר.

אָט די ווייטע ניגונים אין מיר גילגולן אויף אין זיין דיכטער־האַרץ, ווי דער זעלטנסטער רעזאָנאַנס פון אונדזער ווייטסטן עבר, מיט דער שיינקייט און דער עשירות פון

ניגונים, ניגונים,
אין ברוכקלאַנג פון העכסטן אַקאָרד.
אַ ברומען, פאַרשטומען
פון מאַמע, דאָס אורערשטע וואָרט.

וואָס אונדזער דיכטער דערפירט עס מיט נישט ווינציק טאַלאַנט צו דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג.

דער מיסטישער אופן פון באַנעמען און ברענגען צום אויסדרוק זיין קאָלירפולע טעמאַטיק, גיט צו זיינע לידער אַ דורכאויס אוניווערסאַלן כאַראַקטער, מיט דעם צוגאָב און דער באַפאַרבונג פון אַ דורכאויס יידישן פאַטאָס, וואָס דערהויבט זיי צו דער גרויסקייט און שיינקייט פון אייגנ־אַרטיקער דיכטונג.

די אייגנאַרטיקייט פון זיין דיכטונג איז אגב שוין קאָנטיק ביי דעם סאַמע ערשטן אויפזונג פון דעם ערשטן ציקל לידער זיינע א. ב. „אַ מושל ביים ים״, אין וועלכע ער זינגט וועגן זיינע ברידער אונטער דעם צייכן פון „פאַרשעמטע פאָנען״, וואָס זענען אגב זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער תקופה.

דורך דער סימבאָליק פון די „ניגונים פון זיידעס״, וואָס ער דערשפירט אין די מושלס ביים ים, ווייטיקט־אויף אין אים דער צער, וואָס

אין קלעם פון אורוואַלד,
מיט פאַרקוילטע שנאָבלען
און אָפגעזעגטע פליגל —

י. בראָנשטיין

אבלען מיר און אבלען
אונדזער יאָמערדיקן ניגון,
אויף די בערגער פון סקעלעטן,
אונטער גרויליקע געשפּעטן,
מיר — פון אַלטן שבט
יידישע פּאָעטן.

מיט די פּשוטסטע מיטלען — שפּראַך־עשירות און געצוימטן ריטם — זינגט דאָ אויף אריה שמרי דעם יאָמערדיקן ניגון פון אונדזער טראַגישסטער תקופה, אָן דעם מינדסטן אָנווענד פון רעטאָריק. דערביי איז אויך וויכטיק צו געדענקען דעם דיכטערס באַטאָנען: ...אונדזער תהילימדיקע קעניגקייט... די קרוין, וואָלט איך געזאָגט — פון אונדזערע גייסטיקע ווערטן, און אויך דאָס ...היטן די בלאָע קרוין פון אונדזער זינגענדיקן הויכשטאַנד... אין דער סימבאָליק פון

...די סטרונעס פון דודס פידל
דעם גאַנצן רוים פאַרציען
מיט רעגנבויגנדיקע בריקן.

די שפּראַך פון אריה שמרי איז נישט סתם אַ געראָטענע, נאָר אַ דורכ־אויס קולטיווירטע, רייך אין בילדלעכקייט, ראָמאַנטיש און דער עיקר, ראַפינירט אין איר פּשטות מיט אַ זעלטן געצוימטן ריטם, וואָס איז עמאָ־ציאָנעל זייער אָנרעגנדיק.

ביי אריה שמרי איז שייך, אַז אַ ליד פון פינף סטאַנזן אין צוואַנציק פערזן זאָל אויף אַ קאָנדענסירטן אופן מיט איינמאָל אַרומנעמען: די שאַלערין פון חופּות; די הייבאַם; די קברנטע די אַלטע — די צייט, וואָס —

...זי, נאָר זי אַליין — זי ווייסט פון אַלץ דעם זין.

מיט איין וואָרט: אָפּשפּיגלען דאָס גאַנצע לעבן פון אַ מענטש אין איין גרויס ליד, קורץ, אין געציילטע, אָבער אינהאַלטרייכע פערזן (זע: אַזוי טוט די צייט, ז. 27).

אין זיין באַמיאונג צו געבן דעם לעבן אַ תיקון אין לידער איז אריה שמרי עכט אין זיין ליריק, קלאָר און פאַרשטענדלעך אין ז י י ן אויפפאַסונג פון וועלט־און־מענטש, אָפט אפילו אויך פילאָסאָפיש.

דער דיכטער ווייסט צו דערציילן:

אַז פעדעם זיך פאַרקנוילן
צו ווילן
און אויך צו גרוילן.
— — — — — — — —
די זעלבע פעדעם
צום וואָרגן און באַגנעדן,
ביי חופה און ביי תליה,
צו כלה־שלייער און צו קריעה —
די זעלבע פעדעם.

און אַז

אַלץ וואָס יונג איז, און שיין איז, און טרוים איז —
מוז ווערן ז כ ר ו ן.

דעם דיכטער איז גלייכצייטיק קלאָר, אייגן און אויך פאַרשטענדלעך, די... שעה צו עפּלען און צו מאַמען...

דער צער, פרייד און די טראַגיק פון דעם לעבן זינגען גלייכצייטיק אויף אין זיין ליד מיט דער נאַטירלעכסטער אוממיטלבאַרקייט פון אַ באַ־ ווּוסטזיניקן דיכטער, וואָס ווייסט באַשטימט וואָס ע ר וויל און באַצוועקט מיט ז י י ן דיכטונג.

זיין געבענטשטע פשטות איז אומפאַרגלייכלעך שיין אין דער בילדלע־ כער רייכקייט און סימבאָליק פון זיין ליריק אין זיינע זעלטענע נאַטור־ לידער, וואָס זענען גלייכצייטיק באַזעלט מיט דער עשירות און מאַגיק פון געדאַנק־אין־געזאַנג.

אין ...דרויב אין שטויב... זעט ער אַ ריז:

צווישן שאָטנס — אַ שטראַלנדיקער נסתר.

י. בראָנשטיין

די קרוינונג פון זיין דעוויז איז:

פאַרשטאָליק דיינע ליידן,
וועלט אין זון צו טראָגן,
איטלעכן טאָג — ווי אַ זויגלינג אויפן אָרעם.

זיינע פאַרשאַרפטע חושים זענען זייער שפּירעוודיק און אויך זעעוו־דיק. צוליב דעם דער באַוווסטזיין ...אַז שאָטן איז מינער פון ליכט... און אַז —

נאָך ביסטו, וועלט, אָן אַ שיער
מיט וווּנדער פון באַגינען.

דער וווּנדער פון באַגינען האַלט אים געשפּאַנט און פירט אים תמיד מיט גאַפונג צו דעם רייץ פון שעפערישע מעשים. צוליב דעם דער דעוויז, אַז עס איז

נאָך דאָ אויף וואָס צו שטוינען.

ווייל —

אַ חידוש אַלץ, שטוין און גאַף,
נאָך דאָ אויף וואָס צו גאַפן.
יעדער טאָג גליט אין באַשאַף,
איך גלי אין דעם באַשאַפן.

זיין צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור, איר סודותדיקע שיינקייט — האָט נאָך מער פאַרשאַרפט זיינע חושים, אים קלוג געמאַכט און סטימולירט זיינע דיכטערישע פּאָטענצן צו פאַרטיפן איר אַנטפּלעקונג אין אויסגעהאַמערטע לידער, אויף דער פאַן פון קאָסמישער שיינקייט מיט אַ דורכאויס דינאַמישן כאַראַקטער (זע: אַ דאַנק דער ערד). ביי איר האָט ער זיך געלערנט לייענען ...ערדס סודותדיקע היעראָגליפן... און זיי ריטמיש פאַר־קושן צו אונדזער געהער, האַרץ און נשמה.

און דווקא דערפאַר ווייל ער ווייסט, — ווי אַ מענטשנקינד, וואָס גייט פון שטויב צו שטויב — אַז זיין פאַרמעג איז קליין אין דעם אָנגעזיכט פון דעם קאָלאָס, וואָס מיר רופן: וועלט, דעם שווינד פון יאָרן אין קורצן

עסייען

וועג — איז אים דורכאויס פרעמד דער געפיל פון הכנעה. ער פרעגט בלויז פראַגן און ער זוכט אַ באַשייד.

און ווידער אָונט, נאָך אַ טאָג פאַרגייט.

און וואָס איז זיין תפילה?

זיין תפילה איז אין קורצן אַזאַ:

כ׳וויל קומען אָנגעגורט פאַרשטאַנד,
מיט אַ בליק אַ ליכטיקן פון ראַנד צו ראַנד.
און דאָס בעט איך מיין האַר:
כ׳וויל אויפנעמען מיט אַ צעזונגען האַרץ
דיין לעצטן גזר.

אין זיין אויסטענה׳ן זיך מיט גאָט אין זיין וונדערלעכער פאָעמע: אין אַזאַ פאַרנאַכט וויל איך נישט שטאַרבן — בלוטיקט־אויף דעם דיכטערס צער איבער די גרוילן פון אונדזער, נאָך אַלץ זיך רויכערנדיקער, טראַגי־שער תקופה, אָן די צויטן פון רעטאָריק און קללות. ער בעט פשוט און רירנדיק:

באַוויז זיך ווי אַמאָל, אַן אייגענער אין דער עדה יידן,
אין שטוביקן כאַלאַטל, אין טרעגערישן גאַרטל...

— — — — — — — — — — — — —

זאָג אונדז שטיל דיין ש ל ו ם.

דער דיכטער וועט נישט מיד צו פרעגן און באַטאַנען:

צי קענסטו נישט דעם יינגלינג,
דעם דערשפרונגענעם פון פייערן,
וואָס האָט זיין קוש פאַרפרעסט אין אַש?
צי געדענקסטו נישט דעם יתום אין די וועלדערס חשכותן, —
צי געדענקסטו נישט?
איצט, אויפן אַקערראַד גליט זיין מאַמעס אַש,
הער זיין ליד, ווי קלאַנגדיק און לויבנדיק, —
י ת ג ד ל ו י ת ק ד ש, און אַזוי פיל ברכה אויפן לעבן!

אריה שמרי צאָלט דאָ בפירוש נישט קיין צינז דער צייט. ער ברענגט אַרויס אויף אַ רירנדיקן, קאָנקרעט־בילדלעכן אופן דעם סינטעז פון חורבן און אויפקום, אין דער סימבאָליק פון דעם ייִנגלינג, דעם יתום, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די היטלער־פייערן אין דעם חושך פון וואַלד און זינגט אויס ז י י ן ליד פון קלאָג־און־לויב, אונטער דעם טרייסטנדיקן הימל פון מדינת־ישראל.

אין דעם ליגט גבורה פון קדושה אין עכטער דיכטונג, אין דעם לבוש פון אַ זעלטענער שפּראַך־עשירות, בילדלעכקייט און פאַרטיפטער ייִדישער טראַגיק. ס'איז בפירוש

ליד פון אַקערדאַד,
קלאָג פון פלאַקערראַד,
ביידע היפּן איבער פעלד,
רעדער צווי — פון זיין נס און וויי.

ס'אַר אַן אייגנאַרטיקע קאָמבינאַציע: נס און וויי — פאַרוויייטיקט אין דער דיכטונג פון אונדזער ישראל־דיכטער, אריה שמרי!

אריה שמרי זעט מיר אויס צו זיין אַ גלויביקער דיכטער, נישט אין דאָגמאַטישן זין פון אָנגענומענער רעליגיע, נאָר אין דעם וועלטלעכן זין פון אַ ז ע ע ר, וואָס איז שטאָלץ מיט זיין יחוסדיקן אָפּשטאַם „פון אַלטן שבט ייִדישע פּאָעטן", וואָס גלויבט, אַז —

תמיד וועט חלום וויגן די הערצער.

און ער וויל דורכאויס נישט זיין קיין קנעכט, נאָר אַ ברודער —

ווייל מיין האַרץ קאָן נישט גיין,
ווייל מיין האַרץ וויל נישט גיין
מיט אַ קייט אויף די טריט.

ווי א דיכטער, וואָס האָט זיך צוגעאייגנט צו אַן אוניווערסאַלער טעמאַ־טיק, אָפּט אין די ראַמען און אויף דער פאָן און הינטערגרונט פון אַ נאַ־ציאָנאַלן קרעדאָ, האָט אריה שמרי

ע ס י י ע ן

...פון לאַנג שוין דערקענט
אַז וואַלד — יעדער בלאַט,
און וועלט ווי זי איז, סודיק און גרויס —
הילט אַרום מיט הימל און ערד יעדעס הויז.
— — — — — — — — — — —
כ׳בין סיי־ווי נישט אַליין,
מיין הויז — אומעטום.

דער מוסר השכל דערפון איז, אַז וועלט־און־מענטש איז — איינס. דער פּרט, אין אונדזער פאַל: דער לירישער דיכטער פון בוך „אַ שטערן אין פעלד״ — איז „נישט אַליין״. זיין הויז — אומעטום. אין פולן הסכם מיט אונדזער יידישער אויפפאַסונג: סדנא דארעא חד הוא.

צוליב דעם איז אים פרעמד יעדער קולט פון געצנדינעריי אין דעם פּאָליטישן געברויז פון אונדזערע טעג, ווען פּאַשיזם אין אַ רויטן העמדל פּאַראַדירט למשל אונטער דעם פאַלשן אויסרייד פון משיחישן קאָמוניזם. און ער האָט דעם מוט, און אויך טאַלאַנט, צו זינגען:

גיי אַרויס ווי דיין זיידע
פון טעמפּל פון תרח
צום אייגענעם דרך,
מיט אָפענעם האַרץ צום אָפענעם הימל.

דער רוף צום אייגענעם דרך מיינט נישט דווקא גיין צוריק. עס מיינט בלויז און דורכאויס: די באַפרייונג פון אַרויפגעצוווּנגענע דאָגמעס אויף דעם פּרט מצד דעם כלל, און די דערהויבונג צו אייגענער חשיבות.

דער דיכטער איז אַלעמאָל באַזעלט מיט אַ שליחות. און כאָטש ער באַטראַכט זיך אַליין ווי אַן אביון אין שמאַטעס, איז ער פונדעסטוועגן באַפּאַנצערט ...מיט אַ שליסל צו גאָלד... ער איז, ווי ער אַליין דריקט זיך אויס — ...דער פויגל וואָס זינגט... און זיין דופק ...ניגונים שפּילט אויס... און

י. בראָנשטיין

אין אַ דור וואָס איז קאַלט,
אין אַ וועלט וואָס ווערט אַלט —
בין איך וואָס איך בין —
זאָגט דאָס ליד.

מיט איין וואָרט — ער איז דער מאָנער, אָנזאָגער, אויפרודערער און דער סטימולאַנט פון אַן אייגענעם דרך.

דער וויכטיקסטער אוצר, וואָס אַ דיכטער פאַרמאָגט, איז אָן יעדן ספק ז י י ן וואָרט. וואָרט אַליין איז אָבער זיכער נישט גענוג צו דערהויבן איינעם צו דער מדרגה פון זיין אַ דיכטער. ווי אַ צוגאָב צו דער באַהערשונג פון דעם וואָרט, מוז מען אויך האָבן דעם געוווּנטשטן טאַלאַנט צו וויסן ווי אַזוי דערמיט צו אָפּערירן אין דינסט פון ד י זעונגען, עמאָציעס און אידעען, פון וועלכע דער דיכטער גופא ווערט באַהערשט אין שייכות מיט אַנדערע ווערטער.

אַ דיכטער באַדאַרף פריער פון אַלץ קענען אָנרופן זאַכן מיט אַ נאָמען, אין די ראַמען פון אַ סטיל, וואָס איז אַנטפּלעקעריש און גינסטיק פאַר אַלע חושים, וואָס באַדאַרפן און מוזן זיך לאָזן אָנקליידן אין דעם לשון, אין וועלכן זיי באַצוועקן קומען צום אויסדרוק און אַלעמאָל זיין באַגרענעצט צו אַ סכום ווערטער, אָן דער פגימה פון אַ דיסאָנאַנס — איבעריקן קלאַנג אין דער קאָנסטרוקציע, ריטם און אויפזונג פון אַ ליד, וואָס מוז אויף זיך טראָגן דעם חותם פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט. געפליגלטע פּראָזעאָלאָגיע, רעטאָריק צי מליצה, קען מער נישט פאַרדעקן די זינלאָזיקייט פון מעכאַנישע — געמאַכטע לידער, מיט, צי אָן גראַמען. אמתע דיכטונג מוז אויף זיך טראָגן און אין זיך אָפּשפּיגלען די קען־צייכנס פון אַ דיכטער אין אייביקן טאָגן, אין וועמענס דיכטערישע אָדערן — לידער — עס מוז צירקולירן אַן עכטקייט, וואָס ווייסט נישט פון קיין פּניות, צביעות און פאַלשן אָנשטעל. דאָס וואָרט אין דעם מויל פון אַן אמתן דיכטער פיבערט דעריבער אַלעמאָל מיט אַנטפּלעקונג, נישט זעלטן אויך מיט אַ דינאַמיק, וואָס פאַרכאַפּט מיט כח, גבורה און אויפבליץ פון בילד, געפיל און עשירות פון געדאַנק.

עסייען

אין זיין ליד, א. ג. „פון מיין ליימיק שוויגן״, זינגט אריה שמרי אַזוי:

פון מיין ליימיק שוויגן אַרויס — גרינסטע, וואָרט,
און אָן דיר — זע, ווי פאַראַרעמט איך בין.
ביסט מיין יאָך און מיין תוך, מיין סוד אויפגעקלאָרט,
ס׳בלינדסטע אין מיר וואָס טרינקט פון באַגין.

טראַכט מען זיך אַריין אין דעם באמת גרויסן ליד אין געציילטע פערזן, דערוויסן מיר זיך קודם כל, אַז דאָס וואָרט, ווי אַ פלאַנץ — גרינט אַרויס ביים דיכטער פון זיין ליימיק שוויגן. אָן דעם וואָרט איז דער דיכ־טער אָרעם. זיין וואָרט איז זיין יאָך און אויך זיין תוך. דורך דעם וואָרט זיינעם ווערט פאַר דעם דיכטער גופא אויפגעקלאָרט זיין אייגענער און אויך אונדזער תוך. און בינו לבינו דינט עס דעם לייענער ווי אַ וועג־ווייזער, צו באַלייכטן זיין אייגן ליימיק שוויגן און באַזינגט אַזוי אָרום זיין לעבן מיט דער קלאָרקייט פון אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וואָס זאָגט:

כ׳האָב מיט דיר מיין וועג דורך די שטויביקע טעג
דאָ אויפגעהעלט אין אָן אָרעם געצעלט.

די געציילטע ישראל־לידער, וואָס געפינען זיך אין בוך, זענען נישט סקאַרבאָווע, האָבן די זעלטענע מעלה צו זיין באַשיידן אין צאָל, רייך אין אינהאַלט, זעלטן שיין פאַרטראַכט און אויסגעפירט. אין זיין ליד „אַ נייער טאָג״ זינגט דער דיכטער:

און די שטיינער די פאַרגרויטע —
אין פורפור בלענדן, טרעפ אויף טרעפ.
אַזוי נישטיק אַלע טויטן,
דוד זינגט, דאָס פאָלק — לעבט.

אין די געציילטע לידער האָט זיך אויפגעהאַלטן דער אַראָמאַט פון

...די בלעטער פון געשיכטע
אויף די פאַרמעט־בערג פון אַלטן לאַנד.

די אוראַלטע סביבה פון די אבות.

דורך דער מאַגיע פון געזאַנג הערן מיר — ווי דוד זינגט. דאָס פאָלק — לעבט. דאָס פאָלק פון אונדזער היינטצייטיק באַנייטער ישראל.

ווי אַ פאַרליבטער אין דעם לעבן זוכט אריה שמרי נישט קיין פגימות אין דעם לעבן, נאָר זינגט צו אים איין גרויסן הימן אויף דער פאָן פון גאָרער ליבשאַפט, פאַרוועבט אויף אַ הינטערגרונט פון ראָמאַנטיק.

אין זיין „אין צוויטיקן רעגן" קומט צום אויסדרוק די גאָרע יצירה אין דער ליבשאַפט צום מענטש, דעם פרט — און צו אַלץ וואָס לעבט און שאַפט: נאַטור, מענטש, דער אויפזונג פון דעם קאָסמאָס, צו וועלכן ער אייגנט צו דעם מענטש ווי אַ טייל פון זיין פּענאָמען, ווייל ער, דער מענטש, וואָס איז באַשאַפן אין דער געשטאַלט פון זיין באַשעפער — זאָגט אַן און באַפעלט כמעט, אַז ווען

...עס קומט די שעה פון געוועלק און צעפאַל,
ווען עס צעשטויבן זיך בליטן און בלעטלעך —
זוך מיך אין דופטיקן שטויב,
אויך שטויב קאָן זיין געטלעך
און ראוי צו לויב;
און ווען עס צעפליט זיך דער שטויב —
אָטעם מיין אָטעם אין ווינט.

ווי וווּנדערלעך און שיין: אויך שטויב קען זיין געטלעך!

מיט זעלטענעם כח פון דער טיפסטער פאַרשטענדעניש און פּסיכי־שער אויפנאַמס־פעיקייט לעבט ער זיך איין אין דער מיסטעריע פון געבורט, וועגן וועלכער ער זינגט מיט דער זיכערקייט פון אַ דיכטער־פּסיכאָלאָג:

שטילער, שטילער, קוים אַ פליג צו הערן.
אַזוי זאַמלט זיך צווישן בערג אַ שטורם.
די רו דירט, אַט פאַלט אַראָפּ אַ שטערן,
און באַלד וועט אַ מענטש אַרויס פון פורעם. —
טיף אין דיין וויגעשריי ווידערט דער בראשית,
מיט יהי־אור גייט אויף דיין עופל.

און ווייטער —

אַזאַ מענטשל וואַקסט — נישט נאָר צו פאַרוויגן
זיין שוואַך געביין מיט אַ פיטומל אין מויל.
אַ מענטש וואַקסט־אויף — צו קריגן, אויסצווזיגן
זיין ברויט און חלום פון גורל און גרויל.

וואָס פאַר אַ שיינקייט עס טויכט דאָ אַרויס פון דער רו וואָס רירט, און דעם באַנייטן אויפריר פון בראשית.

דער דיכטער איז דאָ כמעט ווי גורם דעם אויפוואַך פון אַ זעקסטן חוש אין דיר, וואָס רייסט־אויף דיין געמיט און מאַכט דיך זען בפּועל ממש דעם מענטש אין דער דינאַמיק פון זיין געבורט, וווקס־און־וואַקסן, כדי צו קענען ...קריגן, אויסצווזיגן זיין ברויט און חלום פון גורל און גרויל...

אריה שמרי, וואָס פילט זיך היימיש אין דעם פרייען ווי אין דעם געמאָסטענעם פערז, ווייסט קאָנטיק אויך דעם סוד הצימצום, פון וועלכן ער לאָזט זיך אַלעמאָל פירן. צוליב דעם ליידט נישט זיין דיכטונג פון קיין שמץ פון שעטנז. עס איז אים לגמרי פרעמד די רעטאָריק פון אונדזערן אַ פּאָפּולערן דיכטער אפילו, וואָס ווערט צומאָל פאַרכאַפּט פון גרויסע צאָלן, פאַרנאַכלעסיקט צוליב דעם אָפּט די איכות פון זיינע לידער און גיט זיי אַרויס אין דיקע ביכער.

אריה שמרי׳ס לידער ווערן אַלעמאָל דאָמינירט פון גלויבן און צווייפל, ליבשאַפט און אייפער... און טראָגן צוליב דעם אויף זיך דעם חותם פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט, וואָס רייצט מיט דער מאַגיע פון געזאַנג.

חלומות פאַרוואַנדלט אין לידער

(י. מאַניק: טריט אין באַגינען)

נישט אַלע לידער, וואָס זענען ביי אונדז לעצטנס געשאַפן געוואָרן אין ישראל גופא און אויך אין די תפוצות וועגן ארץ ישראל, אונטער דער דירעקטער השפעה פון דעם אויפקום פון מדינת ישראל, קענען געמאָסטן און אָפּגעשאַצט ווערן מיט דער זעלבער מאָס פון קולטור־היסטאָרישע און עסטעטישע ווערטן.

די לידער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פון אַן אימפּולסיוון דיכטער, וואָס איז געקומען קיין ישראל ווי אַ גאַסט און זיך באַלד געלאָזט באַווירקן פון דער דינאַמיק פון דעם באַנייטן און אייגנאַרטיקן לעבן, אויף דעם הינטערגרונט פון זיין ראָמאַנטישער חומש־קינדהייט, זענען ספּאָנטאַן און איינמאָליק, נישט קיין בהדרגהדיק אַרויסגעוואָקסענע פון דער ארץ־ישראל־סביבה, און זיכער אויך נישט אונטער דעם צייכן און דער השפעה פון דורכגעליטענע, פריידיקע און פון זיך־אַליין אַדורכגעלויכטענע און איבער־געלעבטע חבלי־לידה.

די לידער פון אַ היינטצייטיקן דיכטער־חלוץ פון ישראל גופא, ווי די לידער פון י. מאַניק, לעדערמאַן און אַ סך אַנדערע, זענען שוין יאָ אַדורכגעווייטיקט מיט דעם שווייס פון זייערע אייגענע הענט, בלוט פון זייער האַרץ און דער וויזיע פון זייער געדאַנק, אויף דער פּאַן פון זייער אייגענער און אַקטועלער — פּאַקטישער — חלוציות; דירעקטן אנטייל אין פרייד און אין לייד, אין דעם אויפבוי פון לאַנד און ישוב, ווי אַן אַקט פון אמתער קדושה און עקשנות, אַבסאָלוטן אידעאַ־ליזם און דורכאויס באַוואוסטזיניקן אויפזונג און אויפהעל — אויפקוועל פון זייער נאַציאָנאַלן קרעדאָ. זייערע לידער זענען דעריבער באַהויכט מיט דעם טוי און אָטעם פון פּיאָנערישקייט, וואָס דערהויבט דעם אמת פון

דיכטונג צו דער דיכטונג פון אמת און גיט זיי צו דעם ספּעציפֿישן חן און אַראָמאַט פון אַ דורכאויס נייעם בראשית.

בשעת די דיכטער־געסט אָדער סתם דיכטער פון די תפוצות, — ווי טאַלאַנטירט זיי זאָלן נישט זיין — נעמען אויף אונדזער באַנייטע ארץ־ישראל אין זייערע לידער, לויט דעם דעוויז און אין דעם גייסט פון „אַ גאַסט וואָס קומט אויף אַ ווייל און זעט אויף אַ מייל" און זיי זענען — ווי געזאָגט — איינמאַליק, וואַקסן די ישראל־לידער ביי אונדזערע היימישע חלוצים־דיכטער אַרויס פון אַ שטופנווייזער אוממיטלבאַרקייט, ווי רייפע פירות פון אַ קולטיווירטן באָדן. דער עיקרשט, ווי אַ דירעקטער פועל־יוצא פון זייער חלוצישער האַרעוואַניע און פּאַרמעסט, אונטער דעם שוץ פון זייערע צעהעלטע זעונגען און קאָנקרעטע מעשים, וואָס באַנייען זיך אויך טאָג־טעגלעך, אין הסכם מיט די פּראָצעסן פון באַנייונג אויף אַלע געביטן פון לעבן.

ווען דער ישראל־דיכטער י. מאַניק זינגט דעריבער אין אַ ליד, אין זיין לידער־בוך „טריט אין באַגינען", אַז ער באַטראַכט דאָרט

יעדן לױפּנדיקן שפּאַן,
ווי אַן אַלטער באַלעבאָס.

איז עס נישט סתם מליצה, נאָר ער זינגט פאַר אונדז אייגנטלעך דאָ אויף זיין חלוצישע דערפאַרונג פון מער ווי צוויי צענדליק יאָר חלוצישע האַרעוואַניע אין דעם לאַנד פון אונדזערע האָפענונגען, ווו דער דיכטער האָט —

נאָך טעג, נאָך שווער־באַלאָדענע מיט לאַנגוויַל,
געפּירט ווי קעמל־קאַראַוואַן דורך מדבר פון דער צייט,
כ'האָב ווידער דאָ געפונען רו —
אין מי!

די געפונענע רו אין מי, וואָס איז דאָ בכלל אַן אָריגינעלע, אין דעם אויסלייג פון אַ זעלטענער עכטקייט, איז בלויז מעגלעך און אייגן אונדזער ישראל־חלוץ אין אַלגעמיין, וואָס האָט נישט אַנדערש ווי בלויז געקאָנט

געפינען אַ תיקון אין דעם געזאַנג פון זיין ברודער־און־דיכטער־חלוץ י. מאַניק.

...די האָראָס, דאָס געזאַנג
איז געווען פאַר מיר אַ צייכן,
אַז נישט ווייט איז שוין דער טאָג
אונדזער פרילינג צו דערגרייכן.

אַ דאַנק אָט דער שפּירונג, דאָס נישט ווייט זיין פון טאָג אונדזער פרילינג צו דערגרייכן — זינגט־אויף אין אים די פרייד פון אַ לעבן, וואָס איז באַוואָפנט מיט רידלען און געזאַנג:

האָט אַלעמען באַהערשט איין ווילן, איין געדאַנק:
אַדאָ, אויף וויסטער בלענדיקייט פון זאַמדן,
ווו שלענג זיך נעסטן און עס יאָמערן שאַקאַלן,
זאָל לעבן אויפגיין פונדאַסניי און זיך צעבליען...

די מי, אומאונטערבראָכענע עקשנות און קרבנות־גרייטקייט דערפירט פאַקטיש דערצו, אַז

...ס׳האָט אַ גלאַנציק נייער כביש (איינער פון אַ סך! י. ב.)
ווי אַ יריעה
גענומען זיך צעוויקלען
פון אונטער אונדזערע הענט...

אַזוי גיט זיך דיר דאָ איבער די פאַרוואַנדלונג פון „וויסטער בלענדיקייט פון זאַמדן" אין אַ דורכאויס ניי לעבן, וואָס גייט אויף און צעבליט זיך אויפסניי פאַר דיינע אויגן.

דערפון נעמט זיך אגב אויך דער באַוווסטזיין ביי דעם דיכטער י. מאַניק, אַז צו זיין אַ דיכטער מיינט אַבסאָלוט נישט

צו זינגען קאַיאַר
אין קאַפע־הויז ביים טישל.

י. מאַניק ווייסט גאָר צו דערציילן פון אַזאַ מין אויפפאַסונג פון אַ דיכטער:

עסייען

דו ביסט אַ דיכטער.
נאָר טראָגן דו טראָגסט נישט
די האָר דיינע ווילד
און פאַרדריסן דעם קאָפּ,
ווי איינער, וואָס וואָלט
אויף די פליגל פון ליד
שוין געברענגט די גאולה.

נאָר איבער ראַנד־גאַסן, שטאָטישע,
קאָן מען טרעפן דיך
נאָך אַלץ אין קאַלך־קליידער
מיט וואַסער־וואָג, האַמער, און קעלניע,
גייענדיק פאַרנאַכטלעך אַהיים
נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שווערן
פון מי ביי אַ בנין.

דער מענטש „...אין קאַלך־קליידער מיט וואַסער־וואָג, האַמער און קעלניע" ווערט דאָ פון דעם דיכטער דערהויבן צו דער אַבסאָלוטער חשיבות פון אַ דיכטערישער פערזענלעכקייט, מיט דער לאַסט פון אַ טאָג אַ שווערן „פון מי ביי אַ בנין".

צוליב אָט דעם אַנוווקס־און־אויפוווקס פון זיין דיכטערישער קרוין, פאַרשותפט זיך דער ישראל־דיכטער צו דער קדושה פון חלוציות, אַן אייגנשאַפט, וואָס איז פרעמד אונדזערע דיכטער־געסט, אין דעם איינמאַליקן אויפזונג פון זייערע, אפילו אינספּירירנדיקע, ישראל־לידער.

די קדושה פון מי און אַרבעט ווערט דאָ נישט דערהויבן צו אַ קולט, נאָר צו דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון דער פריידיקסטער איבער־לעבונג פון באַהערשן דעם מדבר און דער אַבסאָלוטער זעונג, אַז —

מיטן אונטער־טראָט, דעם בלויען,
אויסגעוואַקסן שטייט אַ הויז...

וואָס סימבאָליזירט מיט זיך די עקשנות צו באַהערשן און באַזיגן דעם מדבר אויף תמיד.

י. בראָנשטיין

כאַראַקטעריסטיש איז דאָ די פרייד פון אַרויסכישופן, מיט דעם אַבסאָלוטן כח פון גלויבן און גבורה, אַ ברונעם פון דעם פאַרוואָרלאָזטן און שטייניקן באָדן:

בייגט זיך איבער טיפקייט בונעם
און זיין לעכצנדיקער גאָרגל
אינעם ברונעם
זיך צעשפּילט — אַן אָרגל,
און ער רופט צום דנאָ:
וואַסער, וואַסער, ביסט שוין דאָ?
הערט ער ווי אַ צוויטער בונעם
אין דער טיף צעלאַכט זיך: יאָ,
אין אַ גוטער שעה!

די זיכערקייט, כח, גלויבן און גבורה, וואַקסן דאָ אַרויס פון דעם באַוואוסטזיין, אַז —

הינטער זיך פאַרברענט די בריקן
צו די פרעמדע וועלטן,
זענען מיר אַהער געקומען,
אויפגעשטעלט געצעלטן.

אויף דעם שטח, וואָס ליגט צווישן די פאַרברענטע בריקן הינטער זיך און דעם אויפשטעל פון נייע געצעלטן, פלאַקערט־אויף די עכטקייט פון דער חלוצישער טעמאַטיק אין דער דיכטונג פון י. מאַניק.

און דאָרט ווו געצעלטן זענען אויפגעשטעלט און אין דער ערד פאַרוואָרצלט, וועלן שוין במילא:

שמייכלען קינדער, וואַקסן פרייער,

און אין אָט דעם זכות

שטייט דאָ אויף אַ דור, אַ נייער.
נייער דור, וואָס וועט די נעמען
פון די טאַטעס נישט פאַרשעמען.

די הערײק פון די סיני־טעג האָט עס ערשט אויפסניי און בולט באַשטעטיקט.

די ישראל־לידער פון י. מאַניק זענען אַנדערש דערמיט, וואָס די ביבל־אַרכאַאיק, מיט איר גאַנצער תמימות פון אונדזער ווייטן אַמאָל, זענען דאָ אינגאַנצן נישטאָ. דערפאַר אָבער קומט דאָ צום אויסדרוק, — דערצו נאָך אין דורכאויס קאָנקרעטע בילדער — די הייַנטצייַטיקע ישראל מיט איר גאַנצן אימפעט פון בוי און וווקס, גאַסן, שטעט, דערפער און קאָלאָניעס, אין דעם פולן געברויז פון איר רייצנדיקער דינאַמיק, אין גאָר געראָטענע לידער, ווי דער פועל יוצא פון חלוצישער זעונג, מי און אַרבעט, חלומות פאַרוואַנדלט אין לידער — וואָס זעטיקן דיין געמיט און אויג מיט אַ נישט זעלטענעם „מדבר־אינדזל אינדערמיט". י. מאַניק זינגט:

שפאַנט אַ קאַראַוואַן פון קעמלען,
דאַכט זיך, גייענדיק זיי דרעמלען.
און אַ חורבה פון פאַרצייטנס
שטייט און גענעצט... און פונזוייטנס:
ווו דו טוסט דיין בליק אַ וואָרף,
שווימט אַרויס אַ דאָרף נאָך אַ דאָרף.

די בילדער בייטן זיך אימפולסיוו פאַר דיינע אויגן און דו אַנסט, שפירסט און דו פילסט די פאַרוואַנדלונג פון חלום אין וואָר, ווען —

...נישט איינמאָל, קלערסטו דיר,
ווי עס טרעפט מיט דיר דער כישוף:
לייגסט זיך שלאָפן אין אַ וויסט
און שטייסט־אויף — אַ ישוב...

דאָס איז די זעונג און דער קאָנקרעטער הינטערגרונט פון חלוצישן ישוב, די צוגרייטונג און אויך די קרוינונג פון מדינת־ישראל.

די ישראל־לידער פון י. מאַניק זענען נישט קיין דעקלאַראַטיווע ליבע־געזאַנגען פון אַ באַגייסטערטן אָבסערוואַטאָר, נאָר דער דירעקטער אויפזונג

י. בראָנשטיין

פון אַ חלוץ־פּאָעט, אין וועמענס ליד עס הויזט דאָס מקויים געוואָרענע געזאַנג און בענקשאַפט פון דורות „צום לאַנד פון מיינע טרוימען", לויט דעם דעוויז פון זיין אויפזונג, אַז —

סיי אין בוי, סיי אין קאַמף
לאָמיר גיין האַנט אין האַנט,
און דעם גורל פון לאַנד
לאָמיר שמידן באַנאַנד.

דערפאַר ווייל —

פון אַלע ווייטע רוימען
געטראָגן האָט עס מיך אַהער
צום לאַנד פון מיינע טרוימען.
— — — — — — — —
דערווייל פאַרגייט די שטילע נאַכט,
דער חושך ווערט צערינען,
און איך שפּיל־אויף אויף מיין גיטאַר
די טריט פון דעם באַגינען.

אין אָט דעם אויפשפּיל־און־אויסשפּיל פון זיינע טריט אין באַגינען, אין לידער, דריקט זיך אויס דעם דיכטערס צושטייער צו דעם „לאַנד פון מיינע טרוימען", מיט וועלכן ער האָט זיין גורל פאַרבונדן אויף תמיד:

און צעאַקערט אַ פעלד,
און אַ גאָרטן געפלאַנצט,
און מיין הונגער אין נעכט
מיט אַ האָרע פאַרטאַנצט.

דער ליידנשאַפטלעכער, גורלדיקער סטיל און שטייגער פון חלוצישן לעבן.

אין דעם אָפּטייל „שקיעה" זענען אויך פאַראַן אַ צאָל חורבן־לידער, וואָס זענען געוואָרן אַן אומפאַרמיידלעכער מוז פאַר אַ היינטצייטיקן יידישן

דיכטער — ווי י. מאַניק, וואָס רירן מיט דעם פּאַטאָס פון אונדזער גרעסטער און גרויזאַמסטער פּיין־און־אומקום תקופה. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם טראַגישן אָפּשניט פון אָט דער גרויל־תקופה איז מאַניקס „באַלאַדע וועגן פּויער אויף די חורבות פון דער געטאָ״, אין וועלכער ער מאָלט אַ פּויער וואָס שפּאַנט איבער די חורבות פון געטאָ אין פּוילן:

און אין די אַשן פון הויט און פון ביינער
זוכט ער דעם שימער פון גאָלד און פון שטיינער...

און אַז דער פּויער געפינט אַ געזיכט, וואָס ער דערקענט און עס באַ־פאַלט אים אַ שרעק —

זיצט ער און קרעכצט און ער קאָן נישט פאַרשטיין:
געזוכט האָב איך גאָלד — און געפונען געוויין...

אַזוי שפּיגלט זיך אויך אָפּ די טראַגיק פון אונדזער תקופה אין דעם געמיט פון אונדזער ישראל־דיכטער י. מאַניק, אין זיין לידער־בוך „טריט אין באַגינען״ — דער סאַמע היפּוך פון אונדזער גרויסן חורבן.

אַ פּאָעט אין ישראל

(קעהאָס קליגער: פייזאַזשן פון ישראל)

דער אמת פון דיכטונג, מוז און זאָל אויך זיין די דיכטונג פון אמת.

די דיכטונג וואָס איז עכט, האַלט זיך אויף אין די פּאָטענצן פון דעם דיכטער, וועמענס האַרץ־און־געוויסן שפּיגלט זיך אָפּ אין אַלע קלימאַטן און סעזאָנען פון יאָר, אין די דערגרייכונגען זיינע, און אונטער אַלע אומשטענדן, אָן דעם אַריינמיש אָדער צודעק פון פּאָליטישע אויסרעכענונגען און קרעדאָס.

דאָרט ווו עס שלאָגט דער דופק פון אַ דיכטער און ער איז נאָך דערצו געבענטשט מיט די נויטיקע מיטלען צו קענען אַרויסשלאָגן פון זיך דאָס געזאַנג פון זיין האַרץ, ווי משה האָט אַרויסגעשלאָגן וואַסער פון דעם שטיין אין מדבר — מוז זיך באַקומען דורכאויס עכטע, שעפערישע און דויערהאַפטע דיכטונג.

קעהאָס קליגער, דער יידישער דיכטער פון בוענאָס־איירעס, אָדער — ווי ער אַליין רופט זיך אָן אין זיינעם אַ ליד: „...דער לירניק פון די ווערעמדיקע ווערבעס ביים בוג...״ — אַ דיכטער, וואָס איז באַשאָנקען מיט אַ זעלטענער פשטות און לירישער קלאָרקייט, איז געקומען קיין ישראל ווי אַ גאַסט אין דער אייגענער היים און מיט זיין וואַכיקער אוממיטלבאַרקייט אויפגענומען און אויסגעזונגען זיינע „פייזאַזשן פון ישראל״, ווי אַ פּאָעט וואָס באַוועגט זיך אַלעמאָל אין אַלע קלימאַטן און סעזאָנען פון יאָר, אויף דעם פּאַן פון אַ דינאַמיק, וואָס שפּרודלט פון אים אַליין אַרויס, אָן באַזונדערע און ספּעציפיש אויסגערעכנטע הכנות און כוונות, וואָס זענען אַזוי אייגן און כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פּסעוודאָ־דיכטער, וואָס איז פלינק און באַריידעוודיק אין זיין מעכאַנישן אויפזונג און צופּאַסן זיך צו סיטואַציעס און סביבות, אָן דעם אויפפלאַם און ברען פון טאַלאַנט.

„פייזאַזשן פון ישראל״ פון קעהאָס קליגער זענען דער אָריגינעלער

אויפזונג פון אונדזער הימישער ישראל, וואָס האָט דורות לאַנג געלעבט אין דעם זכרון פון אונדזער פאָלק און געקראָגן דעם געהעריקן תיקון אויף דעם פאָן פון נס־ישראל, אין דעם לבוש פון היינטצייטיקייט, מיט די מיטלען און שפּראַכלעכע דערגרייכונגען פון אונדזער פאָלקס־לשון.

די „פּייזאַזשן פון ישראל" לעבן־אויף וויזיאָנעריש, דערצו נאָך אויף אַ בילדלעך אָריגינעלן און קרעאַטיוון אופן, דעם בראשית און אויפלויכט פון דיין באַוואוסטזיין ווי אַ ייד־און־מענטש, אויף דעם ביבלישן הינטער־גרונט פון דיין אייגענעם אַריינוואַקסן אין דעם לאַנד ישראל — דאָס לאַנד פון דיינע אבות — וואָס רייצט דייך פאַנטאַזיע זינט דו געדענקסט זיך, ביז צו דעם געזאַנג פון דער גבורה אין צרעה, אונדזער „...בייעם גלאָרוועג פון הערכאַיק", וואָס דערהויבט אונדזער דיכטער קעהאָס קליגער צו דער קדושה און עקזאַלטאַציע פון זינגען:

צום הייסן זאַמד־פּנים פון כביש הגבורה
פאַלן מיינע פאַרטריקנטע ליפּן
און זיי שוויגן אַריין מיין געזאַנג.

די לידער קליגערס א. ב. „פּיוט", ווי די לידער א. ב. „פּייזאַזשן", זענען דאָ אויף אַזוי פיל פאַרחומשט און פאַרלירישט, אַז זונען וואַקסן ביי אים אויף דער ערד און

...די הויכע חומש־בערג רונדאַרומיק,
וואָס מיין אויג ליבלעך זיי גלעט,
שמייכלען — דו גרויסער נאַר, ביסט דאָך אין עמק,
אין מלכות פון רו און זעט.

דער נס ישראל, וואָס האָט געקראָגן אַזאַ פיינעם רעזאָנאַנס אין אונדזער פּראָזע און דיכטונג, האָט דוכט מיר, אין קעהאָס קליגערס „פּייזאַזשן פון ישראל" באַקומען אַ גאָר זעלטענעם תיקון, אַ דאַנק דער עשירות פון זיין פאַנטאַסטיק, בילדלעכקייט, זעעוודיקער פשטות און גאָרער עכטקייט פון זיין ליריק.

עמק, אין דיין פריידיקן שויס
ליג איך און כ׳זינג די לידער,
דיינע לידער — גבורהדיק גרויס
פון מיין פאָלק, מיינע ברידער.

אַזוי אַרום קריגן „דיינע לידער, די לידער פון מיין פאָלק, מיינע ברידער" — אַ תיקון אין דער גאַרער עכטקייט פון די לידער פון קעהאָס קליגער, וואָס האָט מיט זיין באַזוך אין מדינת־ישראל פון זיך אַרויסגעשלאָגן און אַרויסגעקראָגן דעם תמצית און עסענץ פון אונדזער פאָלקס־בענקשאַפט, ראָמאַנטיק און פאַרשלאָפענעם געזאַנג פון דורות, אין לידער וועגן עמק, שטילקייט פון שבת, מאה שערים, נגב און אַנדערע פאַרהייליקטע פלעצער ביי יידן.

קעהאָס קליגער האָט דאָ אויך דערביי באַזונגען, — ווי אַ צוגאָב צו דער ישראל־לאַנדשאַפט, דעם היינטצייטיקן יידישן מענטש פון מדינת ישראל, ווי אַ יינגעלע פון תימן, פנינה פון ראש־פינה און דער עיקרשט — זיין הערצאַיק.

זיין פאָעמע „אַ פאָעט אין חיפה" איז אַ זעלטענע דערגרייכונג אין פאָרם און אין אינהאַלט. דער דיכטער פרעגט און ער ענטפערט:

ווער אָטעמט אין דער נאַכט?
דאָס האַרץ פון פאָעט,
זיין לעבעדיק בלוט וואָס וואַכט.
ס׳איז דאָס האַרץ פון פאָעט,
וואָס אָטעמט אין דער נאַכט.

דער פאָעט, דאָס האַרץ פון דעם פאָעט, וויל איך צוגעבן, נעמט אויך אויף דעם נס ישראל אין אַלגעמיין, אין אַ שענערן, זיכערן, עכטערן ליכט פון אונדזערע פּאָליטיקאַנער, די גלות־ציונים אַריינגערעכנט...

„פיוט ביים ים כנרת", די לעצטע פאָעמע פון דעם בוך, פאַרכאַפּט מיט דעם תפילהדיקן טאָן פון פאַטאָס און אמתן פיוט. ס׳איז אַ מין פאָעטישע ווידוי, צי חשבון הנפש פון אַ דיכטער הינטערוועגס, וואָס איז עכט אין זיינע איבערלעבונגען, וואָס גיבן זיך דיר איבער מיט דער צערטלעכקייט

פון אַ ווייַנענדיקן פידל. דאָ קומען צום אויסדרוק די געפילן פון אַ צעװייטיקטן יידישן מענטש, אין וועמענס געמיט און זכרון עס טויכן אויף זיינע טראַגישע דערפאַרונגען פון אונדזער דור, אויף די וועגן־און־אומוועגן פון אונדזער צעשפּרייטקייט: דעם וואָלינער לירניק, יונג־פאַרגרויטן פייטן פון מוטנעם לאָ פּלאַטא־טייך, בראַדיאַגע פונעם טרערנטייך, איינזאַמסטער אַלבאַטראָס אין זיין וואַנדער איבער ימען. אָבער אומעטום —

...דער זעלבער לירניק,
דער זעלבער פּייטן,
דער זעלבער בראָדיאַגע
און דער זעלבער פאַרוואָגלטער פויגל.

נאָר ביים כנרת —

דאָ פיל איך דעם זייגער פון חשבון.

און ווייל ער ווייסט צו דערציילן, אַז —

חוץ מיין שאָטן האָב איך גאָרנישט.

און אַז —

הינטער מיר — אַש און אבלות,
פאַרקוילטע שוועלן פון זכרונות.

פאַרטרויט ער דעם כנרת, אַז —

דאָ ווערן מיינע ליפּן פאַרשטיינערט,
דאָס קול שטאַרבט מיר אין האַלדז
איידער ס׳ווערט נאָך געבוירן
און מיין האַרץ, וואָס איז ענלעך צו דיר,
ווען איך זע דיך פון גליל העליון —
מיין האַרץ איז אַצינד אַ שטיק ימיקער אומעט
און כ׳וואָלט וועלן אין דיינע גרונטן
צומאַכן די אויגן אויף תמיד.

י. בראָנשטיין

ווי איוב שטייט דער דיכטער ביי די ברעגן פון דעם כנרת, געשלאָגן פון וואָגל און ער וויל

נאָך אַרויסכישופן דאָ פון די אַנגסטן —
דעם פשוטן חלום פון לעבן.

וואָס מוז און וועט זיך זיכער צו אים אַנטפּלעקן אין דער פולסטער שיינ־קייט און דערגרייכונג פון ז י י ן נאָכקומענדיקן ליד. אויף דעם זאָגן עדות זיינע פריערדיקע לידער־זאַמלונגען, באַזונדערס דאָס איצטיקע בוך לידער זיינס א. נ. „פּייזאַזשן פון ישראל״.

ג

צווישן יאָ און ניין

דעם שרייבערס באַרוף —

צום וואָרט זיין וואַך
איז דיין באַרוף.
צו קיינעם גלייך —
דיין גאָב, דיין שטראָף...

דיין וואָרט — ווי דו
דערהויבן, קלאָר
ווי לאַנד פון דאָ,
די וואָרסטע וואָר.

דיין טאָג — צעהעלט,
די פרייד פון זיין.
אַ קוואַל וואָס קוועלט
מיט רייץ פון וויין...

וואָס יאָגט פאַראויס
מיט זין און לוסט
צו שאַפן גרויס,
ווי דיר זיך גלוסט.

צווישן יא און ניין אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק

(ע ס ײ)

ליטעראַטור, ווי יעדע זאַך אין דער וועלט, וואָס פונקציאָנירט ווי אַ געשעענער פאַקט, האָט געהאַט איר אָנהויב אין דעם מויל פון איר באַשעפער — דעם מענטש, וועמענס געמיט און דראַנג נאָך קלאָרקייט אין אויסדרוק האָט אים אין פּראָצעס פון יאָרן ענדלעך אַ יאָג געטאָן צו דער המצאה פון קענען פאַראייביקן זיינע געדאַנקען, וויזיעס און געפילן אין אַזאַ פאָרם פון אויסדרוק, אַז זיי זאָלן זיך אויפהאַלטן אין דער איצטיקער פאָרם — דרוקזאַכן און ביכער — לאַנג נאָך דעם, ווי פון אים אַליין זענען פאַרשוווּנדן די סאַמע לעצטע שפּורן פון זיין פיזישן אויפהאַלט אין דעם חלל פון דער וועלט.

דער גורל פון דער ליטעראַטור — ווי איראָניש עס זאָל נישט אויסזען — איז דעריבער אַ מער פּערמאַנענטער ווי דער גורל פון איר באַשעפער — דעם מענטש, וועמען זי לעבט אַבסאָלוט איבער, כאָטש דער מענטש גופא לעבט אין איר תמיד — טעאָרעטיש און פאַקטיש — אין דער פּאָטענץ פון איר דינאַמיק, וואָס גיט זיך איבער אין דעם געמיט, הארץ און זשונג פון די נאָכקומענדיקע דורות.

ווען אַ ליטעראַטור דערגרייכט דעם הויכפּונקט פון אַנטוויקלונג און באַוויזט שוין צו קענען שטיין אויף די אייגענע פיס און פונקציאָנירן ווי אַ קולטור־עססטעטישער כח אין דעם לעבן פון מענטשן, צווייגט זי זיך פאַנאַנדער ווי אַ בוים, וואָס באַוועגט זיך צווישן ליכט־און־שאָטן און פאַרוואַנדלט זיך מיט דער צייט אין אַ וואַלד פון אומצאָליקע בוימער, וואָס טיילן פון זיך אַרויס די פאַרשידנאַרטיקסטע פּירות.

די ליטעראַטור־קריטיק מיט אַלע אירע פונקציעס און דורכאויס פּאָזיטיוון פאַרנעם איז איינע פון יענע קאַרדינאַלע אָפּצווייגן פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור, וואָס אויב זי האָט נישט דעם גוטן מזל אַריינ־

צופאַלן אין די הענט פון אַ דורכאויס געוויסנהאַפטן און ערלעכן ליטעראַ־טור־קריטיקער, וואָס מוז זיין באַזעלט מיט דער עכטקייט פון חסידישער התלהבות אין זיין באַציאונג ווי אַ שעפערישער מענטש צו דער ליטעראַטור, פון וועלכער ער מוז זיך־און־ווערן אַן אינטעגראַלער אַפּצווייג, איז גלייך ביי איר אויפקום פאַרמשפּט צו ווערן סטעריל און אימפּאָטענט.

צוליב דער אוממעכטיקייט, צביעות און צופּאַסונג פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער צו פאַלשע אילוזיעס, גינסטיקע אומשטענדן פאַר דער פירער־שאַפט פון וואָרט פון פּסעוודאָ און אפילו טאַלאַנטירטע שרייבער, צו וועלכע ער אייגנט זיך צו, איז אים לגמרי נישט באַשערט צו שפּילן קיין שעפערישע ראָלע אין דער ליטעראַטור.

אַזאַ ליטעראַטור־קריטיק לאָזט לכתחילה הינטער זיך נישט איבער קיין געזונטע שפּורן און וואָרצלען, טרוקנט איין פאַר דער צייט און ווערט שפּורלאָז פאַרשווונדן פון דער עפנטלעכקייט.

די ליטעראַטור־קריטיק, וואָס איז לכל הדעות צושטאַנד געקומען שפּעטער און נישט פריער פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור און איז אונטער אַלע אומשטענדן פון איר אויך אָפּהענגיק, האָט ביי אונדז דורכ־געמאַכט די זעלבע אַנטוויקלונג ווי די ליטעראַטור גופא. צו אַלעם ערשטן האָבן זיך ביי אונדז באַוויזן די מער פּרימיטיווע ליטעראַטור־קריטיקער און ערשט שפּעטער, ווען אונדזער ליטעראַטור גופא האָט זיך באַפרייט פון איר אייגענעם פּרימיטיוון צושטאַנד און זיך אַ הויב געטון צו קינסטלערישע הויכן — אין זין פון שפּראַך, פאָרם־און־אינהאַלט־דערגרייכונגען — זענען געקומען די מער ראַפינירטע ליטעראַטור־קריטיקער אונדזערע, בעל מחשבות, ש. ניגער, ב. ריווקין, נ. ב. מינקאָוו, יעקב גלאַטשטיין, א. טאַבאַטשניק און א סך אַנדערע, וואָס האָבן זייער אַ סך צוגעטראָגן צו דער פאָרמולירונג און מאָדעלירונג פון אונדזער נאָך אַלץ יונגער, אָבער זייער פאַרצווייגטער ליטעראַטור אויף יידיש לשון.

ווען אונדזער ליטעראַטור־קריטיק וואָלט געווען אַ נאָרמאַלע, פּאַראַ־לעל זיך אַנטוויקלט אין דער ברייט און אין דער טיף, אין פולן הסכם

מיט דעם פאַנאַנדערבלי פון אונדזער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, וואָלט זי אָן יעדן צווייפל נישט געווען באַדאַרפט זיין אָנגעוויזן אויף איין קריטיקער די לעצטע יאָרן, אין דער פערזאָן פון ש. ניגער, ע״ה.

צוליב דעם אָבער, וואָס זי האָט זיך כמעט אויסשליסלעך קאָנצענטרירט דווקא אין די הענט פון איין מענטש (סיבות זענען פאַראַן אַ סך. אַזאַ שעפערישן ליטעראַטור־קריטיקער למשל, ווי עס איז געווען דער פאַר־שטאָרבענער ב. ריווקין, האָט מען יאָרן־לאַנג ביי אונדז נישט צוגעלאָזט צו דעם פאָדערגרונט פון אונדזער עפנטלעכער מיינונג — די פרעסע.), צו וועמען אַלע האָבן זיך צוגעהערט, אַרויפגעקוקט און אים דערהויבן צו דער מדרגה פון א פוסק־אחרון, האָט זי זיך ערשטנס באַגרענעצט, פאַרשמעלערט און פאַראיינטאָניקט אירע אייגענע התחייבותן און פערספעקטיוון, צווייטנס — נישט גורם געווען קיין געזונטן המשך אויף איר אייגענעם געביט פון אַרבעט, נישט איבערגעלאָזט הינטער זיך קיין שפורן פון אַן עקסקלוזיוון און פאָזיטיוון אָנוווקס.

אין דעם, וואָלט איך געזאָגט, באַשטייט איר טראַגעדיע.

צוליב די ספּעציפישע אומשטענדן פון אונדזער וואָרט־ווירטשאַפט, וואָס איז אין אַ גאַר גרויסער מאָס אָנגעוויזן אויף אונדזער פרעסע, וואָס האָט, אגב, טיילווייז אויך פאַרשלונגען אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, האָט זיך די לעצטע היפּשלעך פאַרוואָסערט, אָפּגעשוואַכט אירע פּאָטענצן צו גיין דאָרטן ווו עס איז נויטיק געווען — קעגן שטראָם; געמאַכט קאָמפּראָמיסן, געגאַנגען אין שפּאַן אָן ווידערשטאַנד און — דער עיקרשט באַדינט יענע שריפטשטעלער אונדזערע, וואָס דאָמינירן אונדזער עפנט־לעכע מיינונג דורך זייער מיטאַרבעטערשאַפט אין דער זעלבער פרעסע.

צוליב דעם האָט אונדזער ליטעראַטור־קריטיק זיך אָפּט נישט נאָר נישט דערהויבן צו אירע עטישע הויכן, נאָר אין קעגנטייל, גאָר אַרונטער־געגנידערט פון דעם פיעדעסטאַל פון איר באַשערטער הויכקייט; זיך אַליין אַריינגעשפּילט אין דער סביבה פון קלייזל־פּאָליטיק, וואָס האָט איר במילא געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל נישט זען־און־דערזען, טאָטאַל פאַרשווייגן די מערסטע און יונגערע שריפטשטעלער אונדזערע, וואָס

פיגורירן נישט אין די אויגן פון דער עפנטלעכער מיינונג — אונדזער פּרעסע.

א דאַנק אָט דעם צושטאַנד און נאַטירלעך אויך צוליב אַ סך אַנדערע מאָטיוון, איז דאָס שרייבן איבער ליטעראַטור ביי יידן געוואָרן אַ נויט־ווענדיקייט ביי אַ סך נישט־פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־קריטיקער, אין דער ערשטער ריי ביי דיכטער מיט טאַלאַנט, וועמענס אינטערעס ליגט אויסשליסלעך אין דעם ליד זייערן — וואָס האָבן מיט דער צייט זיך אַנטוויקלט צו ווערן גאָר גוטע עסייאיסטן (ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אליעזר גרינבערג און אַנדערע), מיט אויסגעשפּראָכענע, אייגענע המצאות און קריטישע איינשטעלן אין זייער באַציונג און אָפּשאַצונג פון ליטעראַטור ווערטן ביי אַנדערע און אין אַלגעמיין, מיט וועלכע אונדזער ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך געמוזט אָנהויבן רעכענען, אפשר פאַרבאָרגן באַטראַכטן ווי אַ קאָנקורענץ צו זיך...

אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, וואָס האָט זעלטן ווען אַרויסגעפירט און דערמוטיקט אָן אָנהויבער, איז פונדעסטוועגן קיינמאָל נישט מיד געוואָרן זיך צו פאַרנעמען (אפילו רעקלאַמירן) מיט אַ צאָל עלטערע שריפטשטעלער, וואָס זענען בדרך כלל מיטאַרבעטער אין די זעלבע אינסטיטוציעס, צייטונגען און זשורנאַלן (די באַהערשער און די קאָנ־טראָלירער פון דער עפנטלעכער מיינונג, וואָס באַדינען אָפט אַליין אונדזערע ליטעראַטור־קריטיקער ביי יעדער גינסטיקער געלעגנהייט, ביז איבערטרייבונג), האָט דערפאַר, זיך אַליין צופּאַסנדיק צו אַזעלכע אומשטענדן, פאַראיינזייטיקט אירע התחייבותן און מיט די אייגענע הענט געצוימט, באַגרענעצט און אפשר אויך פאַרגוואַלטיקט אירע אויפגאַבן.

ווי אַ רעאַקציע צו אָט דעם איינשטעל, זענען — ווי געזאָגט — ביי אונדז אויפגעקומען אַ צאָל דיכטער־עסייאיסטן, וואָס האָבן מיט דער צייט זיך אַנטוויקלט צו ווערן גאָר פיינע ליטעראַטור־קריטיקער — כאָטש דאָס האָט אוודאי נישט געמיינט צו ווערן זייער ספּעציפישער באַרוף,— וואָס האָבן זיך מערסטנטיילס אָפּגעגעבן מיט שרייבן איבער די ווערק פון דיכטער און שריפטשטעלער אָן אַ נאָמען אין דער ליטעראַטור,

זיך אָפּשטעלנדיק אויף די פּאָזיטיווע ווערטן זייערע, אַפילו דאָרט ווו זיי האָבן עס ביי זיי בלויז באַמערקט אין דער פּאַטענץ פון זייערע שפּעטערע, נאָכקומענדיקע שאַפונגען.

אין דעם באַשטייט זייער פאַרדינסט.

די טענדענץ צו באַיאָען די ווערק פון אומבאַקאַנטע שרייבער דינט דעריבער דעם צוועק אַדורכצולעכערן דעם גלייכגילט פון אונדזערע אַזוי־גערופענע פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור־קריטיקער צו אונדזערע יונגע שריפטשטעלער און שרייבער, וואָס האָבן אפשר נישט קיין צוטריט צו אונדזער פּרעסע, אָבער זענען פאָרט געבענטשט מיט טאַלאַנט און זיי צווינגען ארויסצוברענגען זייער אייגענע באַיאָאונג און דורך דעם זיי דערזען און אויך אַ שטויס טון צו וויטערדיקע שעפערישע מעשים.

דערמיט מיין איך צו באַטאָנען, אַז אַ דאַנק דער ספּעציפישער לאַגע אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך בלויז געשאַפן אַ דאַנק דעם מאָדנעם איינשטעל און ראָל פון אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, איז אפשר בויטיק געווען און עס האָט זיך זיכער אויך באַרעכטיקט, אַז עמיצער פון דעם יונגערן דור שרייבער אונדזערן, ווער דאָס זאָל נישט האָבן געווען און זיין! — זאָל קומען מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם, אַפילו איינזייטיקן יאָ, אין שייכות מיט טאָטאַל פאַרשוויגענע יונגע שרייבער, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל עפנטלעך צו דעמאַנסטרירן אונדזער אינטערעס, נישט נאָר אין אונדזערע אַזוי גערופענע „גדולים", מיט און אָן קוואָטאַציע־צייכנס, נאָר אויך אין דער אָן ערך נישט קליינער צאָל אָנהויבער אונדזערע פון היינט, וואָס קענען, זאָלן, מעגן און ווערן אפשר אויך מאָרגן ווערן די פּאָטענציעלע פאָנען־טרעגער און פּראַקטישע פירער פון אונדזער וואָרטשאַפט.

פון דעם געזאָגטן, קען דעריבער נישט גענומען ווערן אין באַטראַכט קיין פאָרוואורף פון דעם אָדער יענעם, הלמאי פלוני בן פלוני מאַכט זיך נישט וויסנדיק פון די ניינען אין זיינע אָפּשאַצונגען פון דעם אָדער יענעם שריפטשטעלערס אַ ווערק. מיר דוכט, אַז דאָס באַדאַרף זיין די אויס־שליסלעכע אַרבעט פון דעם פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור־קריטיקער און דווקא נישט פון דעם דיכטער־עסייאיסט, וואָס איז געקומען צו זיין

ליטעראַטור־קריטיק — אויב מ'קען בכלל זיין עסייאיסטיק אַזוי אָנרופן — דורך די אומוועגן און אויף דעם חשבון פון זיין דיכטונג, צו וועלכער ער איז אָריגינעל געווען באַרופן.

די באַטאָנונג פון יאָ־זאָגן אין דער ליטעראַטור־קריטיק באַרעכטיקט זיך אַלעמאָל, אויב זי פליסט נאָר אַרויס פון אַ געוויסנהאַפטן איינשטעל און איבערצייגונג אין דער עכטקייט פון אַ ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פון דעם מחבר און זיין ווערק, אויב עס אָטעמט אפילו נישט מער ווי מיט אַ בלויזן אָנזאָג אויף שעפערישע מעשים אין דער צוקונפט.

אָט די ליבשאַפט — חסידישע התלהבות, ווי איך רוף עס — פאַר אונדזער יידיש לשון און אירע שעפער, פעלט ליידער ביי די מערסטע פון אונדזערע אַזוי גערופענע פּראָפעסיאָנעלע צי אָפּיציעלע ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס רעדוצירן זייער אַרבעטן צו אפּט, אין אונדזער פּרעסע און פּעריאָדישע אויסגאַבן, צו דער פלאַכקייט פון גאַרנישט־זאָגנדיקע רעצענזיעס, וואָס זענען בכלל באַגרענעצט צום איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַ בוך און ביבליאָגראַפישער פאַרצייכנונג.

אין זייער פאַרזען און נישט דערזען די גרעסטע צאָל פון אונדזערע שרייבער — יונג און אַלט — וואָס פיגורירן נישט צו אָפּט אָדער אינגאַנצן נישט אין אונדזער פּרעסע, האָט זיך, דוכט מיר, פאַרקערפּערט אַן עיקר־דעפעקט, וואָס האָט זיך פאַראייגנזייטיקט אין אַ קולט פון יאָ דערזען און יאָ באַדינען דעם עלטערן דור שריפטשטעלער אונדזערע, וואָס קאָנטראָלירן — ווי געזאָגט — און באַלעבאַטעווען איבער אונדזער עפנטלעכער מיינונג.

צוליב דעם האָט זיך ביי אונדז באַשאַפן אַ לאַגע, אַז דער ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס האָט ערשט נעכטן באַדינט אַ געוויסן שרייבער, ווערט היינט צו מאָרגן קעגנזייטיק אַליין אויך באַדינט — פון דעם זעלבן שרייבער... דערפאַר האָבן אונדזערע שרייבערישע מסיבות, יובילייען און ליטעראַטור־פּרעמיעס זיך אויסגעליידיקט פון יעדן זיגלעכן פּאַרנעם, לאָגיק, פאַרנונפט און איינפלוס. די וואָס קריגן ביי אונדז ליטעראַטור־פּרעמיעס דורך דער פאַרמיטלונג פון די און יענע שרייבער היינט,

באַלוינען מאַרגן מיט די זעלבע ליטעראַטור־פּרעמיעס די נעכטיקע באַלוינער...

אַזאַ צושטאַנד איז נישט קיין געזונטער און קען אויך לאַנג נישט אָנהאַלטן און טאָלערירט ווערן. ער מוז פירן צו באַנקראָט שוין דערפאַר אַליין, ווייל ער דערלאָזט אַבסאָלוט נישט, — ווי אין דער ליטעראַטור־קריטיק — קומען צום אויסדרוק דעם מענטש פון מאָרגן.

פון דעם איז געדרונגען, אַז די דערציאונג פון שרייבער איז בלויז מעגלעך אין א סביבה פון אַבסאָלוטער ליבשאַפט און איז בכלל נישט אָפּהענגיק פון דעם פרט — איין יחיד, ווער ער זאָל נישט זיין! — איבערהויפּט אין אַ סביבה פון גלייכגילט צו דעם פרט׳ס גורל, ווי אַ שריפטשטעלער.

דער סנאָבישער איינשטעל פון אונדזערע בעסטע שרייבער אפילו, וואָס זענען צוליב דעם גורל פון זייער עקאָנאָמיק געצוווּנגען געוועזן צו ווערן הענט אין אונדזער פּרעסע — אין שייכות מיט זייער באַציאונג פון גלייכגילט צו דעם גורל פון שרייבער אויסער דער פּרעסע — איז כמעט אַ פאַרברעכערישער און האָט אונדז אָנגעטון זייער א סך שאָדן. די ווונדן זענען אַזוי אָפן, אַז עס איז איבעריק זיי אָנצורופן מיט אַ נאָמען. ס׳איז גענוג אויפצומישן אַ טאָג־צייטונג ביי אונדז און צו זען, ווי אַזוי אַ פּאָפּולערער שרייבער פון דער זעלבער צייטונג פּאָפּולאַריזירט זיינס אַ ניי בוך, מיט די אַלע שמד־שטיק פון אַמעריקאַנישער רעקלאַמע, בילד און סופּערלאַטיוון אויף זיין אייגענעם חשבון, בשעת אַ דרויסנדיקן שרייבערס אַ בוך — ווי ווערטפול עס זאָל נישט זיין — זשאַלעוועט מען אפילו די קבורת־חמור פון אַ נעבעכדיקער, דריי שורהדיקער ביבליאָ־גראַפישער נאָטיץ.

איז דאָ דעריבער נישט שייך אַרויסצוהייבן די מעלות פון איין ליטעראַטור־קריטיקער איבער די חסרונות פון א צווייטן. איין זאַך באַדאַרף אָבער יאָ קלאָר ווערן, און דאָס איז: כל זמן די באַרופענע ליטעראַטור־קריטיק וועט ביי אונדז זיין אַן איינזייטיקע, נישט זיין באַזעלט און באַפליגלט פון א געפיל פון ליבשאַפט פאַר אלע אונדזערע

שעפערישע כוחות, יונג און אַלט צוגלייך! — און זיך אויך נישט באַמיען געגנוג פאָראויסצוזעיין אונדזער ליטעראַטור מיט נייע לאָזונגען און קרבנות־גרייטקייט פאַר די שעפערישע מעשים פון א יונגען און נאָכקומענדיקן דור, — דער גורם פון המשך און קיום — וועט ביי אונדז אַלעמאָל זיין פלאַץ פאַר איינזייטיקע יאָ־זאָגערס מיט גוטע כוונות אין אונדזער ליטעראַטור־קריטיק, אַפילו אָן דער אַנטיטעזע פון ניין־זאָגעריי.

עסיי וועגן עסייען

(שמריהו גארעליק: עסייען).

ביים לייענען און אָפּשאַצן ליטעראַטור־ווערטן איז אָפּטמאָל אַ מוז צו מאַכן אַ לענגערע פּויזע ביים אַלמער, אַרונטערנעמען אַ פאַרשטויבטן בוך פון דער פּאָליצע און זיך אײַן אים פאַרטיפן.

דער וואָס איז געבענטשט מיט געדולד פון קענען זיך פאַרטיפן אין די ליטעראַטור־ווערטן פון אַמאָל, איז אָן יעדן ספק אין ד ע ר בחינה פון אַ שעפערישער פערזענלעכקייט, וואָס איז נישט נאָר גורם דעם אויפלעב און אויסטייטש פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה, איינגעשטילטן־און־איינגעשטעלטן לעבן, וואָס לעבט א י ן דער ליטעראַטור אָן אייגן לעבן, נאָר איז דער עיקרשט אָן אינסטרומענט צו פאַרבינדן דעם נעכטן מיט דעם היינט, וואָס מוז אומבאַדינגט וויברירן מיט די זעונגען פון דעם מאָרגן, אין דער מענטאַליטעט און געמיט פון די שעפערישע מעשים פון אַ קינסטלערישער פערזענלעכקייט.

צוליב דעם דער דערוויז פון דעם באַלד פאַרגעסענעם, גייסטרייכן און סובטעלן עסייאיסט שמריהו גארעליק, אין זיין וווּנדערלעכן עסיי: „די פילאָזאָפיע און די עסטעטיק פון א גלאָז טיי", אז —

> נישט נאָר וועגן נייע, אָקאָרשט דערשינענע ביכער באַדאַרף מען רעדן, נאָר אויך פון אַזוינע, וואָס האָבן שוין לאַנג דערזען די ליכטיקע וועלט — וועגן פאַרגעסענע ביכער און וועגן ביכער, וואָס זענען אומבאַקאַנט פאַר א באַשטימטן לייענער־פובליקום.

דער עסיי, וואָס לאָזט זיך שווער דעפינירן און האָט אגב נאָך ביי אונדז נישט דערגרייכט יענע קינסטלערישע הויכן, ווי, לאָמיר זאָגן, אונדזער דיכטונג, האָט פונדעסטוועגן זיך יאָ דערשלאָגן צו אַ הויכפּונקט

אין דער מלוכה פון אונדזער וואָרט, אין וועלכער ער לאָזט זיך אַבסאָלוט דערקענען ווי אַן אינטעגראַלער, וואָגיקער טייל און אייגנאַרטיקער פּאַקטאָר אויף דעם געביט פון קינסטלערישער פּראָזע, כאָטש ער דינט טיילווייז און אָפּט, ווי אַ מיטל אויסצוטייטשן אַ צווייטנס אַרבעט, אָבער — מיט דעם זעלטענעם צוגאָב און דעם געבענטשטן אויפזונג פון אַן אייגן קול, אין דעם כאָר פון שעפערישע מעשים. צוליב דעם קוקט ער אָפּט אַריבער די אַקטועלע פאַקטן אין זיין קאַלירפולער טעמאַטיק און ער דערפירט זיין מעדיטאַציע צו אייגענע, נישט זעלטן אייגנאַרטיקע, אפילו אָריגינעלע המצאות.

די מעלה פון איינלעבן זיך אין אַ פאַרגעסן בוך ליגט אין דעם אופן פון אויפנעם־און־אויסטייטש, אין דעם כח פון אַרויסהויבן עס פון דעם שטויב פון שיכחה און אריינוועבן זיינע ווערטן, ווי זריעה אין דעם צעאַקערטן באָדן פון אונדזערע היינטצייטיקע קולטור־ווערטן און דערגרייכונגען.

ביים לייענען אַ פאַרגעסן בוך באַהעפטן מיר זיך מיט די שפּורן און אָריגינעלע טריט פון אונדזער מחשבה, אין דעם לבוש פון אונדזער יידיש־לשון, וואָס האַלט זיך אין איין באַנייען, אַ דאַנק די שעפערישע מעשים און דער באַמיונג פון אונדזערע ראשונים, אין אַלע פאָרמען פון שרייבן, מיט וועלכע זיי האָבן זיך באַנוצט.

דער עסיי, וואָס איז לויט די אַנשויונגען פון איינעם פון אונדזערע בעסטע און באַגאַבסטע ראשונים אויף אָט דעם געביט פון שרייבן — שמריהו גאָרעליק:

„...איינע פון די רייצנדסטע, סובטעלסטע, גייסטרייכסטע און פרייסטע ליטעראַרישע פאָרמען.

... דער עסייאיסט — אַ קינסטלער, אַ דענקער און עקס־טרעמסטער סוביעקטיוויסט".

...אין דעם עסיי, לערנט אונדז גאָרעליק: „מאַניפעסטירן זייער גייסט און אַנטפּלעקן זייער האַרץ מענטשן פון שאַרפן, אַנגעלאָדענעם אויסדרוק, וועמענס פען איז זאַפטיק, אייגנאַר־

טיק און אייגנזיניק און גיט אַלעמאָל מער ווי ער זאָגט צו. דער עסייאיסט — אַ פּלוצלונג אויפטויכנדער באַשטראַ־לער און באַלויכטער; שטרענג אויסגעהאַלטן און אויסקליי־בעריש אין פאָרם". די לעצטע שורות ווערן (ביי דעם עסיי־איסט — י. ב.) געשריבן אין פולשטענדיקער האַרמאָניע מיט די ערשטע.

די אַלע דערמאָנטע אייגנשאַפטן, וואָס גארעליק שרייבט צו דעם עסיי ווי אַ פאָרם פון שרייבן, ווערן פון אים אַליין דעמאָנסטרירט אין זיין בוך „עסייען", וואָס זיין ברודער מיכל האַרעליק האָט אַרויסגעגעבן אין 1947 — געוויסנהאַפט, עכט און ביז גאָר קינסטלעריש, ווי אַ זעלטן באַגאַבטער פּיאָנער פון אונדזער עסייאיסטיק.

ווי אַ „באַשטראַלער און באַלויכטער", איז דער עסייאיסט נישט באַגרענעצט אויף ליטעראַרישע טעמעס אַליין.

די טעמאַטיק פון דעם טאַלאַנטירטן און עכטן עסייאיסט איז אַלעמאָל פאַראייגנט צו זיינע יחידישע זעונגען, ווי די זעונגען פון אַ ליריקער אין זיין דיכטונג, וואָס זענען אַלעמאָל פריי און גילטיק אויף אַלץ וואָס שטראַלט אַרויס פון אים אַליין, אין שייכות מיט זיינע אינטואיטיווע אויפנעמונגס־פעיקייטן, ווי אַ רינג אין דער קייט פון אַלץ, וואָס איז שעפעריש אַקטיוו.

צוליב דעם איז די טעמאַטיק פון ש. גארעליק — ווי אַ עסייאיסט — קאַלירפול אין דעם זין, וואָס זי באַגרענעצט זיך נישט בלויז אויף ליטע־ראַרישע טעמעס און לאָזט זיך אַבסאָלוט באַווירקן אפילו פון דער וואָך פון לעבן, וואָס ער דערהויבט צו דער שיינקייט און דער חשיבות פון יום טוב און מאַכט אים זיך פילן אויך היימיש אין דער וועלט און סביבה פון פשוטע מענטשן, פילאָזאָפיע, קונסט, עסטעטיק, פּאָליטיק, סאָציאָ־לאָגיע, רעליגיע און שאַצער־און־אָפּשאַצער פון ליטעראַטור־ווערטן בתוכם.

צוליב דעם פיבערט ער אָפט אויך מיט אַ געוואָגטן, אָפט אפילו אָריגינעלן געדאַנק, בילד און וויזיע, אין ד ע ר קלאָרקייט פון אַ שפּראַך, וואָס באַצווינגט און פאַרכאַפּט מיט דער תמימות און שיינקייט פון ז י י ן עכטקייט.

אין זיין עסיי: „דער מענטש אין 1950", למשל, רעדט ער וועגן שטאַט, אין שייכות מיט לודוויג באַוער, אַזוי:

> דער אַבסאָלוטער שטאַט האָט דעם גרעסטן אינטערעס, אַז זיין מענטש זאָל לעבן נאָר אין גערויש און אין טומל. שטילקייט קען ווערן, איז געפערלעך. שטילקייט איז דער פאָטער פון געדאַנקען. שטילקייט, דאָס איז די וועלט פון דעם פילאָזאָף. אַ העכסט געפערלעכע וועלט.

דעם אמת פון אָט דער באַהויפּטונג באַדאַרף מען ווייט נישט זוכן. אַן אויבנאויפיקער בליק אויף די דיקטאַטור־שטאַטן פון אונדזער צייט, סאָוויעט־רוסלאַנד אריינגערעכנט, באַשטעטיקט עס גלייך.

דאָס זעלבע איז אויך גילטיק בנוגע זיין אויפפאַסונג פון „רעליגיע און סאָציאַליזם".

> די רעליגיע איז דער וועג צו דער אומענדלעכקייט. זי זוכט צו לייטערן דעם מענטש, צו פאַרפלאַנצן אין אים מענטשלעכע מאָסן, דורכן באַהעפטן זיך מיטן אין־סוף, בשעת דער סאָציאַליזם (פון אונדזערע טעג — י. ב.) שטייט נאָך ממש אין אָנהויב וועג.

און ווייטער:

> די רעליגיע... האָפט... צו דערהויבן דעם מענטש אויף אַזויפיל, אַז די ערדישע רשעות זאָל אַליין אַרונטערפאַלן פון אים, בשעת דער סאָציאַליזם (פון אונדזערע טעג — י. ב.) זוכט צו הערשן איבער דעם מענטש מיט געוואַלט, ס'הייסט, מיטן כח פון רשעות און רויב.

דאָ איז איבעריק צו באַטאָנען דעם אמת פון זיינע רייד, וואָס האָט זיך אַזוי טראַגיש באַשטעטיקט אין דעם טרויעריקסטן געזאַנג פון אונדזערע טעג, באַזונדערס און ספּעציעל אין דעם אַזוי גערופענעם „לאַנד פון סאָציאַליזם" — סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

אין זיין עסיי „רחובותער אידיליעס", אַ מייסטערווערק אין מיניאַ־טור, קומט צום אויסדרוק זיין פּסיכאָלאָגיש איינלעבן זיך אין דער פּסיכיק פון מענטשן, אויף דעם פּאַן פון דער איבערלעבונג פון אַ לירישן דיכטער:

— דאָס פּנים פונעם תימנער יידן איז אַ לאַנדשאַפט פון ליידן און צרות. אין זיין „קונסט צו ווערן אַלט" רעדט פון אים אַרויס דער סטאָיקער, מיט דער חשיבות פון לאָגיק וואָס זאָגט:

דאָס אַלט ווערן לערנט אייך רויקער קוקן אויף אַנגעלעגנ־הייטן, איבער וועלכע איר האָט פריער געקענט זיך ערגערן צום טויט.

וואָס אַנבאַלאַנגט זיינע אַנשויאונגען בנוגע ליטעראַטור־ווערטן אין אַלגעמיין, האָט ער אויך דעם מוט צו קאָנסטאַטירן, אַז „מ'דאַרף אויך קענען פאַרגעסן", דאָס וואָס עס איז נישט נויטיק צו געדענקען...

האָט אַביסל וויניקער ליב די ליטעראַטור, — רופט ער אויס — וועט דאָס ו י י נ י ק ע זיין מער אין איכות...

אין זיין אָפּהאַנדלונג איבער „דאָס שענסטע בוך איבער נאַפּאָלעאָנען" באַטאָנט ער:

ז י י ן ג ר ע ס ט ע נ י ד ע ר ל אָ ג ע ו ו ע ר ט ס ו ף ־ כ ל ־ ס ו ף פ אַ ר ו ו אַ נ ד ל ט א י ן ד ע ם ג ר ע ס ט ן ט ר י ־ א ו מ ף... זיין זעקס יאָריק מאַרטירערטום אויפן פייכטן אינדזל... זיין האַלטונג... זיין טויט, האָט געשאַפן די לעגענדע. ...נישט די זיגן... נישט דאָס הערשן איבער גאַנץ אייראָפּע...

אינטערעסאַנט איז ער אויך אין זיינע יידישע אַנשויאונגען, וואָס בלענדן מיט דעם צויבער פון זיין פאַרליבטקייט אין זיין פאָלק.

אין זיין אָפּהאַנדלונג „מאַקס בראָד אַלס היינע ביאָגראַף" רעדט ער מיט פּאַטאָס וועגן דעם, אַז:

הינטער די אַלטע, צוריקגעשטאַנענע פאַרמען האָט היינע געזען אַן אָפּגעהיטע, גאַנצע פאָלקס־נשמה.

און וועגן „געאָרג בראַנדעס, דער גרויסער אייראָפּעער", רעדט ער מיט נישט ווייניקער פּאַטאָס, ווי וועגן היינע:

...די וועלט ווייסט, אַז בראַנדעסעס פאַרדינסט איז אַ יידישער פאַרדינסט. פון דעם יידישן אין אים שטאַמט די פילזייטיקייט, דאָס וועלט־בירגערטום. ... זיי בלייבן ביי אונדז אפילו אַוועקגייענדיק. און אַט די סתירה איז נאָר מעגלעך, ווייל דעם ייד טראָגן זיי אין זיך. אויך געאָרג בראַנדעס האָט עס געטראָגן אין זיך.

זיין קונסט־אַנשויאונג אָטעמט מיט דער אָריגינאַליטעט פון אַ גאָר זעלטענעם עסייאיסט, וואָס ווייסט באַשטימט, אַז:

די קונסט רעדט... אין דעם נאָמען פון יענע צום לעבן נישט צוגעפּאַסטע מענטשן, וואָס טראָגן אין זיך די קולטור פון וויטסטן איבערמאָרגן.

זיין אויסטייטש פון בעל מחשבותן ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער ביי יידן איז נישט נאָר עכט־און־גערעכט, נאָר קאָן אַן יעדן צווייפל אַנגעמאָסטן ווערן אויך טיילווייז אויף אים גופא.
גארעליק שרייבט:

בעל מחשבות...באַלאַנגט צו דער לעבעדיקסטער, אַליין שאַפנדיקער קאַטעגאָריע, ד. ה. אַ קריטיקער, וואָס איז אַליין אַ קינסטלער. בכן, אַ קריטיקער פון העכערן מין... ריידנדיק וועגן אַ שרייבער, האָט ער פריער גערעדט וועגן זיין בוך. אויב אָבער ער האָט עס געפונען פאַר נויטיק, האָט ער ווי פאַרגעסן אינעם שרייבער און בעל מחשבות אַליין האָט גערעדט... ער (בעל מחשבות — י. ב.) קען אויך, ער איז אויך אַ קינסטלער... ער איז אַליין אַ שאַפער... דאָס אָפּוויכן פון דער טעמע איז אינטערעסאַנטער ווי די טעמע גופא...

דערמיט באַשטעטיקט זיך אויך מיין אייגענע, דערמאָנטע השערה, אַז דער טאַלאַנטירטער עסייאיסט קוקט אָפּט אריבער די אַקטועלע

פאַקטן, באַפליישט און באַבלוט זיינע אַנונגען אין דעם לבוש פון אָריגינעלע המצאות.

פון אַ באַזונדער קולטור־היסטאָרישן ווערט זענען די ליידער קורצע, דערפאַר אָבער מיט האַרץ־און־נשמה געשריבענע „ליטעראַרישע זכרונות" פון שמריהו גאָרעליק.

דאָ קומט צום אויסדרוק דער בראשית פון אונדזער קולטור־רענעסאַנס און פּאָליטישע דערוואַכונג, וואָס האָט אונדז דערפירט צו דער קרוינונג און אויפקום פון מדינת ישראל.

דרייסטע, אינטואיטיווע ליטעראטור־קריטיק

(י. ראַפּאַפּאָרט און זיין בוך: אויסגעריסענע בלעטער)

דער גורל פון אונדזער בוך אויף יידיש־לשון איז ענלעך און אידענטיש מיט דעם גורל פון אונדזער פאָלק.

אונדזער פאָלק לעבט מיט דעם כוח פון נס.

אונדזער בוך פונקציאָנירט אויך — מיט דעם כוח פון נס.

און פונקט ווי אונדזער פאָלק איז טאָג־טעגלעך פאַרוויקלט אין אַלערליי קריזיסן, אַזוי איז אויך אונדזער בוך פאַרוויקלט אין איין גרויסן און פערמאַנענטן קריזיס און פונקציאָנירט דאָך — מיט דעם כוח פון נס.

מיר האָבן ביז נישט לאַנג צוריק נישט געהאַט קיין לאַנד און דאָך עקזיסטירט עס — מיט דעם כח פון נס.

מיר האָבן כמעט נישט קיין געזעלשאַפטלעכע פאַרלאַגן און עס דערשיינען ביי אונדז פאָרט ביכער, ממש ביבליאָטעקן — מיט דעם כוח פון נס.

ס'איז דעריבער גוט צו זיין אַן עדות דערפון און פריידיק אויס־רופן בקול רם: גם זו לטובה.

און פונקט ווי דער גורל פון בוך איז ענלעך און אידענטיש מיט דעם גורל פון פאָלק, אַזוי איז אויך ענלעך און אידענטיש דער גורל פון זיין טרעגער און באַשעפער, אונדזער יידיש־שרייבער, מיט דעם גורל פון אונדזער פאָלק: פון איין גלות אַרויס, אין צווייטן גלות — אַריין.

און לעבן לעבט ער דווקא, אונדזער יידיש־שרייבער, דער דאָנ־קיכאָט אונדזערער — ווי איראָניש און טראַגיש עס זעט נישט אויס לפנים — דווקא אין דעם זכות פון זיין וואָרט, וואָס פירט אים אַרויס פון אַלע זיינע קריזיסן, דערהויבט אים אַפילו צו דער שיינקייט פון קדושה אין זיינע התחייבותן, אויב ער האָט נאַטירלעך דעם נויטיקן

טאַלאַנט — און ער דערשלאָגט זיך סוף־כל־סוף צו אונדזער עפנט־לעכקייט, געלייטערט אין ליידן, ווי א פונקציע אָדער רינג אין דער קייט פון אונדזער קיום און המשך.

ווי אַ קאָנקרעטער ביישפּיל פון מסירת־נפשדיקער שרייבערישער עקשנות און דויער, דינט אונז דאָס לעבן און שאַפן פון דעם אינטואיטיווער שעפערישן ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט, וואָס איז אפילו אין זיין גלות־שאַנכיי מיט שטאָלץ און מיט מוט געווען און פאַרבליבן אַ זעלטענער מוסטער און פאַנען־טרעגער פון יידיש־קודש, ווי ער איז עס שוין אַ לענגערע צייט אויך ממשיך מיט דער גאַרער אחריות פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן און געוויסנהאַפטן שריפטשטעלער, אין זיין נייעם גלות: אויסטראַליע.

און דווקא דערפאַר, וואָס ער איז יאָרן־לאַנג געווען זייער פאַר־צווייפלט, זיך באַקלאָגט אויף זיין דאָליע, אַפילו געווען געצוווּנגען „צו ווערן אַ קרעמער״, איז די דערשיינונג פון זיין איצטיקן, זעלטן ווערט־פולן בוך, וואָגיק אין פאַרנעם און זייער רייך אין אינהאַלט — א. ב. „אויסגעריסענע בלעטער״ — אגב: אַ סימבאָלישער נאָמען פאַר זיין שרייבערישער עשירות און פרוכטבאַרער שעפערישקייט — אַ פריידיקע דערשיינונג פאַר אים גופא און זיכער אויך פאַר אונדזער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

דעם יובל־קאָמיטעט אין מעלבורן, אויסטראַליע, וואָס האָט אַרויס־געגעבן דאָס בוך, — דאַנק און אַנערקענונג.

דעם מחבר, אין אַלגעמיין און צו זיין זעכציק־יאָריקן יובל — אַ מזל־טוב, און אַ סך נאָכקומענדיקע שעפערישע יאָרן.

* * *

ביים אריינטיפן זיך אין די קינסטלערישע ווערק פון א היפשער צאָל מחברים יידישע, האָט דער ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאַפּאָרט, אין זיין נייסטן בוך „אויסגעריסענע בלעטער״, די ווערק גופא אויך פאַרטיפט.

פאַרטיפט האָט ער זיי דערפאַר, ווייל ער אַליין איז אַ זעלטענער

אויסנאַם צווישן אונדזערע אַזוי גערופענע ליטעראַטור־קריטיקער, נישט נאָר אין זיין אויפפאַסונג פון ליטעראַטור־ווערטן, נאָר אין ז י י ן אָפּ־שאַצונג פון אָט די ווערטן, וואָס איז באַפליגלט מיט דער אַבסאָלוטער זעונג פון אַ קינסטלער, דער גאָרער אָריגינאַליטעט פון אַ דרייסטן, אינטואיטיוון ליטעראַטור־קריטיקער.

אין דעם זין איז ער אַנדערש, עקסטרעם אַנדערש פון אונדזערע פּאָפּולערסטע ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס זעען נישט, קענען נישט אָדער ווילן סתם נישט זען ווייטער פון דער נאָז און באַמיען זיך זייער זעלטן פון זיך־אַליין אַרויסצודימענטן יענע ווערטפולע איידל־שטיינער, איינפלוסן פון קינסטלערישע ווערטן, וואָס זענען אַבסאָלוט קאַפּאַבל גורם צו זיין און באַזעלן דעם שעפערישן ליטעראַטור־קריטיקער, צו באַלייכטן מיט דורכאויס שעפערישע מיטלען די פון אים געלייענטע ווערק, און אים אַליין, — דעם קריטיקער און זיין אַרבעט דערהויבן צו דער מדרגה פון קענען פאַרוואַנדלען זיינע נשמה־איבערלעבונגען און אַנטפּלעקונגען צו דער קרוינונג און דער אומאַפּהענגיקייט פון אַן אָריגינעלן אויפטויך, פ י ר ו ש — פון ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק, כאָטש ער איז אַלצ־איינס טיילוויז — אויב נישט אינגאַנצן — אָפּהענגיק און אָנגעוויזן אויף דעם דירעקטן אָנרעג פון אַ צווייטנס ווערק, צו זיין אייגענער, אין י. ראַפּאָפּאָרטס פאַל: אייגנאַרטיקער עבודה.

דער ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט אין זיינע פריערדיקע ביכער זעלטן ווען געפונען אַ דורכאויס פול און גוט וואָרט, אפילו פאַר אונדזערע בעסערע־און־בעסטע שריפטשטעלער, וואָס שרייבן בלויז און אויסשליסלעך אויף יידיש־לשון, האָט אין זיין איצטיקן בוך זיך אָפּט אַפילו פאַרכלינעט פון באַגייסטערונג איבער די ווערק פון גאָר אַ סך יידיש־שרייבער צו אַזאַ גראַד, אַז דער לייענער ווערט פשוט מיט־געריסן פון זיינע גייסטרייכע אָפּשאַצונגען, וואָס אָטעמען אָפּט מיט דער אָריגינאַליטעט פון ז י י ן בליציקן אַנאַליטישן כוח ביז צו גאַפונג, אַ דאַנק זיין דורכאויס קינסטלערישער אינטואיציע, וואָס ער פאַרשותפט צו דער רייכקייט פון זיין וויסן, גראַדליניקייט און נאַטירלעכער חכמה, שפּראַך־עשירות און שפּרודלדיקער פרייד פון ז י י ן איבערלעבונג, אין

שייכות מיט די פון אים אַנטפּלעקטע קינסטלערישע דערגרייכונגען פון גאָר אַ סך וואָרט־קינסטלער אונדזערע.

ווי אַן אילוסטראַציע צום געזאָגטן, איז גענוג צו דערמאָנען די ביז גאָר פיינע און פּאַרטיפטע, גרעסערע און אַרומנעמענדיקע אַרבעט פון י. ראַפּאָפּאָרט א. נ. „יעקב גלאַטשטיינס דיכטערישער וועג", אין וועלכער עס קומען צום אויסדרוק, דיאַלעקטיש אויפגעקלאָרט, די וועגן־און־אומוועגן, שטרויכלונגען און דערגרייכונגען פון דעם דיכטער, דעם „...מייסטער פון יידיש... שעפער פון נייע וואָרט־קאָמבינאַציעס, פון נייע ווערטער אַפילו".

י. ראַפּאָפּאָרט, ווי אַן ערשט־קלאַסיקער ליטעראַטור־קריטיקער מיט פּאַרנעם, וואָג און אחריות שרייבט קלאָר, געוואָגט און אויך אָן פניות.

די טרייב־קראַפט און דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר פון זיינע קריטישע שטודיעס ליגט אָן יעדן ספק פאַרוואָרצלט אין דער עכטקייט, ערלעכקייט, ליבשאַפט און געוויסנהאַפטן איינשטעל זיינעם צו ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

י. ראַפּאָפּאָרט קען זיך דעריבער באַגייסטערן פאַר גרויס־ווערטיקע ליטעראַטור־ווערטן און גלייכצייטיק אויך אָנהאַלטן די קאָנטראָל און דאָס גלייכגעוויכט פון זיינע דורכאויס אייגנאַרטיקע אַנאַליטישע אַרבעטן אָן באַגייסטערונג.

זיין זעלטענע באַגייסטערונג פאַר דעם „מייסטער פון יידיש" למשל — יעקב גלאַטשטיין — שטערט אים לחלוטין נישט אויך צו באַטאָנען, אַז „...וואָרט שעפערישקייט איז שפּראַך־אויסשפּרייטונג, שפּראַך־פאַרטיפונג". שפּראַך־שעפערישקייט — לערנט ער אונדז — מיינט אָבער גלייכצייטיק אויך „...נישט וואָרט־צעשטערונג... קאָפּ־ברעכערישע אַקראָבאַטיק..." ער שעמט זיך דעריבער נישט און ער האָט אויך דעם מוט אָנצורופן גלאַט־שטיינס „גאָטבעכי" און ענלעכע אַקראָבאַטישע וואָרט־המצאות זיינע — „זינלאָזע שטיפעריין".

ווי אַ געניטער שווימער אין דעם ים פון ליטעראַטור־ווערטן, ווייזט ער אָן, ווי גלאַטשטיין איז באַלד „...נאָכן איבערפּאַקן דעם שפּיל פּעריאָד, רייף געוואָרן מיט גבורה... און אָנגעפילט די אויסגערייפטע פאָרמען מיט

אויסגעדרייפטן אינהאַלט״. און דער מייסטער פון יידיש — גלאַטשטיין — ווענענס „...שפּראַך מייסטערשאַפט... האָט זיך (ערשט) געשפּילט אומ־שעפּעריש... ווערט אַ מעכטיקער מיטל פאַר אַ גרויסן ציל: ער ווערט דער מקונן פון אַ פאָלקס־טראַגעדיע לדורות... זיין מעכטיקער, לאַגיש־געשמידטער שפּראַך־אינסטרומענט... דינט דעם גרויסן ווילן צו שאַפן גרויסעס, וואָס האָט זיך אין גלאַטשטיינען פאַנאַנדערגעגליט״.

דער זין און דער ווערט פון אָט דער באמת גרויסער און שעפּעריי־שער אַרבעט, וואָס שפּיגלט אָגב אָפּ און נעמט ארום די קאַלירפולע פּערזענלעכקייט פון דעם דיכטער יעקב גלאַטשטיין אין אַלע אירע פּאַזן — ליגט אין דעם תוכן, שפּראַך־עשירות, זעלטן אַנאַליטישן כוח, סטיליסטיש־קינסטלערישן אויפבוי פון די טעזיסן און דערגרייכטע רעזולטאַטן, וואָס גיבן זיך דיר איבער מיט דער קלאָרקייט, אָפנהאַרציקייט, עכטקייט, צויבער און שיינקייט פון אַ טאַלאַנטירטן ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז ווייט נישט היגטערשטעליק לגבי זיין באַהאַנדלטן אָביעקט.

ווי אַ צווייטערביישפּיל צו דער כאַראַקטעריסטיק פון י. ראַפּאָפּאָרט, ווי אַן אינטואיטיווער ליטעראַטור־קריטיקער — איז אָן יעדן ספק זיין מיטרייסנדיקע ארבעט א. ג. „שיילאָק — אַ נאַציאָנאַלער בקמה־נעמער״, אין וועלכער עס שפּיגלט זיך אגב אָפּ ראַפּאָפּאָרטס נאַציאָנאַלער אני־מאמין.

אינטערעסאַנט, פּאַטעטיש און ביז גאָר באַלערנדיק איז זיין אויפ־פאַסונג און באַציונג צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור, וואָס וואַקסט ביי אים אַרויס פון דעם באַוווסטזיין און קרעדאָ זיינעם, אַז „...ליטעראַטור איז נישט צוגעטראַכט געוואָרן אַלס צייט־פאַרטרייב... איז אַ נויטווענ־דיקייט דווקא אין די סאַמע ערנסטע מאָמענטן אין לעבן פון אַ יחיד ווי אין לעבן פון אַ כלל. אַ פאָרם פון ווילן צו אומשטערבלעכקייט. י ע ד ע איבערלעבונג וויל ב ל י י ב ן, בפרט אַזעלכע... ווי בימי היטלער״.

דערפאַר באַטראַכט ראַפּאָפּאָרט אונדזער חורבן־ליטעראַטור, ווי אַן אַבסאָלוטן חיוב. ווייל „...אָפּקערן זיך פון דער חורבן־ליטעראַטור הייסט אָפּקערן זיך פון... דעם דראַנג נאָך השארת הנפש...״

צוליב אָט דער אַנשויאונג זיינער געלינגט אים זיך איינצולעבן אין

אונדזער חורבן־ליטעראַטור מיט דער עכטקייט און דעם פּאַטאָס פון איינעם, וועלכער דערהויבט זיך אַליין צו דעם פּאַטאָס פון אַ מקונן, ווי אַ צוגאָב צו זיין פּירוש איבער איר.

י. ראַפּאַפּאָרט האָט אַ באַזונדערע און זעלטענע פאַרשטענדעניש פאַר דיכטונג בכלל.

וועגן דיכטונג, למשל: דיכטונג איז צניעותדיק. זי אַנטפּלעקט זיך נישט לייכט ביי יעדן איינעם, נאָר פאַר יענע, וועלכע גיבן זיך איר אָפּ מיט לייב־און־לעבן, אַנט־פּלעקט זי איר פּראַכט (זייט 72).

רעליגיע און דיכטונג זענען פאַרקרובה׳ט אין אַ סך פּרטים, אָבער באַזונדערס מיט דעם, וואָסביידע קומען זיי ממעמקים — דער מענטש שרייט אַרויס פון דער טיפעניש פון צער אָדער התלהבות, פון דער טיפעניש פון איינזאַמקייט אָדער פון באַהעפטונגס־געפיל מיט עפּעס גרויסעס... (זייט 83).

דער וואָס האָט אינטים ליב דיכטונג, מוז זיין פרום, ווייל דיכטונג איז אַ לייבלעכע שוועסטער פון רעליגיע, פון זעליש עכטער פרומקייט. (זייט 201).

וועגן חיים גראַדע, וויסט ער צו דערציילן, אַז „... ער האָט בכלל דערנענטערט דאָס אַלטע צום נייעם, נישט שאַפנדיק קיין תהום צווישן אונדזער קאָלעקטיוון לעבן און די אינדיווידועלע איבערלעבונגען”. (זייט 57).

ער גראָבט ווייטער און טיפער און ער ווייזט אָן, אַז „...גראַדע שטרעבט צום אַלמענטשלעכן... אָבער... געפינט עס, גאָר אין זיינע נאַציאָנאַלע איבערלעבונגען...” (זייט 57).

וועגן אברהם סוצקעווער: ...ער איז מיטגעריסן געוואָרן דורך דער נויטווענדיקייט צו פאַרוואַנדלען „פּיין” אין „שיין”, ווייל... דאָס קאָן געשען נאָר דורך דיכטונג, דורך דעם וווּנדער פון געזאַנג... (זייט 65).

וועגן פאָרם און אינהאַלט: „ביים רעדן וועגן „פאָרם”

און „אינהאַלט״ רייסן מיר פֿאַנאַנדער אַן איינהייט, פֿאַראײנפֿאַכן מיר אַן אויסטערליש קאָמפּליצירטע דערשיינונג״. (זייט 66).

ווי אַן אינטואיטיווער ליטעראַטור־קריטיקער, דערגרונטעוועט ער זיך צו די פֿאַרבאָרגנסטע עסענצן פֿון דיכטונג, דעקט אויף אירע בלויזן און פֿאַרטיפֿט דער עיקרשט אירע פּאָזיטיווע ווערטן.

ער באַהערשט דעם לייענער מיט דעם צויבער פֿון ז י י ן לאָגיק און ער איז דורכאויס טעמפּעראַמענטפֿול אין זיינע באַהויפּטונגען, וואָס לאָזן זיך זעלטן אָפּפֿרעגן. ער איז, למשל, אינגאַנצן מבטל — מיט רעכט! — די קלאָץ־קשיות פֿון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, וואָס האָבן זיך אַמאָל זייער געהיצט ביי אונדז איבער די פֿראַגעז: צי קאָן מען איינפֿאַסן „אונדזער גרויסן אומגליק אין גראַמען״, און צי מעג מען „געניסן״ די דאַזיקע „חורבן־לידער״.

ראַפּאָפּאָרט, ווי געזאָגט, האַלט, אַז חורבן־ליטעראַטור ביי יידן איז אַן אַבסאָלוטער חיוב. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך — אין דער געהעריקער פֿאָרם פֿון חשיבות, אמת און טראַגישער דערהויבנקייט פֿון דער איבערלעבונג. צוליב דעם זיין לאָגישער אויסטייטש וועגן דעם מהות און דער פֿונקציע פֿון דיכטונג: „וואָס תהומעדיקער עס איז די איבערלעבונג, אַלץ מער טוליעט מען זיך צו דער מיסטעריע פֿון וואָרט, זי אויסצולעבן, זי איבערצובריקן, זי אַריבערצושפּרייזן״.

און אַלץ וואָס איז גילטיק וועגן זיין אויסטייטשונג פֿון דיכטונג, איז אָן יעדן ספֿק אויך גילטיק בנוגע זיין אויסטייטש פֿון פּראָזע. דאָ, ווי דאָרטן, פֿילט ער זיך היימיש און ער איז אויך באַוואָפֿנט מיט דעם זעלבן וויסן, כוח פֿון אינטואיציע און ד י זעונגען פֿון אַ קינסטלער. אָט איז אַ מוסטער פֿון זיין אויסטייטש פֿון דעם היסטאָרישן ראָמאַן:

„...דער שעפֿערישער היסטאָרישער ראָמאַן גיסט אַריין דעם כאַאָס פֿון היינטצייטיקייט אין אַ פֿאַרטיקער היסטאָרישער פֿאָרם און פֿאָרמירט זי, אַזוי אַרום, סיי פֿאַר אונדזער געפֿיל, סיי פֿאַר אונדזער געדאַנק. דער שעפֿערישער היסטאָרישער ראָמאַן גייט נישט אַוועק פֿון דער ווירק־לעכקייט צו דער געשיכטע, נאָר פֿאַרקערט, ער גייט דורך דער געשיכטע צו דער ווירקלעכקייט״.

צי זיין זאָג וועגן י. אָפּאַטאָשו: „...אין דער היסטאָרישער טעמאַטיק זוכט ער נישט קיין אינטערעסאַנטע פאַבולע, נישט קיין היסטאָרישן פאָן — ער זוכט אין די חורבות פון יאָרהונדערטער גייסטיקע המשכים, אָדער ריכטיקער — גייסטיקן נישט־איבערגעריסענעם דויער״.

וואָס דער מחבר שרייבט צו אָפּאַטאָשון, דעם בעלעטריסט און שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען — קען מען מיט אַ ריינעם געוויסן אויך צושרייבן אונדזער אינטואיטיוון ליטעראַטור־קריטיקער י. ראַפּאָפּאָרט, וואָס זוכט אַליין אין אונדזער ליטעראַטור — ווי אַ צוגאָב צו אירע קינסט־לעריש־עטישע קולטור־ווערטן — אויך „גייסטיקע המשכדיקייט״ אין דעם ווייטערדיקן גורל פון אונדזער פאַרפייניקט פאָלק.

מאמרים, נאָטיצן און טראַכטענישן...

(מלך ראַוויטש: מיין לעקסיקאָן)

ווען דער גורל פון אַ דיכטער, באַשטימט פון דער השגחה, צי ווי אין דעם פאַל: מלך ראַוויטש — פון זיך אַליין אַרויסגעעקשנט מיט התמדה און מיט גבורה — איז צו לעבן עטיש און זיין גוט צו זיינע מיטמענטשן, מוז זיך זיין גוטסקייט, ליבשאַפט און זעלטן חשיבות־דיקע באַציאונג צו אַלץ וואָס לעבט און שאַפט אָפּשפּיגלען אין אַלע זיינע טוּאונגען אין לעבן, און אָן יעדן ספק אויך אין זיין שרייבן, מיט וועלכער פאָרם פון זיין שרייב־קונסט ער זאָל זיך נישט באַנוצן.

קומט אויף דער מחשבה דער נאָמען מלך ראַוויטש, טראַכט מען נישט אַנדערש וועגן אים ווי בלויז וועגן אַ פּאָעט וואָס טראַכט, האַנדלט און שאַפט בלויז און אויסשליסלעך ווי אַ פּאָעט מיט אחריות, ווען מ׳לייענט אים אפילו נישט זעלטן אין די ברייטסטע שורות פון דער וואָרט־קונסט, אפילו איבער גאָר וואָכעדיקע טעמעס.

ראַוויטש מעג דעריבער אָנרופן זיינע „פּען־פּראָפילן פון יידישע און העברעאישע שרייבער אין מדינת ישראל", וואָס זענען געשריבן אין פּראָזע — „מיין לעקסיקאָן", נישט באַקומענדיק דערביי די מינימאַלסטע פאָדערונגען פון אַ לעקסיקאָן אין דעם אָנגענומענעם זין פון וואָרט: קאָנדענסירטע ביאָ־ביבליאָגראַפישע, טיילווייז קריטישע און עסייאיסטישע פאַרצייכנונגען, דאָמינירט דאָ אויסשליסלעך און בלויז דער פּאָעט מלך ראַוויטש, וואָס מעדיטירט אין גרעסערע צי קלענערע פּען־פּראָפילן וועגן אַנדערע שרייבערס, וואָס פאַרשפּיצן און פאַר סך־הכלן זיך פאַרט צו אַ כמעט לירישן אויפזונג און כאַראַקטעריסטיק פון זיין אייגענער פּערזענלעכקייט, ווי אַ דיכטער פון גאָרער גוטסקייט און זעלטענער ליבשאַפט.

די פּען־פּראָפילן פון מלך ראַוויטש דינען אים דעריבער ווי

י. בראָנשטיין

א מעדיום צו ברענגען צום פולן אויסדרוק זייַנע דיכטערישע אָנ־שוווּנגען, דורך די אויפבליצן פון —

...שייכות׳דיקע עסייען (אין מיקראָסקאָפּישע דאָזעס — י. ב.)... זכרונות... און... דערגענצנדיקע הוספות...:

אין זיין התנצלות און זוכן אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם

...כח, וואָס צווינגט מיך שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר צו שרייבן די דאָזיקע פען־פּראָפילן...

ער געפינט דעריבער אַ באַשייד אין דער

...שיכרות, וואָס איך האָב געירשנט פון מיין וווּנדערלע־כער מאַמען... אַ שיכרות צו אַבסערווירן מענטשן, צו וועלן זיי פאַרשטיין... צו פרייען זיך מיט די שיינקייטן אין זיי...

וועלן פאַרשטיין און זיך אויך פרייען מיט די שיינקייטן פון מענטשן איז די קרוינונג און זעלטענע מדרגה פון מלך ראַוויטש אין זיין גאַנג אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס האָט אים צו זיך צוגעאייגנט, פאַרפּנימט, מיט דער תמימות פון א דורכאויס עטישער פערזענלעכקייט.

זיין שרייבן וועגן אנדערע בליצט אַלעמאָל אָפּ מיט די ליכטיקסטע רעפלעקסן פון א שעפערישער פערזענלעכקייט, וואָס איז אַלעמאָל געניגט פון זיך אַרויסצופונקען אַזעלכע צובערדיקע ליכט־שטראַלן, וואָס באַלייכטן און ברענגען צום אויסדרוק דעם באַטרעפנדיקן אָביעקט זיינעם, גלייכ־צייטיק אָבער אויך און דער עיקרשט זייַנע אייגענע קרעדאָס אין שייכות מיט עטישע ווערטן אין אַלגעמיין — דיכטונג, איר מהות און אירע רעלאַטיווע פונקציעס און ווערטן איבערהויפּט.

זאָגט דאָך למשל ראַוויטש אַליין, אין זיין פען־פּראָפיל פון חיים נחמן ביאַליק, אַזוי:

...קומט צו דיכטונג און קומט צו ליטעראַטור — און ווער שמועסט צו ליטעראַטור ביי ייִדן אין ייִדיש, העברעאיש און אויך אין אַנדערע שפּראַכן — הער איך אויף צו זען זאַכן

מיט לאָגיק און מיט קילן שכל, און נאָר מיט געפיל און
מיט האַרץ...

געפיל און האַרץ — די דאָמינירנדיקע טרייב־כוחות און פאַקטאָרן פון יעדן אימפולסיוון דיכטער, וואָס אויב ער איז נאָר אַ פּאָעט אָן קלאַמערן, פאַרטראָגט זיין דיכטונג אַבסאָלוט נישט:

...קיין שום פילטער, קיין שום צענזור, קיין שום אָפּהאַלט,
קיין שום צוים...

פאַרוואָס?

ווייל זי, די פּאָעזיע, טענה׳ט ראַוויטש:

...איז אָדער עכט און אויפריכטיק, ווי אַ מאַמעס קוש (ווי
געפעלט איך, אגב, דער פּאָעטיש־געטלעכער פאַרגלייך? —
י. ב.), אָדער זי איז אינגאַנצן נישט קיין פּאָעזיע. אויפריכטיק —
איז זי קונסט. צענזורירט — איז זי אין בעסטן פאַל: קונץ...

דיכטונג, האַמערט אונדז ראַוויטש אין קאָפּ אַריין, אין זיין פּען־פּראָפיל פון לאה גאָלדבערג — איז קודם כל אויפריכטיקייט...

און אין זיין פּען־פּראָפיל פון אורי צבי גרינבערג, ליריש און זייער פּאָעטיש־פיין אויפגעפּאַסט — באַטאָנט ער ווידער:

...אויפריכטיקייט... דער ערשטער עלעמענט פון אַלע די
הונדערט עלעמענטן פון וועלכע דיכטונג באַשטייט...

די עכטקייט און אויפריכטיקייט, וואָס ער שרייבט דאָ עסייאיסטיש צו דער דיכטונג אין אַלגעמיין, זענען דאָ אייגנטלעך כאַראַקטעריסטיש און אָנווענדבאַר אויף אים גופא.

אונטער דער מאַסקע פון זיינע צענדליקער פּען־פּראָפילן פון שרייבער ביי יידן מאָלט ער דאָ אייגנטלעך אויס און ער פאַרגעשטאַלטיקט ז י י ן אייגענעם פּנים, ווי אַ פּאָעט אין דער קאָלירפולער מלוכה פון אונדזער וואָרטשאַפט.

צוליב דעם איז כמעט נישט נויטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אינדיווידועלן ווערט פון די גרעסערע צי קלענערע, קאָלירפולע און

שטימונגספולע פען־פּראָפּילן, ווייל אַלע, אַלע אָן אויסנאַם! — פירן זיי צו דער פאַרשפּיצונג פון איין דערגרייכונג: דער דיכטערישער אַני מאמין פון אַ פּאָעט, איינשליסנדיק זיין וועגעטאַריזם און שפּינאָזעיזם — צווי אומפאַרמיידלעכע פאַקטאָרן אין זיין באמת רייך און קאָלירפול לעבן, וואָס ווערט קיינמאָל נישט מיד צו מעדיטירן איבער זיין אייגענעם, פּסיכישן און פאַקטישן גאַנג זיינעם אין לעבן און אין דער ליטעראַטור, אין שייכות מיט זיינע וועלט־רייזעס, באַגעגענישן און דערפאַרונגען מיט דיכטער, קינסטלער און שריפטשטעלער פון „איין ליטעראַטור — צוויי לשונות".

זיינע עסטעטיש־קינסטלערישע אנשויאונגען קריסטאַליזירן זיך דאָ, אין דער סביבה פון זיינע פּען־פּראָפּילן, דורך עסייאיסטישע המצאות און אויך זייטיק־קריטישע ראַנד־באַמערקונגען, כאָטש ער איז אַלעמאָל ערלעך געגנוג צו אונטערשטרייכן, אַז —

...מיר דערציילן דאָ וועגן מענטשן — וועגן ווערק דערציילן דאָך די ווערק אַליין...

אין שייכות מיט אַנדע פינקערפעלד, למשל, רעדט ער וועגן קינדער־לידער אַזוי:

...שרייבן קינדער־לידער איז נישט פון די גרינגע זאַכן. דאָס הייסט גאַנץ פשוט — ווערן ווידער אַ קינד, אַ קינד, וואָס שרייבט לידער. און נישט אַ דערוואַקסענער, וואָס שרייבט לידער פאַר קינדער...

זאָלן עס געדענקן די נישט־באַרופענע, וואָס מיינען, אַז מיט גראַמען סתם אין דער וועלט אַריין איז שוין איינער אַ דיכטער פון קינדער־לידער.

די פּען־פּראָפּילן פון מלך ראַוויטש זענען פאַרזייט מיט געגנוג עסייאיסטישע המצאות, וואָס פעדעמען זיך אַריין ווי גילדענע טענער אין דעם כאָר פון די קאָלירפולע פאַרמען פון זיינע שרייבערישע מעשים טובים — מאָנונגען און אויך דערגרייכונגען.

אין זיין פּען־פּראָפּיל פון אברהם לעוו גליטשט זיך ביי אים אַראָפּ אַזאַ זאָג:

...אברהם לעוו איז אַ פּשטותדיקער דיכטער — און פֿאַר אַזאַ דיכטער צו געפֿינען אַן אייגענעם וועג איז אַ סך שווערער ווי פֿאַר אַ קאָמפּליצירטן דיכטער...

און אין שייכות מיט פּנחס בייזבערג:

...זיינע דערציילונגען האָבן טעמעס, קאָלאָריט, גאַנץ פיינעם לשון, בילדער, האָבן אַ האַנט און אַ פוס, נאָר צו אַ קלימאַקס איז שווער צוצוקומען...

אַזוי טרעפט ער נישט זעלטן אין פּינטל אַריין, אַן דער מינדסטער פּרעטענסיע צו זיין אַ קריטיקער.

ער געפינט אויך אַן ענלעכקייט אין די לידער פון פסח בינעצקי און ביניש זילבערשטיין:

...נישט נאָר אין אינהאַלט, נאָר אפילו אין דער פאָרם.ביידע האָבן זיי גוטן ריטעם, באַהערשן פּאָעטישע פאָרמען...

זיין הויפּט שטרעבונג אָבער —

...דער זין און צוועק פון די אַלע מאמרים, נאָטיצן און טראַכטענישן אַרום מענטשן אין דעם דאָזיקן „מיין לעקסיקאָן" — איז צו דערווייזן, אַז מיר זענען טאַקע איין משפחה — דער עיקר, די בעלי מלאכה ארום נשמות, מיט פען און מיט פענדזל...

מיין איינדרוק איז, אַז ער האָט עס דערגרייכט דורך זיין גרויסער ליבשאַפט, גוטסקייט און חשיבותדיקער באַציאונג צו זיינע מיטמענטשן.

ווי אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל צו דעם געזאָגטן איז דאָס ...רינען פון שוויגנדיקע טרערן פון מיינע אויגן... ביים אָנשרייבן דאָס ערשטע מאָל די צוויי אותיות „ז"ל" ביי שלום אַשס נאָמען...

אַ צווייטער ביישפּיל פון זעלטענער גוטסקייט — די מעשה מיט יצחק פּערלאָוו, וואָס איז געבליבן נעבעכיקן אין דעם אַמאָליקן וואַרשעווער פאַראיין, אין אַ קרירה:

...אָבער אַז איך האָב דערהערט זיין שטימע — בין איך גליקלעך געוועזן. אַ סימן — אַז ער האָט אין דער קאַלטער נאַכט נישט געגעכטיקט אויף די גאַסן...

און ראַוויטש פאַרענדיקט:

...דער מאָמענט פון יענער פרייד איז מיר געבליבן ווי אַ שטראַל אויפן גאַנצן לעבן...

מיט וואָס אַ פּאָעט ביי יידן פרייט זיך!

און כאָטש ראַוויטש האָט ביים פאַרטראַכטן און אויספירן זיינע פּען־פּראָפילן פון יידישע און העברעאישע שרייבערס דעפיניטיוו באַצוועקט דעם „אמת פון דעם קלינג־וואָרט „אין ליטעראַטור — צוויי לשונות", און נישט אַן בפירושער כוונה... אויסגעמישט אין דעם בוך פּראָפילן פון יידישע און העברעאישע שרייבער... פאַר סך־הכלט זיך אָבער פאַרט זייך איידעלע באַמיונג דורך דעם מויל פון איינעם פון די רעפּרעזענטאַטיווסטע שריפטשטעלער אין דער העברעאישער ליטעראַטור — משה שמיר, דערצו נאָך „מיט אַ פאַרקלערטן שמייכל":

— — — — הר בהר פגע — אנוש באנוש לא פגע...

היינט גיי האָב טענות צו דעם גאָט פון ישראל!...

די טראַכטענישן פון מלך ראַוויטשן אין זיין „מיין לעקסיקאָן" וועגן אָן אַ ספק איבער אין איכות די כמות פון זיינע מאמרים און נאָטיצן: פּען־פּראָפילן פון יידישע און העברעאישע שרייבער אין מדינת ישראל.

אייגענער קול און אייגענער נוסח

(משה וויטיעס: „עסייען וועגן ליטעראַטור”)

צוליב דעם וואָס דער עסיי לאָזט זיך שווער דעפינירן, איז די קלוגסטע זאַך — דוכט מיר — צו לייענען און זיך פאַרטיפן אין דעם עסיי גופא, זיך לאָזן פון אים באַווירקן, אפילו פירן — וועט ער במילא פאַר דיר קלאָר ווערן אין זיין מהות און פאַרנעם — אָן די ווידערשפּרעכנדיקע דעפיניציעס פון ליטעראַטור־מבינים — צו אזא גראַד, אַז דו אַליין וועסט זיך שוין אין אים פאַרטיפן ווי אַ לייענער, אויף דעם אוממיטלבאַרסטן אופן פון אים הנאה האָבן און באַרייכערן דיין וויסן אויף אַן אַנטפּלעקערישן אופן, זיך איינלעבנדיק גלייכצייטיק אין אַ זעלטן אינטערעסאַנטער פאָרם פון אַ קינסטלערישער, עסטעטישער איבערלעבונג.

אין דער מלוכה פון אונדזער וואָרט פאַרנעמט שוין לאַנג דער עסיי זיין פאַרדינט אָרט, כאָטש ער קאָן נאָך ליידער ווייט נישט קאָנקורירן מיט אונדזער פּראָזע און ליד אין איכות, און אויך נישט אין כמות. צוליב דעם איז זיין באַדייט אין דעם אָפּקלויב פון אַ זעלבשטענדיק בוך זייער וואָרטפול, כאָטש ווי יעדעס בוך אָן אויסנאַם, מוז ער און זאָל גענומען־און־אָפּגעשאַצט ווערן פון **דעם** שטאַנדפּונקט פון איכות און **נישט** פון דעם שטאַנדפּונקט פון כמות.

אין דעם גאַנג באַרג־אַרויף פון אונדזער ליטעראַטור אין ליד און אין פּראָזע טרעפט זעלטן, אַז דאָס ערשטלינג־בוך פון א מחבר, ווי יונג אָדער אַלט ער זאָל נישט זיין, זאָל דיך פאַרכאַפּן מיט זיין שפּראַך, קלאָרקייט פון געדאַנק, פאָרם און פאַרנעם; ספּעציעל אויף דעם געביט פון אונדזער עסייאיסטיק, וואָס טיילט זיך נאָך אַלץ נישט אויס מיט אַזאַ אייגנאַרטיקייט, ווי לאָמיר זאָגן צום ביישפּיל — אונדזער דיכטונג.

צוליב דעם בין איך באַווירקט געוואָרן ביז חידוש פון דער עלעגאַנץ, עשירות פון געדאַנק, כח־הדיבור, ערנסט און פאַרנעם פון

דעם בוך: „עסייען איבער ליטעראַטור" פון משה וויטיעס, וואָס כאָטש ער איז ביי אונדז נישט קיין פנים חדשות, איז עס פאָרט זיין ערשטער אַרויספאָר מיט אַ בוך, מיט אַ זעלטן פאַרטיפטן אינהאַלט, אויפן פאָן און דער עשירות פון אַן ערודיציע, וואָס פאַרכאַפּט מיט דער מאַגיק פון אַן אינטימיטעט, וואָס איז בלויז אייגן אַ שעפערישער פערזענלעכקייט — אַ דיכטער.

ווען משה וויטיעס שרייבט דעריבער, אַז „...דער עסייאיסט רעדט צו זיין לייענער... ווי צו אַ נאָענטן חבר...", באַשטעטיקט זיך עס באַלד ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, וואָס שיינט אַראָפּ פון יעדן זייטל פון זיין ווערטפולן און וואָגיקן בוך „עסייען וועגן ליטעראַטור", וואָס „...פאַראייניקן די הנאה, דעם פאַרוויילנדיקן געגוס פון דעם ליטעראַרישן עסיי, מיט דעם נוצלעכן און באַלערנדיקן פון אַן אינפאָרמאַטיוון טעקסט".

און דער טעקסט פון דעם בוך „עסייען וועגן ליטעראַטור" פון משה וויטיעס איז טאַקע באַלערנדיק, אינפאָרמאַטיוו און אויך קאַלירפול אין דעם זין, וואָס ער נעמט אַרום די פאָרמען פון דער ליטעראַטור אין אַלגעמיין, פון איר פּרימיטיוון באַגינען ביז צו דעם געזאַנג פון אונדזערע טעג, ברענגענדיק דערביי מוסטערן פון „קלאַסישן עפּאָס אין קיצורדיקן סך־הכל", אין זיין אייגענער באַאַרבעטונג.

משה וויטיעס איז נישט סתם אַ שרייבער פון לירישע עסייען, נאָר דער עיקרשט, אַ וועלטלעך־יידישער עסייאיסט, וואָס באַמיט זיך אַרויסצוהייבן דעם יידישן מאָמענט אין דער עוואָלוציע פון ליטעראַטור, מיט זיין יידישן צוגאַנג צו ליטעראַטור־פּראָבלעמען און פאָרמען.

רעדט ער למשל און אַנאַליזירט די עפּאָפּעע ווי אַ פאָרם, באַגנוגנט ער זיך נישט בלויז מיט אַ שטודיום פון איר פאַרנעם אין אַלגעמיין, נאָר ווי אַ געראָטענער און געניטער טויכער אין דעם ים פון דער ליטעראַטור, ער איז גלייכצייטיק אויך גוט באַוואָפנט מיט גענוג וויסן וועגן דעם פון אונדזערע אָריגינעלע קוואַלן — באַמיט ער זיך אויך צו פאַרטיפן אין דער טעמע: די עפּאָפּעע אין ליכט פון יידישקייט, וואָס ברענגט אים צום אויספיר, אַז —

...דער נאָקעטער אמת סטאַרטשעט... אין די אויגן, אַז קיין מעטרישע, לאַנגאָטעמדיקע, אָביעקטיוו - דערציילערישע עפּאָפּעען, אויפן שטייגער פון די פּאַגאַנישע מוסטערן, זענען נישט בנמצא אין דער תנ״כישער, נאָך־ביבלישער, און אפילו נישט אין דער מיטלאַלטערלעכער און מאָדערנער יידיש־ליטעראַרישער שאַפונג...

ווי אַן עסייאיסט, וואָס איז געניגט אַרויסצופירן „די אייגענע געשטאַלט פונעם שרייבער אין פאָדערגרונט פון זיין שריפט״, איז משה וויטיעס נישט קיין דאָגמאַטיקער, און זיינע „עסייען וועגן ליטעראַטור״ טראָגן נישט דעם כאַראַקטער פון אַ טעקסט־בוך, וואָס קאָנצענטרירט זיך בטבע בלויז און אויסשליסלעך אויף די אָנגענומענע כללים און געזעצן פון שרייבן.

צוליב דעם האָט ער טאַקע דעם מוט אונטערצושטרייכן און באַטאָנען די אַנדערשקייט אין אונדזער באַציאונג צו ליטעראַטור־ווערטן, אין שייכות מיט קונסט־ווערטן אין אַלגעמיין.

...ס׳רעכנט זיך נישט פאַר קיין ,עם הארצות׳, — שרייבט ער — ווען אַפילו אַ יודע ספר... באַזיצט נישט דעם א״ב פון קענטעניש אין דער טעכניק אָדער אין די טעאָרעטישע אַבסטראַקציעס פון די קונסטן...

...אַנדערש, לפנים, איז מיט ליטעראַטור... יעדער גראַמאַטנער מענטש פילט זיך פריי צו דיסקוטירן איבער ליטעראַרישע פּראָבלעמען, זאָגן מיינונגען, האָבן ,שטאַנדפּונקטן׳. פאַר דעם האַלב־אינטעליגענט איז די שרייבקונסט גאָר קיין קונץ נישט. ווען ער האָט נאָר חשק און צייט וואָלט ער אויך געשריבן — טראַכט ער — און אפשר אויך בעסער פון די ליטעראַטן אַליין. אַ מענטש, וועמען ס׳וואָלט ניכטערהייט נישט איינגעפאַלן צו ראַדירן אַ בילד, שפּילן אויף אַ באַסון, אָדער אויסצוהאַקן אַ פיגור פון מירמלשטיין, נעמט זיך מיט אַ גרינג האַרץ, געמיט און געוויסן שרייבן אַ דערציילונג אָדער פאַרפאַסן אַ געדיכט...

צוליב דעם אפשר איז ביי אונדז פֿאַראַן אַזאַ שפע פון נישט־אויסגעטראָגענע, וואָסערדיקע מפיל־ביכער, וואָס שפילן נישט קיין ראָלע אין אונדזער ליטעראַטור און ווערן צוליב דעם אפילו נישט גענומען אין באַטראַכט ביי זייער באַלדיקער דערשיינונג.

דער עסייאיסט, ווי דער דיכטער פון ליד, וויל נישט און ער לאָזט זיך אויך נישט צוימען פון געזעצן. און פונקט ווי דער לעצטער, לאָזט ער זיך גאָר אין קעגנטייל באַהערשן פון זיינע זעונגען און עמאָציעס, ווי אַ צוגאָב צו זיינע קולטור־עסטעטישע און עטישע אַנשויונגען. ער דערהויבט זיין וואָרט צו דער מדרגה פון אַן אייגנאַרטיקן צושטייער צו דער ליטעראַטור, אין וועלכער ער שאַפֿט.

צוליב דעם אויך איז די אַרבעט פון דעם עסייאיסט אַ דורכאויס שעפֿערישע און זי טראָגט אויף זיך דעם חותם פון אַ שעפֿערישער פּער־זענלעכקייט, כאָטש די זעונגען זיינע זענען אָפּטמאָל פֿאַרוואָרצלט אין דער מחשבה און אין דעם אָנרעג פון אַ צווייטנס טעמאַטיק.

ווי אַ דיכטער פון דער וואָרט־קונסט אויף זיין אייגענעם שטייגער, איז דער עסייאיסט דעריבער נישט צוגעבונדן צו קיין דאָגמען. אין זיינע קריטישע עסייען אפילו פילט ער זיך פרייער און ער באַוועגט זיך אויך פרייער אין זיין צוגאַנג אין אָפּשאַצן פון ליטעראַטור־ווערטן פון דעם פּראָפעסיאָנעלן ליטעראַטור־קריטיקער. זיינע עמאָציעס, ווי אין דעם פֿאַל פון משה וויטיעס — זענען פריי און אויך נאָכגיביק. צוליב דעם אויך — דינאַמיש און דורכאויס קאַלירפול אין זייערע ניואַנסן און באַטאָנונגען.

און כאָטש דער עסייאיסט, לויט משה וויטיעס — ...קומט נישט אַזוי אַנטפּלעקן קיין דבר חדש ווי צו קאָמענטירן, מיט אייגענעם קול און נוסח... איז ער אָבער עקסטרעם אַנדערש פון דעם ליטעראַטור־קריטי־קער, וואָס ...מוז זיך שטיצן אויף גרייטער, שוין עקזיסטירנדיקער ליטעראַטור פאַר זיינע באַלויכטונגען און שטודיעס... אין דעם זין, וואָס זיין טעמאַטיק איז בכלל נישט באַגרענעצט בלויז און אויסשליסלעך אויף ליטעראַטור־ווערטן, נאָר ער איז אין זיך כולל אויך אַנדערע קונסט־און־לעבנס־ווערטן פון אַ דויערנדיקן כאַראַקטער. ער איז דעריבער אַליין דער דירעקטער גורם פון אַן אויפטויך, פון אַן אייגענעם קול

און אַן אייגענעם נוסח אין דער ליטעראַטור, אויף אַ דורכ־אויס דעמאָנסטראַטיוון אופן.

צוליב דעם איז גרינג מסכּים צו זיין מיט דעם מחבר, אַז דער ליטעראַרישער עסיי ווי א פאָרם, ...פּאַראייניקט דעם נאַטירלעכן דריילינג: שרייבער, טעמע און סטיל... וואָס דעמאָנסטרירט זיך אויף אַ גאָר געלונגענעם אופן אין זיין בוך: „עסייען וועגן ליטעראַטור״, פון וועלכן עס הערט זיך אַרויס דער אייגענער קול און נוסח זיינער, ווי אַן עסייאיסט מיט אַן אייגענעם פּנים און צוגאַנג צו שעפערישע מענטשן, זאַכן, געשע־ענישן, ליטעראַטור און קולטור ווערטן.

ווי געזאָגט, איז דאָס בוך „עסייען וועגן ליטעראַטור״ פון משה וויטיעס נישט קיין טעקסט־בוך איבער ליטעראַטור, וואָס באַזירט זיך געוויינלעך אויף באַשטעטיקטע פאַקטן, ווי למשל די עקזאַקטע וויסנשאַפט, וואָס רעכנט זיך נישט מיט קיין סענטימענטן מצד דעם מחבר און פאָרשער.

משה וויטיעס, ווי געזאָגט, איז דאָ מער אויסן אַרויסצופירן צו דעם סאַמע פאָדערגרונט פון זיין שאַפן זיין אייגענע געשטאַלט ווי א שרייבער, ווי צו טעאָרעטיזירן און אָנצורופן מיט אַ נאָמען די עטאַבלירטע כּללים און געזעצן פון דער פּראָזאָדיע.

אין דעם זין, ווילט זיך דאָ זאָגן, זענען זיינע עסייאיסטישע אַרבעטן אויף אַזוי פיל אַנדערש אין זייער פאָרנעם, אַז זיי פאַרכאַפּן דיך ממש מיט זייער מענטשלעכקייט, אין דעם לבוש פון אַ פּשטות און שפּראַכ־לעכער קלאָרקייט, וואָס אייגנט זיך צו דיר צו מיט דער מאַגיק און אויפבליץ פון דיכטונג.

און דווקא דערפאר ווייל דער מחבר פון דעם בוך „עסייען איבער ליטעראַטור״ פּרעטענדירט נישט צו זיין אַ ליטעראַטור־פאָרשער, גיט זיך אים יאָ איין אריינצוברענגען אַ סך קלאָרקייט אין ...די הויפּט־פאָרמען, גרונט־פּרינציפּן און טעמע־נאָענטע שייכותן פון ליטעראַטור... וואָס ער באַהאַנדלט דאָ, מיט דער געניטקייט פון אַן עכטן, ראַפינירטן, געוויסנהאַפטן און פּריווילעגירטן עסייאיסט, וואָס ווייסט וואָס ער וויל

און דערפירט זיין געדאַנקן־גאַנג צו קלאָרקייט אין דעם וואַכזיין פון זיין לייענער.

און אויב אונדזער מחבר האָט אויסדריקלעך געוואָלט, אַז זיין בוך ...זאָל אַרויסקומען נישט בלויז ווי אַ בוך אויף יידיש וועגן סתם אַב־סטראַקציעס פון ליטעראַטור, נייערט אַ יידיש בוך אין טאָן, גייסט און אינהאַלט... האָט זיך עס אים זיכער איינגעגעבן.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם געזאָגטן, קאָן דאָ דינען זיין באַלערנ־דיקער עסיי א. ג. „די נאַטור אין יידישן וועלט־באַנעם", אין וועלכן עס קומען צום פולן אויסדרוק די דריי הויפט טעמעס אין דער ליטעראַטור: גאָט, נאַטור און מענטש, אין וועלכער עס ווערט ארויסגעהויבן דער „צווישנשייד פון פּאַגאַניזם און דעם מאָנאָטעאיסטישן געדאַנק". דער לעצטער דינט, ווי „...א פּרינציפּ פון מאָראַל, א תנאי פון עטישער הדרגה פאַרן פאָלק ווי פאַרן יחיד, וואָס די תורה באַטאָנט ווי דער סאַמע עיקר פון יידישן דת, אין דעם גאַרן תכלית פון מענטשלעכן לעבן".

נעמט מען אין אָנבאַטראַכט די אוניווערסאַלע אמתן בנוגע ליטע־ראַטור־ווערטן אין אַלגעמיין, וואָס דער מחבר האָט דאָ פּאַנאָנדערגע־וויקלט אויף די ברייטסטע לייוונטן פון פאַרשעריש־שעפערישע עסייען, איז א צוגאָב צו זיינע פּאַרטיפטע געדאַנקען בנוגע דער „נאַטור אין יידישן וועלט־באַנעם", ווילט זיך נישט אַנדערש ווי אויסדריקן מיין באַוווּנדערונג און דאַנק דעם איידל־ראַפינירטן עסייאיסט משה וויטיעס פאַר זיין גערעכטעגעם ערשטן אַרויספאַר אין אונדזער ליטעראַטור — זיין בוך: „עסייען וועגן ליטעראַטור", פון וועלכן עס וועלן זיך תמיד אַרויסהויבן און אַרויסהערן ז י י ן אייגן קול און ז י י ן אייגענער נוסח.

לערער און שרייבער

(פאַליק זאַלף און זיין בוך: אונדזער קולטור־המשך)

צוליב דעם שייכות פון לערער און שרייבער, איז דוכט מיר נישט נויטיק צו ווערן דער מחבר פון אַ גאַנץ בוך.

דער דערציערישער כאַראַקטער פון ביידע ליגט אויבנאויף און לאָזט זיך דערקענען אין דער תורה שבעל־פה — ביים לערער, און אין דער תורה שבכתב — ביים שרייבער.

אויב עס געשעט אַ נס: די אייגנשאַפטן פון לערער גיסן זיך צענויף מיט די אייגנשאַפטן פון שרייבער אין דער געשטאַלט פון איין מענטש, מוז דער באַטרעפנדיקער יחיד מיט זיך פאָרשטעלן אַ שעפערישע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל אין זיינע שרייבערישע מעשים דערגאַנצן אויף אַ שעפערישן אופן די תורה שבעל־פה פון קלאַס־צימער, מיט זיין תורה שבכתב אין זיין בוך, וואָס מוז פירן אַן אייגן לעבן אין דער ליטעראַטור, מיט דער אויסשליסלעכער כונה: צו לעבן זעלב־שטענדיק און דער עיקרשט — דויערהאַפטיק לאַנג נאָך דעם, ווי דער באַטרעפנדיקער יחיד טרעט אָפּ זיין פלאַץ אין לעבן, פאַר דעם וואָס קומט נאָך אים...

פאַליק זאַלף, דער דערפאָלגרייכער לערער און דערציער פון יידישע קינדער אין משך פון איבער דריי צענדליק יאָר, איז און וויל אויך זיין אַ שרייבער.

זיינע ערשטע צוויי ספרים: „אויף פרעמדער ערד" — בלעטלעך פון אַ לעבן, און „די לעצטע פון אַ דור" — היימישע געשטאַלטן, באַשטעטיקן אַז ער איז אַ שרייבער, אין וועמענס געמיט און זיכרון, האַרץ און נשמה, עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן און אָפּגעשפּיגלט די טראַגישע איבערלעבונגען פון אַ קולטור־מענטש פון זיין דור.

און כאָטש די צוויי דערמאָנטע ספרים זיינע טראָגן אַבסאָלוט נישט

קיין בעלעטריסטישן כאַראַקטער, וואָס דאָס מיינט: זיי שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין קינסטלערישע דערגרייכונגען, זענען זיי אָבער פאַרטראַכט און דורכגעפּירט געוואָרן אויף אַן עכטן אופן, אויפן פאָן און טראַגיק פון זיין דור און וועלן אונדז אלעמאָל דערמאָנען און דינען ווי אַ דערמאָנונג אין דעם מחבר, וואָס האָט אויף אַ דורכאויס געוויסנהאַפטן אופן צוגעטראָגן זיין צושטייער צו דעם אוצר פון אונדזער ליטע־ראַטור אויף יידיש־קודש, וואָס נעמט אין זיך אַריין יעדן אָפּקלייב פון קולטור־היסטאָרישע ווערטן און ווערט מיט דער צייט דער קנין פון גאַנצן פאָלק.

„אונדזער קולטור המשך", דאָס דריטע און נייסטע בוך פון דעם גערעכטעטענעם מחבר פאָליק זאָלף, ווערט פון דעם מחבר באַצייכנט ווי עסייען.

ווי שווער עס זאָל נישט זיין צו דעפינירן דעם עסיי ווי אַ פאָרם פון שרייבן, איז פאַר מיר אָבער קלאָר: דער עסענץ פון דעם עסיי, דער סאַמע עצם!, וואָס פונקציאָנירט ווי דער סינטעז פון דער בעלעטריסטיק און דער ליטעראַטור־קריטיק — מוז און זאָל באַדינען אונדזערע ליטע־ראַטור־און־קולטור־ווערטן מיט דעם אויפבליץ פון דער אייגענער אינטואיציע, וואָס איז עפּעס מוסיף דאָרט, ווו דער מחבר פון די באַטרע־פנדיקע ווערטן שטעלט זיך אָפּ.

איבערגעבן דעם אינהאַלט פון אַ צווייטנס ליטעראַטור־אַרבעט, אפילו אין דער געלייטערטסטער און דורכאויס אייגענער שפּראַך, סכע־מאַטיש און קאָרעקט, דינט אפשר דעם צוועק צו אינפאָרמירן אַ נישט־דערפאַרענעם לייענער מיט אַ צווייטנס אַרבעט. עס דערהויבט אָבער לײדער נישט די אייגענע אַרבעט צו דעם לאַקאָניש־קינסטלערישן ווערט פון אַן עסיי, וואָס פונקציאָנירט אין אַלע ליטעראַטורן ווי אַ זעלבשטענדיקע פאָרם פון אויסדרוק.

פאָליק זאָלף, אין זיין באַשיידענער „הקדמה" צו זיין ספר שרייבט: „...דער אָפּקלייב פון די דאָזיקע עסייען איז אַ צופעליקער". וויל איך דאָ מוסיף זיין: די „עסייען" פון ספר „אונדזער קולטור המשך" זענען צופעליק נישט נאָר אין אָפּקלייב און אין צוזאַמענשטעל, נאָר דער

עיקרשט טאַקע אין זייער פּאָרטראַכטקייט און אויך אין זייער אויספּיר.

דער אַריינפּיר, למשל, איז זייער קאָרעקט, כמעט וויסנשאַפטלעך פּאָרטראַכט און באַגרינדעט. ער איז אויך באַאַרבעט און דורכגעפירט געוואָרן אין אַ זעלטן פיינעם לשון. די אַפּוועזנהייט אָבער פון אַן אייגענעם געדאַנק, אַן דעם שמץ און עודף פון אַן אייגענער וויזיע, רעדוצירט די גאַנצע איינגעגעבענע אַרבעט — רעטאָריש — צו אַן אָביעקטיוון געשיכטלעכן איבערבליק (לייען: באַריכט) איבער דעם „געשיכטלעכן גאַנג פון אונדזער „אַלט־נייער ליטעראַטור".

צו שרייבן היינט ביי יידן איבער י. ל. פּרץ צי ח. נ. ביאַליק, למשל, ווי זאָלף טוט עס, איז נישט גענוג איבערצושרייבן גרעסערע אויסצוגן פון זייערער אַרבעטן און קומען צו אַלגעמיין באַקאַנטע שלוסן און איינדרוקן פון זייערע ראָלן אין אונדזער ליטעראַטור. נאָר מען מוז אַליין עפּעס מוסיף זיין.

פּאַליק זאָלפן איז אַבסאָלוט פרעמד דער סוד הצימצום און עס נעמט אים זייער לאַנג, למשל, זיך צו דערשלאָגן צו דעם שמץ פון אַ געדאַנק אין זיין אַרבעט איבער אברהם רייזען, אַז „...יעדעס ליד זיינס איז אַן אויסגעזונגענע דערציילונג, ווי יעדע דערציילונג זיינע איז אַ שיין געזאַנג..."

אַלע „עסייען" זיינע, אַן אויסנאַם, זענען פריער גערעדט געוואָרן, אָדער צו שלושים, אָדער — להבדיל החיים מן המוות, — ביי יובל געלעגנהייטן.

איצט זענען די אַלע „עסייען" איינגעזאַמלט געוואָרן אין אַ ספר און — ווי געזאָגט — פון דעם מחבר קלאַסיפיצירט געוואָרן ווי עסייען.

און כאָטש די „עסייען" זאָלפס זענען געשריבן געוואָרן אין אַ לויטערן יידיש אָן פּגימות, און דינען זיכער אַ גוטן צוועק: אינפאָרמירן דעם נישט אינפאָרמירטן לייענער מיט תוך־ווערטן אין אונדזער קולטור־המשך, איז אָבער מיין איינדרוק, אַז די אַלע זאַכן, וואָס קומען אריין אין דעם אַלצאיינס ווערטפולן בוך פון פּאַליק זאָלף, זענען נישט קיין עסייען אין דערמאָנטן און אָנגענומענעם זין פון וואָרט, נאָר מאמרים,

לעקציעס צי רעפּעראַטן פון אַ דורכאויס קוואליפיצירטן לערער, וואָס באַהערשט זיין טעמאַטיק און גיט זי איבער, — ווי פריער זיינע צוהערער — די איצטיקע לייענער זיינע, אַזוי קאָרעקט ווי מעגלעך, אָן דעם עודף פון אַן אויסגעשפּראָכענעם און דערפאַרענעם עסייאיסט, אָן דעם אויפבליץ פון אַן אייגענעם רעיון און וויזיע.

צוליב דעם האַלט איך, אַז דער לערער אין פאָליק זאָלף באַהערשט דעם שרייבער אין אים, וואָס פירט מיט זיין שרייבן אַלצאיינס אַדורך אַ דאַנקבאַרע פונקציע: די פונקציע פון אַ לערער אויך אין שרייבן.

ז

אין דער מלוכה פון וואָרט

די וועלט און דו —

די וועלט איז אַן אָפּענע טיר, וואָס אויב דו טרעטסט נאָר איר שוועל אַריבער, פאַרמאַכט זי זיך באַלד הינטער דיר.

די וועלט נעמט דיך אויף ווי אַ געווינטשטן גאַסט, באַדינט דיך מיט דעם רייץ פון איר גאַרער שיינקייט און רופט אין דיר נישט אַרויס דעם מינדסטן חשד, אַז דו פאַלסט איר צו לאַסט.

און וואָס דו גאַרסט נאָר קענסטו טון מיט זיך און אויך מיט איר — דער וועלט.

די טיר, וואָס האָט זיך ערשט פאַר דיר געעפנט, פאַרשליגגט דיך, און זי אַליין — די וועלט — פאַרכאַפּט דיך ממש מיט איר גרענעצלאָזער שיינקייט.

דו גייסט אין איר אַרום אַ פאַרגאַפטער און דו זעטיקסט זיך מיט אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט.

מיט דעם כוח פון דיין גייסט באַהערשסטו זי — די וועלט.

און וואָס דו גאַרסט דערגרייכסטו מיט דיין מי און מיט דיין שכל.

אין דיין געיעג נאָך דעם, וואָס דיר דוכט זיך, אַז ס'איז גליק, פאַלט דיר קיין זאַך נישט צו שווער, ביז — ביז דו מידסט זיך אַיין...

דיינע כוחות שעפּן זיך אויס, פאַרלאָזן דיך בהדרגה'דיק...

און אומגעריכט פאַר זיך אַליין גייסטו אין דער וועלט פאַרלוירן... אָט — ווי דו וואָלסט אין איר גאָר קיינמאָל נישט געווען...

בוך

דאָס בוך איז דער האַנט פֿון אַ שעפֿערישן לייענער, אַ לייענער, וואָס לאָזט זיך באַהערשן פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן בוך צו אַזאַ גראַד און מדרגה, אַז זיין אייגענער איך טרעט אָפּ אין שאָטן און די אילוזיע, וואָס דאָס בוך רופֿט אַרויס אין זיין באַוווסטזיין, פֿילט אויס זיין גאַנצע מענ־טאַליטעט — אָטעמט מיט דעם אַראָמאַט און שיינקייט פֿון אַ צאַרטער בלום אין דער האַנט פֿון דעם לייענער.

דאָס בוך, וואָס האָט זיך אויסגעפֿאַרמירט אין דעם באַוווסטזיין, עכטקייט פֿון דעם האַרץ און דעם געוויסן פֿון אַ דיכטער פֿון דער וואָרט־קונסט, פּרעדיקט נישט קיין אידעען, נאָר איז דער אויסדרוק פֿון אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט און דינט ווי אַ צוגאָב צו דער מעשה בראשית, אין דעם אויסלייג פֿון אַ שיינקייט אין דער שפּראַך פֿון אַ יליד אישה, וואָס ווייסט ווי צו פֿאַר׳פּנימען זיין געפֿיל און מחשבה.

דאָס בוך איז די זריעה פֿון לעבן, וואָס יערט אין דער אילוזיע פֿון דעם לייענער מיט דער דינאַמיק פֿון די פֿאַרשידנאַרטיקסטע וויטאַמינען, וואָס זענען גורם די אַנטפּלעקונג פֿון אַ סך וועלטן, וואָס כאָטש זיי לאָזן זיך נישט מיט די הענט באַרירן, רעדן זיי און וועקן אין דיר די זעונגען פֿון דעם דיכטער מיט דעם רייץ פֿון אַ לעבן, וואָס רעדט צו דיין האַרץ און פֿאַרכאַפּט דיין נשמה.

וועגן לייענען

ביים לייענען אַ בוך ווערן דיינע חושים אַזוי אַקטיוויזירט עמאָצי־יאָנעל, אַז דו ווייסט צומאָל אַליין נישט, ווען־און־ווי־אַזוי דו ווערסט פּלוצים דערהויבן צו דער מענטאַליטעט פון אַ שעפערישער פּערזענלעכ־קייט, דו ביסט זיך משתתף צו דער יצירה פון אַ דיכטער פון דער וואָרט־קונסט, וואָס איז בכוח דיך אַריינצופלאַנצן אין דער סביבה פון זיין באַשאַפענער וועלט פון זעונגען אין איין אויגנבליק, אַ דאַנק דעם כח, רייץ און אָנרעג פון זיין וואָרט, וואָס איז בכוח צו פאַר־טונקלען די פאַקטישע אומגעבונג, אין וועלכער דו געפינסט זיך ביים לייענען אַ בוך.

דער כח פון וואָרט, די מתנה פון גאָט — איז, ווי דער כח פון דער יצירה אין דער האַנט פון דעם באַשעפער — וואָס דער דיכטער וויל — דאָס טוט ער דערמיט.

וויל ער — פילט ער עס אָן מיט דער גאָרער פרייד פון לעבן וואָס איז אַלעמאָל דינאַמיש אין זיין פאַרנעם; זינפול, רייך, קאָלירפול און איבערגעלאָדן מיט אינהאַלט, אַזש ביז צום פּלאַצן...

וויל ער ווידער זיין אַנדערש — עס געווענדט זיך נישט דווקא אין זיין שטימונג, נאָר דער עיקרשט אין דער עכטקייט פון דער איבער־לעבונג פון דער זעונג זיינער — צינדט ער עס אָן מיט דער גאָרער טראַגיק פון הבל הבלים, וואָס נידערט דעם הימל אַראָפּ צו דער ערד, לייזט זיי ביידע אויף און צעשטויבט זיי צוזאַמען מיט דעם מענטש, וואָס איז באַשאַפן אין דער געשטאַלט פון גאָט.

לייענען אַ בוך מיינט: זיין באַהערשט פון אַ טאַלאַנט זיך צו קענען איינלעבן אין יענעמס וועלט ביז צום פאַרגעסן זיך — בשעת דעם לייענען — אָן זיך גופא.

י. בראָנשטיין

צו זיין אַ גוטער לייענער מיינט: זיך קענען אויסטאָן פון זיך אַליין און זיך הארמאָניש צענויפגיסן מיט דער באַשאַפענער זעונג פון דעם דיכטער אין דעם לבוש פון זיין וואָרט, וואָס נעמט ביי אים אָן די פאָרם פון קונסט.

דיכטער, ליד און לייענער

צווישן דעם דיכטער און זיין ליד טאָגט־אויף דער לייענער, ווי אַ זעלבשטענדיקער און אייגנאַרטיקער אָביעקט, וואָס לאָזט זיך באַווירקן פון ביידע.

דער לייענער האָט פונדעסטוועגן דעם כח צו גיין ווייטער־און־אַליין, מיט דעם רייץ און מיט דעם אימפּעט פון אַ פייער, נאָך דעם ווי עס האָט זיך צעפלאַקערט ביי דעם אומגעריכטן אויפהעל פון אַ בלויזן פונק, וואָס בלענדט מיט דער זעונג פון שיינקייט ביז גאַפונג, אין דעם גאַרן אויפלייז פון דער אייגענער דיספּאָזיציע אין לעבן, אין אָט דער באַטרעפנדיקער מינוט פון דערהויבונג.

ווער איז אַ דיכטער און וואָס איז אַ ליד?

אַ דיכטער איז דער, וואָס פיבערט מיט די אייגנשאַפטן פון יצירה, וואָס דריקן זיך אויס אין שעפּערישע מעשים.

ליד מיינט: אַ שעפּערישער אַקט מצד אַ מענטשן, אין דער קרוינונג און אין דער פאַרקערפּערונג פון אַ באַשאַפענעם קולטור־עסטעטישן ווערט פון עפּעס וואָס איז אַ יש, און איז בכח צו אילומינירן דעם געמיט און דעם באַוווסטזיין פון דעם געניסער פון דעם ליד, נישט נאָר אין דעם אויפזונג פון ווערטער אין אַ ריטמישער שפּראַך, נאָר אויך אין דער דינאַמיק פון מוזיק, פלאַסטיק פון מאַלעריי, סקולפּטור און אַפילו אויך אין דעם מויל פון דעם אָראַטאָר, וואָס איז בכח צו טראַנספאָרמירן אַ גלייכגילטיקן און פאַסיוון צוהערער אין אַ מיט־געריסענעם און באַגייסטערטן אויפנעמער און געניסער פון זיין קונסט פון ריידן.

אין אונדזער פאַל, אין דער ליטעראַטור — מיינט ליד: דער אויפזונג פון געפיל־און־געדאַנק אין אַ ריטמישן אָפּקלייב פון ווערטער אין

פּערזן, וואָס רופן אַרויס די אילוזיע פון אַ זעונג אין בילדער, וואָס באַווירקן דעם לייענער און דערהויבן אים צו דער מדרגה פון האָבן דעם באַוווסטזיין פון אַן עסטעטישער איבערלעבונג, וואָס דערהויבט און דערפירט אים צו דער מדרגה פון התפשטות הגשמיות.

שראַבער, שרייבער און שריפטשטעלער

(עסיי)

די דרויסנדיקע וועלט מיט אַלע אירע שיינקייטן האָט אויף אַזוי פיל אַ ווערט פאַר אונדז, אויף וויפיל דער מענטש איז בכח זי אויפ־צונעמען מיט אַלע זיינע חושים און פּאָטענצן, זי אָפּשפּיגלען אין זיין געמיט מיט די געבענטשטע מיטלען, וואָס ער האָט אין זיך אַנטוויקלט אין לויף פון יאָרן, ווי אַ צוגאָב צו דער אינערלעכער שיינקייט און רייץ פון זיין אייגענעם נשמה־לעבן, וואָס ער פאַרזונט און צעליכטיקט אין די דערגרייכונגען פון זיינע מעשים.

דער צוגענגלעכסטער מיטל צו באַנעמען די וועלט, איר קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין און פאַר יעדן אַנדערן מיט־מענטש, איז אָן יעדן ספק די שפּראַך פון אונדזער מויל.

שפּראַך ווידער — וועלכע שפּראַך אין דער וועלט עס זאָל נישט זיין — איז אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, ווי עס איז אַלץ אין דער אָרגאַנישער וועלט, דער מענטש בתוכם.

אונדזער יידיש לשון פון היינט קען, מעג זיין און איז אפשר טאַקע ענלעך צו דעם יידיש־לשון פון אַמאָל. ענלעך — טאַקע יאָ, זיכער אָבער איז, אַז אונדזער יידיש־לשון פון היינט איז אויף אַזויפיל געאַנדערשט און באַנייט, אַז זי איז אַ דורכאויס נייע שפּראַך מיט אַ דורכאויס נייער און אייגנאַרטיקער וואָרט־ווירטשאַפט, אַ דאַנק איר אַנטוויקלונג און מיטגיין מיט דעם יידישן מענטש אין זיין גאַרער צעשפּרייטקייט און אַנטוויקלונג ווי אַ ייד און ווי אַ מענטש, אין זיין גאַנג באַרג־אַרויף צו די דערגרייכונגען פון אונדזער קולטור און ציוויליזאַציע.

דאָס וואָרט אין דעם מויל פון אַ מענטש האָט דעריבער בלויז דאָן אַ ווערט, ווען עס קאָן אָנרופן זאַכן און געשעענישן מיט אַ נאָמען וואָס

איז קאָנקרעט, אָן דעם ווילדגראָז, צומיש פון אַנדערע ווערטער, וואָס האָבן נישט קיין שייכות צו דעם עיקר.

אין דעם צוזאַמענפּאַר פון ווערטער אויף אַ קלאָרן, קאָרעקטן און פאַרשטענדלעכן אופן, וואָרצלט דעריבער די קונסט פון אויסדרוק.

דער וואָס טוט עס אין שריפט, איז דעריבער אַ שרייבער.

צו זיין א שרייבער פון ווערק אין שריפט מוז מען באהערשן די שפּראַך אין וועלכער מען שרייבט, אין פולן הסכם מיט דער צייט, אין וועלכער דער באַטרעפנדיקער שרייבער לעבט און וויל גלייכצייטיק אויס־איבן אַן איינפלוס אויף דעם לייענער און אויף דער ליטעראַטור אין וועלכער ער שאַפט, צי וויל שאַפן.

לויט מיין אָפּשאַצונג, זענען פאַראַן דריי טיפּן שרייבער פון פאַר־שידענע קאַטעגאָריעס און מדרגות.

דער ערשטער איז א שראַבער מיט א פּתח, וואָס איז געקומען צו זיין משטיינס געזאָגטער מדרגה פון האָבן געוועזן און פאַרבליבן אַ שראַ־בער מיט אַ פּתח בלויז אַ דאנק זיין באַציאונג פון קנאה צו די מיט־מענטשן פון זיין דור, אָפט אפילו פון דעם זעלבן עלטער — מיט נייגונגען צו שעפערישער עבודה, אָן דעם אייגענעם אויפבליק־און־אויפפלאַם פון א פּאָטענציעלער פּערזענלעכקייט.

— מיט וואָס, — טראַכט ער זיך — איז פלוני בן פלוני בעסער פון מיר, אַז מיר קומען ס״ה פון איין־און־דערזעלבער סביבה, געוואָקסן און זיך דערצויגן צוזאַמען און זענען אפילו פער־דו איינער מיט דעם אַנדערן.

איז כאָטש דאָס געזאָגטע פאַלט צענויף מיט דעם אמת און היג־טערגרונט פון זייער בשותפותדיקן אויפקום, פון זייער בראשית, פאַרגעסט אָבער דער שראַבער מיט אַ פּתח איינגאַנצן דעם תהום פון וויסן און אומוויסן, פּאָטענץ, אימפּאָטענץ און אָפּגעשטאַנענקייט, וואָס האָט זיך צווישן אים און דעם שרייבער אָן אַ פּתח אַוועקגעשטעלט אין לויף פון יאָרן. דעם ערשטן — פאַרוואָרלאָזט; דעם צוויטן — קולטיווירט און דערהויבן צו זיין אַ שרייבער.

זיין אַנהויב האָט דער שראַבער מיט אַ פּתח געווינלעך געמאַכט

מיט בריוו אין רעדאַקציעס, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די מענטאַליטעט פון אַ מינדעריעריקן, וואָס קען נישט פאַרבינדן אַן אָנהויב מיט אַ סוף, אַרויסבריינגען אַ געדאַנק דורך דער פאַרבינדונג פון אַ מינימום ווערטער, אין דעם כאַאָטישן אָנוואַרף פון אַן אומקלאָרן געדאַנק אין דעם אויסלייג פון איין (1) פּאַראַגראַף, אַן דער געהעריקער חשיבות און דרך ארץ פאַר דעם אינסטרומענט, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך — די שפּראַך אין וועלכער ער שרײַבט.

און כאָטש דער באַטרעפנדיקער שרײַבער מיט אַ פּתח האָט אין אַ סך פאַלן זײַנע גראַפאָמאַנישע אַמביציעס נישט זעלטן פאַרקערפּערט אַפילו אין אַ בוך, איז ער פונדעסטוועגן, צוליב זײַן אומבאַהאָלפנקייט, אומוויסן און אָפּגעשטאַנענקייט אין זין פון שפּראַך־קענטעניש און אייגנאַרטיקער קאָמ־פּאָזיציע, געווען־און־פאַרבליבן אַ שרײַבער מיט אַ פּתח, וואָס קען נישט און וועט קיינמאָל נישט שפּילן קיין ראָל אין דעם גאַנג און אַנטוויקלונג פון אונדזער ליטעראַטור.

דער צווייטער טיפּ פון אַ שרײַבער איז דער, וואָס איז דורכאויס באַוווסטזיניק איבער אַלע זײַנע טויגנעו, אָפּט אַפילו איבערבאַוווסטזיניק און היפּשלעך איבפאָרמירט בנוגע פאָרם און אינהאַלט, דער עיקרשט — שפּראַך, אין שייכות מיט ליטעראַטור־ווערטן.

זײַן עקשנות און אינטענסיווער אָנשטרענג צו ווערן זײַן אַ שרײַבער און אַפילו ווערן אַריבעריאָגען די וויכטיקסטע און פּאָפּולערסטע שרײַבער פון ז ײַ ן צייט און ז ײַ ן דור, פירן אים אָפּט צו עפנטלעכע צוזאַמענ־שטויסן מיט די בעסערע און בעסטע פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור פון זײַן צייט.

דער אָ טיפּ שרײַבער אָן אַ פּתח שפּילט שוין טיילווייז יאָ אַ ראָל אין דער ליטעראַטור, צוליב זײַן פליס, וויסן און פעאיקייטן צו קענען עקספּלואַטירן און אַריינברענגען די בעסטע פאָרמען אין דער ליטעראַטור, פון די פּרימיטיווסטע ביז די סאַמע מאָדערנסטע און נײַסטע, — און מיט זיי סטימולירן, באַלעבן און באַנײַען אונדזער אינטערעס צו דער ליטעראַטור בכלל, וואָס ער באַווירקט מיט דעם אימ־פּולסיוון כח פון זײַנע אַמביציעס, וואָס זענען אָבער לײַדער

גלייכצייטיק — נישט זעלטן — באַגרענעצט בלויז אויף אַריינברענגען נייע פאָרמען אין דער ליטעראַטור, אָן דער ראָזשענקע פון אייגענעם אינטואיטיון צושטייער צו דעם אוצר פון אָריגינעלע, שעפערישע ווערק.

דער דריטער טיפּ שרייבער איז שוין אַ שריפטשטעלער מיט וויזיע און פאַרנעם, אין פולסטן זין פון וואָרט, מיט גרעסער אחריות און געוויסנהאַפטן איינשטעל פאַר זיין וואָרט, וואָס ער בלוטיקט אויס פון דער טיפעניש פון זיין האַרץ אויף דער פּאַן פון אַ גורל וואָס באַצוועקט: ממשיך צו זיין דעם פאָדעם פון דורות און דינען ווי אַ בריק און סינטעז פון דעם נעכטן און דעם מאָרגן אין דער ליטעראַטור, וואָס שליסט אגב איין אַלע פאַזן פון דעם לעבן פון פאָלק, אין זיין בענקשאַפט נאָך דערלייזונג, יושר און גרעסער שיינקייט.

דער שריפטשטעלער שטעלט מיט זיך פאַר אַ דינאַמישע פערזענלעכקייט, וואָס שאַפט אונטער דעם באַטירלעכן דרוק פון אַן אויסגעשפּראָכענעם באַרוף, און פירט אויס די התחייבות פון אַ שותף צו דער מעשה בראשית, וואָס איז אין זיך כולל אַלע שיינקייטן פון דער גרעסער וועלט מיט דעם מענטש בראש.

דער שריפטשטעלער דינט אונדז דאָ דעריבער ווי דער סינטעז פון שראַבער און שרייבער, עסענץ און קרוינונג פון דעם וואָרט, אין דעם מויל און אין דער וויזיע פון דעם מענטש, וואָס איז באַשאַפן אין דער געשטאַלט פון גאָט.

ליד

דאָס געלייענטע ליד אין דרוק פון אַ צווייטן מענטש — אַ דיכטער, באַדאַרף נישט און מוז אויך נישט אַלעמאָל זיין **דער** אויסדרוק פון יענעם ליד, וואָס דו גאַרסט אין דיין בענקשאַפט נאָך דער שיינקייט פון דער וועלט, וואָס טאָגט־אויף — עמאָציאָנעל — אין דעם געזאַנג פון **דיין** האַרץ און **דיין** נשמה.

עס טרעפט למשל אָפט, ווען דו ביסט אַליין, אַפילו אין דער געזעל־שאַפט פון אַנדערע מענטשן — דערשפּירסטו אַ געזאַנג אין־און־אַרום זיך, וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַר דיר מיט דער מאַגיק פון אַן אומגעריכטן וווּנדער, וואָס דו קענסט אַפילו נישט אָנרופן מיט אַ נאָמען.

דו זיצסט, לאָמיר זאָגן, ביים ברעג פון ים, וואָס כישופט מיט זיין אומרו, אונטער דעם צודעק פון אַ קאָלירלאָזן הימל.

דאָס וואַסער כוואַליעט זיך בנעימותדיק און שוימט מיט דעם ריטם פון אַ לשון, וואָס איז דיר נישט קלאָר און באַרויקט דאָך דיין געמיט.

אַ לייכט ווינטל יאָגט זיך אימפּעטיק און שפּילעוודיק אַרום, אָט — ווי אַ רואה ואינו נראה איבער דעם זאַמד, לאָזט איבער הינטער זיך אַ צעבערגלט געשריפט, וואָס קומט־און־פאַרשווינדט אין איין און דער זעלבער רגע, מיט דעם ווינט צוזאַמען.

אין אַ ווינקל אויף דעם זאַמד זויגט אַ יונגע מאַמע אָן איר זויגלינג, אַ וואַכעדיק קינד, צו דער גאָרער פרייד פון דער יצירה, וואָס רעדט צו דיר דאָ אָן רייד און זינגט שירה צו אַלץ וואָס לעבט און וואָס שאַפט.

אויף אַ שטח פון זאַמד, וואָס גיסט זיך צנויף מיט דער אומענדלעכקייט ביי די ראַנדן פון די בערג, וואָס בלויען־אויף העט הויך און ווייט, שרייבן ים־פייגל לידער, מיט צאַרטע, דין־איידעלע פיס, און זינגען מיט התלהבות אַ שבח צו גאָט.

פלוצים, אַזוי אומגעריכט, ווערט דיר עפּעס וואָרעם און גוט, ליב און אַנגענעם דאָ צו זיין.

דו געפינסט זיך, צו דיין אייגענער איבעראַשונג, אין אַ זעלטן צעלויכ־טענעם דרויסן ביים ים.

דער הימל פאַרבט אַליין זיך איבער אין אַ זוניקן בלוי, וואָס גיסט זיך האַרמאָניש צענויף מיט דעם בלוי פון אַ צעזונגענעם ים, וואָס אַנט־פּלעקט זיך פאַר דיר מיט דעם רייץ פון אַ ליד, וואָס זינגט־אויף אין דיר אַליין, אָן ווערטער — דער חלום פון ליד אין דעם באַשאַף פון גאָט, דעם מענטש.

דאָס איז ליד.

ספר און בוך

אויב די בכורה — אַ פּאַרהייליקטער באַגריף און טראַדיציע ביי ייִדן — מיינט נאָך ביי אונדז עפּעס אין דער וואָך פון אונדזער לעבן, געהערט זי אָן יעדן ספק אונדזער ספר און זיכער נישט אונדזער בוך.

אין די היימישע הייזער פון אונדזערע אבות, אין די אַמאָליקע שטעט־לעך אונדזערע, וואָס לעבן שוין ליידער בלויז ווי אַ געדעכעניש אין אונדזער מאָדערנער תורה שבכתב — אונדזער ליטעראַטור, און מעקן זיך ביסלעכווייז אויס אין דער זעונג פון אונדזער זכרון, האָט דער ספר ביי אונדז פאַרנומען דעם אויבנאָן פון אונדזער סביבה און מענטאַליטעט, און כמעט טעגלעך דורכגעפירט אַ הייליקע פונקציע — די פונקציע פון אַ לערער־און־וועגווייזער אין דעם שווערן לעבן אונדזערן, אין אַלע אונדזערע גלותן.

ווען דאָס מאָדערנע בוך האָט זיך באַוויזן אין אונדזערע גבולן, אַ דאַנק דעם אויפהעל פון די גייסטע שטרעמונגען אין דעם לעבן פון אונדזער היינטצייטיקער קולטור און ציוויליזאַציע, און דער לעבנס־שטייגער אונדזערער האָט זיך גענומען וואַקלען, ענדערן און בייטן זיך, האָט עס, דאָס בוך, מיטאַמאָל זיך פאַרמאָסטן קעגן אונדזער פאַרהייליקטן ספר אונטער דעם אויסרייד פון השכלה.

דער ספר אונדזערער, מיט דעם יחוס פון דורותדיקן דויער, האָט זיך נישט געוואָרט. מיט דעם כוח פון פאַרטיפטער חכמה, הלכה — דער קען־צייכן פון זיין עקשנות, וואָס איז אייביק ווי אונדזער ספר הספרים, האָט ער אַלצאיינס אָנגעהאַלטן זיין יחוסדיקן איינפלוס אויף אונדז און דעם בוך גופא צו אַזאַ מדרגה, אַז ביז היינט צו טאָג פאַרנעמט ער ביי אונדז דעם אויבנאָן מיט זיינע הויך־עטישע ווערטן, אין קעגנזאַץ צו אונדזער בוך, וואָס שטראַלט פון זיך אַרויס דורכאויס עסטעטישע ווערטן.

י. בראָנשטיין

דער ספר באַהערשט נאָך אַלץ אונדזער מענטאַליטעט און טראָגט שטאָלץ אויף זיך די קרוין פון דער בכורה און דעם יחוס פון דורות, וואָס לערנט אונדז צו לעבן אין הסכם פון זיינע עטישע פּרינציפּן: אמת, יושר און שיינקייט.

דער לאָמפּ

דער לאָמפּ איז אַ טרייסט אין דעם חושך פון דער נאַכט.

דו ליגסט אין בעט אין חושך איינגעטונקען, ווי אין קאַשמאַר. מיט־אַמאָל העלט־אויף די זעונג פון אַ ווייטן חלום און עס וועקט דיך דיין אומרו פון טיפן שלאָף.

עס שטרעקט זיך דיין האַנט ווי אין חלום און דו געפינסט דעם לאָמפּ.

דו געפינסט זיך באַלד אין אַ נעץ פון ליכט וואָס צעהעלט דיין געמיט.

און דיין לעבן זינגט אויף אין דעם חושך פון דער נאַכט.

מדבר

א

דער מענטש, וואָס לעבט אין מדבר, איז ווייט פון מענטשן און נאָענט צו גאָט.

ביי דעם באַלדיקן באַריר מיט דעם מדבר וואַרפסטו פון זיך אַרונטער די בושה ווי אַן אָפּגעטראָגענעם מלבוש, און דער אמת פון דיין לעבן בלייבט נאַקעט אין דעם אַנגעזיכט פון דעם מדבר.

דיין מעדיום פון רעדן און פון תפילה נעמט אָן די פאָרם פון שווייגן.

דער דאָרנבוש, הימל און ערד, זאַמד און שטערן, באַרג און טאָל זענען די חברים דיינע.

דאָס שווייגן האַלט אייך צוזאַמען.

דו געטרויסט זיי דיין האַרץ.

דו געפינסט זיך אין זיי און זיי — אין דיר.

די טעג זענען פולע.

די נעכט זענען פולע.

דו פירסט נישט קיין חשבון פון דער צייט און דו ווייסט צומאָל נישט, וואָס פאַר אַ טאָג עס איז. דער נעכטן פאַרברידערט זיך צום היינט און דער היינט צו דעם מאָרגן אויף איין און דעמזעלבן אופן: שווייגן.

די גרענעץ צווישן דעם נעכטן, היינט און מאָרגן ווערט דאָ אויסגעמעקט פון דיין זכרון, און דו ווערסט אַ טייל פון דעם דומם — מדבר.

בייטאָג ביסטו אַ זון אַ קליינע, וואָס פיבערט מיט היץ.

ביינאַכט ביסטו אַ שטערן, איינער פון אַ סך וואָס בלענדעט מיט דעם רייץ פון שיינקייט, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און האָט נישט קיין סוף.

דיין ברודער — דער ווינט — רייסט דיך מיט מיט זיין אימפעט, וואָס באַרוישט דיין געמיט.

ביינאַכט ביסטו שיכור פון דער שײנקייט פון דער נאַכט, וואָס חלומט דיך אַריין אין דער זעונג פון אחרית הימים.

די לבנה פּירט דיך ווי אַ קינד ביי דער האַנט, וואָס פרייט זיך מיט עפּעס און ווייסט נישט מיט וואָס... דו הערסט זיך צו צו אירע מעשׂיות און דו באַמערקסט נישט ווי זי מאַכט דיר צו די אויגן מיט אַ מילך־קוש.

דער באַגינען קושט דיר דײַנע אויגן אויף, גאָלדיקט דיין קאָפּ דיר אַריין אין אַ נעץ פון זון, וואָס צערטלט דיך און וואַרעמט דיך מיט דער ליבשאַפט פון אַ געטרייער און גוטער מאַמע, וואָס פליסטערט דיר אַן רייד אין פּנים אַריין:

— — — גוט מאָרגן דיר מיין קינד.

ב

וואָס טיפער און ווייטער די ציוויליזאַציע דרינגט אַריין אין דעם מדבר, אַלץ גרעסער און טיפער ווערט די השפּעה פון דעם מדבר אויף דעם געמיט פון דעם מענטש.

און כאָטש דער מענטש פון היינט איז מער געוואָגט און אַגרעסיוו פון דעם מענטש פון אַמאָל, ווערט ער פונדעסטוועגן אָפט מבולבל קעגן דער סטיכיע פון דעם מדבר. צוליב דעם לאָזט ער אָפּט איבער זיין עשירות אויף גאָטס באַראָט און אַנטלויפט — צוליב זיין פּחדנות! — ווו די אויגן טראָגן אים, און ער באַהאַלט זיך אויס פון דער מוראדיקער היץ, מיט וועלכער דער מדבר שלאָגט אים יאָר איין, יאָר אויס, ביי טאָג, נישט זעלטן אויך — ביינאַכט.

אין זיין באַמיאונג צו באַקעמפן און אויך באַהערשן דעם מדבר האָט דער מענטש איינגעשפּאַנט די ציוויליזאַציע אין דינסט פון זיינע צוועקן. ווי אַ יוסטער באַלעבאָס האָט ער זיך צעשפּרייט איבער דעם גאַנץ מדבר און זיין רחבות, אָפּראַמענדיק פון וועג דעם דאָרנבוש, קאַקטוס און שטיין, ביז צו די ראַנדן פון די ריזיקע בערג, וואָס פאַרנעמען אַלץ און שווייגן.

דאָ אָבער, ביי די ראַנדן פון די בערג אין מדבר, איז ער כמעט

ווי געבליבן שטיין, נישט געוואָגט צו גיין צו הויך, אָט — ווי ער וואָלט מיטאַמאָל זיך דערשראָקן פאַר זיין קאָלאָס.

און דאָרט אפילו, ווו ער האָט דעם זאַמדיקן און שטייניקן באָדן אָפּגערייניקט און פאַרבויט, מיט דער הילף פון דער מאָדערנסטער טעכ־ניק, וואָס זיין געניוס דער דערפינדערישער האָט גורם געווען, איז ער פונדעסטוועגן נישט וואַך געגנוג. פולשטענדיק און אויך פערמאַנענט צו באַהערשן דעם מדבר. טרעפט דעריבער אָפט, אַז ביים באַזייטיקן אַ קאַקטוס צי אַ דאָרנבוש אויף איין אָרט, וואַקסן באַלד אַרויס צען אַנדערע אויף אַן אַנדער אָרט.

וואָס דער מענטש פאַרזייט אין האַרבסט, פאַרברענט דער מדבר אין זומער, ווען ער זוכט זיינע תענוגים ביי די ים־ברעגן, טייכן און אין שאָטן פון בוימער, ווייט און הויך אין דער הויכקייט פון די בערג.

וועגן דעם דיכטער ז. ווײַנפּער

בײַ דעם אָנגעזיכט פון טויט פּאַלן אַוועק אַלע מחיצות צווישן מענטש און מענטש.

מיספאַרשטענדענישן מוזן און זאָלן ווערן אויפגעקלערט, אויסגעקלאָרט און אָפּגעווישט. צום פאָדערגרונט פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט דאַרף מען אַרויספירן בלויז די חשיבות, גאַנצקייט, עטישקייט און די אָנזעעוודיקייט פון דער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט דאָמינירט דאָס לעבן און די מענטאַליטעט פון דעם שעפערישן מענטש, וואָס איז אומגעריכט, צו אונדזער אַלעמענס ווייטיק, צער און פאַרדרוס, מיטאַמאָל איבערגעריסן געוואָרן.

דער נישט-לאַנג פאַרשטאָרבענער דיכטער ווײַנפּער איז, לויט מײַן אָפּשאַצונג, געווען און פאַרבליבן בלויז און אויסשליסלעך אַ שעפערישער מענטש, קאַלירפולער שריפטשטעלער און דיכטער, מיט אחריות פאַר זײַן וואָרט.

זײַן חבר׳שאַפט און גאַטירלעכע גוטסקייט אין זײַן פּריוואַטן לעבן האָבן איבערגעלאָזט זייערע קענטיקע סימנים אין אַלע פאַזן און פאָרמען פון זײַן שרײַבערישער קונסט, מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט.

אַ פּאָר וואָכן, פאַר זײַן אומגעריכטער פּטירה, איז מיר אויסגעקומען אים שרײַבן א בריוו, אין וועלכן איך האָב אויסגעדריקט און באַטאָנט מײַן באַוווּנדערונג פאַר זײַן אַקט פון חסד של אמת, אין זײַנער אַ נאָטיץ אין דעם דעצעמבער נומער „יידישע קולטור״, אין זײַן ווינקל א. נ. „ביכער און מענטשן״, איבער אַ פאַרווינקלטן, טאָטאַל-פאַרשוויגענעם שרײַבער בײַ יידן — דוד קאַזאַנסקי, וועמענס אַ בוך ער האָט צופעליק געפונען אין קליוולאַנד, אין אַ פּריוואַטער ביבליאָטעק, באַלד אים גענומען לייענען און, ווי אַן אמת׳ער מאמין (ווי ער איז עס אַלעמאָל געווען און פאַרבליבן!) אין דעם כח פון אונדזער יידיש לשון, נישט

דערלאָזט אין זיך צערונען און פאַרלוירן גיין זיין באַגייסטערונג און עס הויך אויסגעזונגען און פראָקלאַמירט פאַר אונדזער לייענערשאַפט ווי „אַ פרעכטיק און קרעפטיק בוך".

באַלד נאָך דעם ווי איך האָב איבערגעלייענט אַט די באַשיידענע נאָטיץ, וואָס וואַרפט אַ העל ליכט אויף ווײַנפערס פּערזענלעכקייט ווי אַ דיכטער מיט אחריות, האָב איך ווײַנפערן געשריבן, — און איך ווידער־האָל עס דאָ ווידער — אַז איך באַטראַכט עס ווי אַן אַקט פון קדושה אַרויסצונעמען אַ בוך פון אַ פאַרשטויבטער פּאָליצע, פון אַ שוכן עפר און פאַרשוויגענעם שרייבער דערצו, און רעקלאַמירן ווי „אַ פרעכטיק און קרעפטיק בוך".

אין אַט דער אגב אורחא׳דיקער האַנדלונג זײַנער ליגט פאַרהוילן דאָס גאָלדענע שליסעלע צו דעם האַרץ און דער נשמה פון דעם דיכטער זישע ווײַנפער, וואָס איז נישט נאָר נישט געווען גלייכגילטיק צו דעם גורל פון אַ צווייטן דיכטער, נאָר ער האָט אַבסאָלוט פאַרמאָגט אַ וואַך אויג און גוט האַרץ פאַר אַלץ און פאַר יעדן, וואָס איז שעפעריש אַקטיוו און נוצלעך פאַר די קולטור־ווערטן פון אונדזער פאָלק.

מיט זיין גאַנצער פּאַרטייאישקייט און איינזייטיקייט, ווי דער אַק־טיוועסטער קולטור־שליח פון דעם איקוף — איז ער אַלעמאָל געווען וואַך און אויפמערקזאַם צו שרייבער פון דעם צד שכנגד.

ביי יעדער געלעגנהייט: ביי אַ יובל פון אַ שרייבער, ביים דערשיינען פון אַ וויכטיק ווערק, צו דער פּטירה פון אַ שרייבער מיט אַ פּנים, האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן און ער האָט עס אויך געזאָגט — בקול רם.

דער ווײַנפער שבעל פּה האָט אויך קיינמאָל נישט פאַרשעמט דעם ווײַנפער שבעל כתב.

ביז איצט זע איך אים אַ צעקנייטשטן מיט אויפגעגרויסטע, פאַר־טרערטע אויגן, צעבראָכן און דערשלאָגן, ביי דער לוויה פון דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט, אין לאָס אַנדזשעלעס, אַ שוויגנדיקן צווישן עולם.

אַלעמאָל, ווען איך פלעג זיך מיט אים טרעפן יעדן זומער, און באַלד, נאָכן אָפּגעבן אים שלום עליכם, אַ פרעג טון וואָס ער מאַכט, איז זיין

ענטפער אַלעמאָל געווען דער זעלבער: — כל זמן די פיס מיינע שלעפּן זיך נאָך, טראָג איך דאָס פּעקל.

און דאָס פּעקל זיינס — ווי מיר ווייסן און געדענקן — איז געווען: אַ קולטור־שליחות, וואָס ער האָט דורכגעפירט מיט חסידישן ברען, התלהבות, בטחון, גלויבן און אחריות, — די גרונט־אייגנשאַפטן פון זיין שעפערישער פּערזענלעכקייט — ווי דער העלד פון זיין פּאָעמע „אליהו״, וואָס גייט אַלעמאָל פּאָראויס, צוליב דעם נאַטירלעכן און פּשוטן טעם, וואָס —

...זיין גורל איז גיין,
און בריט אים דער טראָט,
הינקט ער,
און בייסט מיט די ציין.

אין דעם ווידערשטאַנד צו זיינע מעשים מצד זיינע אַמאָליקע יוגנט־און־פּען חברים, איז ווינפּערן נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הינקען און פילן דעם ברי פון זיין טראָט. זייענדיק אָבער אַ בעל בטחון, וואָס איז אַלעמאָל געווען באַהערשט פון אַ העלזעערישן גלויבן אין אונדזער נביאישן אחרית הימים, איז ער מיט דעם כח פון זיין עקשנות בייגעקומען אַלע נסיונות און אין זיך אויפגעהאַלטן די ריינקייט און חשיבות פון זיין דיכטונג, וואָס וועט, ביי אַ געהעריקן אָפּקלייב פון זיינע ווערק — אָן יעדן ספק פאַרבלייבן דער קנין פון פאָלק, ווי אַ רינג אין דער קייט פון די דערגרייכונגען פון אונדזער ליטעראַטור.

ווינפּערס קולטור־שליחות אין לעבן שטעלט מיט זיך פאָר אַ באַזונדערן און לויבנסווערדיקן עטאַפּ אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט, וואָס וועט ערשט אין דער צוקונפט אָפּגעשאַצט ווערן אין דעם געהעריקן ליכט, אין רעטראָספּעקט. מיר דוכט, אַז קיינער, ווי ער אַליין, האָט ביי זיין לעבן נישט פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט דעם ווערט און דעם פאַרנעם פון זיין קולטור־שליחות. אַן אָנווונק אויף דעם לייען איך אַרויס פון זיין פּאָעמע „יחזקאל״, אין וועלכער ווינפּער רופט אויס:

י. בראָנשטיין

איך בין יחוס,
איך בין זכיה,
מיין שליחות
פול מיט תחיה.

יחוס און זכיה מיינט דאָ; די דערהויבונג און דערהויכונג פון זיין קולטור־באַגאַזש צו דער מדרגה פון קענען עס ברענגען צום פאָלק, אין דעם נאָמען פון „מיין שליחות פול מיט תחיה", וואָס מיינט: די באַרייכערונג, אויפלעב־און־באַלעבונג פון אונדזערע קולטור־ווערטן און אוצרות, אין דער ערשטער ריי — אונדזערע ליטעראַטור־ווערטן אויף יידיש־קודש.

אומגעפער אַ יאָר פאַר זיין פטירה האָב איך וויינפערן געשריבן און געבעטן: ער זאָל פאַר מיר רעזערווירן אַביסל מער צייט און באַשטאַנען, אַז ווען איך וועל זיך מיט אים טרעפן, זאָל ער פאַר מיר פאַרלייענען עטלעכע לידער זיינע.

— וואָס גייט איך אַזוי אין לעבן צו הערן מיינע לידער?

— ווייל איך האָב איך קיינמאָל נישט געהערט פאַרלייענען. ווער ווייסט — האָב איך געשטאַמלט.

— דאָ רעדט איר שוין ווי אַ יינגל — איז ער אויפגעשפרונגען און מיך גוטמוטיק אויסגע׳שגצט.

מיר זענען באַלד געבליבן זיצן איינער קעגן אַנדערן. זיינע בלויע אויגן האָבן זיך צעצונדן, בלויער געוואָרן פון בלוי — און זיין לירישן געזאַנג האָט אין מיין געמיט זיך צעהעלט, דורך דער ווייכקייט פון זיין קול, וואָס האָט זיך מיר איבערגעגעבן מיט דעם רייץ און צויבער פון אַ תפילה. דערנאָך האָבן מיר ביידע לאַנג און הויך געשוויגן.

וויינפער און איך האָבן דאַן ביידע נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז דאָס איז געווען אונדזער לעצטע באַגעגעניש.

ווי אַ פועל יוצא פון אָט דער לעצטער באַגעגעניש אונדזערער, פאַרפאָלגט מיך און עס גייט מיר נאָך זיין מאַנענדיק און ווייך קול, מיט דעם רייץ און חן פון דעם לירישן אויפזונג פון זיין ליד.

כבוד זיין אַנדענק.

ה

פּראָזע

פון דיכטונג צו פּראָזע

(מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן)

ווען אַ דיכטער מיט טאַלאַנט און סטאַזש אין דער ליטעראַטור גייט איבער אין זיין שרייבן פון דיכטונג צו פּראָזע, דינט עס אים בלויז ווי אַ באַטאָנונג פאַר **דער** ווייטערדיקער באַנייונג און המשך פון **זיין** וואָרט, וואָס ווערט פון אים אַליין אויפסניי באַפּליישט און באַצויגן מיט אַ דורכאויס נייער הויט, פאָרם און אינהאַלט — אין **דעם** פּראָצעס פון **זיין** שאַפן־און־באַשאַפן נייע קינסטלערישע ווערטן. צוליב דעם האַלט איך, טאָר די פּראָזע פון אַ דיכטער נישט באַטראַכט ווערן ווי אַן אָראָפּפאַל פון זיין קינסטלערישער גדולה, נאָר אין קעגנטייל — ווי אַ דורכאויס באַזונדערער אויפשטייג, דערהויבונג אפילו — און אפשר גאָר ווי **דער** ווונדערלעכער שליסל צו **זיינע** עמאָציעס און אינטואיציע, וואָס באַפרייען זיך דאָ מיטאַמאָל פון **דער** געצוימטער און ביז גאָר קאָמפּליצירטער פאָרם פון דיכטונג, און אַנטפּלעקן פאַר דיר און **דעם** דיכטער גופא אומגעריכט די ביז איצטיקע מיסטעריע און וועגן פון **זיין** שאַפן.

די דיכטערין מלכה לי דערציילט אונדז איצט — אין איר ערשטן פּראָזע־בוך: **דורך קינדערשע אויגן** — מיט אַ מערקווירדיקער עכטקייט און קלאָרקייט פון איר אַמאָליקער אַבונג, אַז —

...איך וועל אַמאָל... אויסזינגען... מיין געזאַנג, וואָס דרימלט אין מיר אַזוי ווי אַ קוואַל און זוכט אַ וועג אַרויסצושפּילן אין די שענסטע רעגנבויגנדיקע פאַרבן, אינעם לשון פון מיין טאַטע־מאַמע (אירע ערשטע לידער האָט מלכה לי געשריבן אויף דייטש — י. ב.), אינעם לשון פון מיין גאַליציאַנער היים, וווּ מיין וויג איז געשטאַנען...

און ווייטער —

...איך בין דער באַרג, וואָס טראָגט אין זיך דעם קוואַל, דעם קוואַל פון נאָך נישט אויסגעזונגען געזאַנג...

וועגן דעם בראשית און אויפקום פון איר ליד בכלל דערציילט זי אונדז אַזוי:

...די אַלע לידער, וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן, האָב איך נישט געשריבן צוליב דעם, וואָס איך וויל זיין אַ פּאָעט. עס איז געווען דער איבערמענטשלעכער כח, אַזוי ווי דער כח פון דער נאַטור, וואָס פּרעסט זיך אַריין אין בוים און דער בוים מוז אויסשפּראָצן מיט בליונג.

און ווייטער —

...אַזוי ווי דער קוואַל, וואָס מוז דורכלעכערן אַ באַרג און אַרויס אויף דער ליכטיקייט, אַזוי קומען צו מיר לידער פון דער טיפעניש און זיי פאָרמירן זיך אומבאַוווסט אין שורות, וואָס מען רופט: לידער...

וועגן פאָרם און אינהאַלט:

... איך האָב זייער ווייניק פאַרשטאַנען וועגן פאָרם און אינהאַלט, ווייל אויב אַ ליד ווערט געבוירן איז עס שוין געשטאַלטיקט, עס האָט שוין הענט און פיס, אויגן און ליפּן, עס האָט שוין אַ פּנים...

זי פאַרשטייט שוין אָבער דאַן אפילו, אַז —

...מען דאַרף עס אַרומוואַשן און עס אויסוואַרעמען. די הויפּט־זאַך איז — באַטאָנט זי שאַרף — דאָס באַשאַפענע ליד, ווייל „באַשאַף׳ איז (באַדאַרף זיין — י. ב.) נאַטירלעך און עכט...

איצט, צענדליקער יאָרן נאָך דעם ווי דער באַרג: מלכה לי — האָט פון זיך אַרויסגעשלאָגן און אינגאַנצן באַפרייט דעם קוואַל פון איר געזאַנג, וואָס כישופט אַרויס פון אירע געראָטענע פיר לידער־ביכער,

האָט די לירישע דיכטערין אונדז אונטערגעטראָגן אירע קינדער־יאָרן אין אַ ליריש־געלייטערטער פּראָזע, אויף דעם פּאָן פון אירע זייער טראַגיש־פּאַטעטישע דערפאַרונגען פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס דינען דאָ ווי אַ טראַגישער פאַרשפּיל צו דעם לעצטן בלוטיקן גערענגל פאַר אונדזער קיום.

דער תוכן פון איר ערשטן פּראָזע־בוך איז אַ דורכאויס טראַגישער, ווייל ער איז געשריבן אויף דעם פּאָן פון יידישער טראַגיק — און איז צוליב דעם אַ גאָר וויכטיקער צושטייער צו אונדזער נאָך אַלץ זיך פאַרמערנדיקער חורבן־ליטעראַטור, מיט דעם זעלטענעם עודף און אַק־צענטירונג פון טאַלאַנט אויך אין איר אופן פון שרייבן פּראָזע.

אין עלטער פון פינף יאָר הייבט מלכה לי אָן צו לערנען זיך אין אַ פּוילישער שול. זי איז זייער אַנטציקט פון איר ערשטער לערערין: פּאַננאַ שושטשענקאָ און אויף אַזוי פיל באַגייסטערט פון איר דעקלאַמירן „אורשולאַ קאָכאַנאָווסקאַ״ פון דעם דיכטער אַדאַם מיצקיעוויטש, אַז ווען איר מאַמע שיקט זי שפּעטער אַליין אַוועק מיט אַ באַן אויף וואַ־קאַציע צו זיידע־באָבע, האָט זי „...אויך דאָ... דעקלאַמירט „אורשולאַ קאָכאַנאָווסקאַ״, וואָס האָט אגב זייער אויסגענומען ביי די מיטפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן. בשעת אָבער אַ גלח ווערט באַגייסטערט פון איר דעקלאַמירן און וויל איר געבן אַ מתנה אַ צלמל, האָט זי שוין דאַן געגנוג שכל עס נישט אָנצונעמען, ווייל — „איך בין אַ יידיש קינד...״

אַלע דריי טיילן פון בוך „דורך קינדערשע אויגן״ פון מלכה לי שטעלן מיט זיך פאַר דעם בהדרגהדיקן אופן פון וווּקס און אַנטוויקלונג פון אַ יידיש קינד און דעם צאַרטן אויפשפּראָץ פון די קאַרגע ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון איר פיינפולן לעבן, אין דער טראַגישער תקופה פון אונדזער שטורמדיקן ערשטן האַלבן יאָרהונדערט.

די דיכטערין בלאַנדזשעט אַבסאָלוט נישט אין איר ערשטן פּראָזע־בוך. זי האָט אָן אָפּן אויג פאַר אַלץ און אַ דורכאויס נאַטירלעכע נייגונג מסביר צו זיין אָן ענין, אויפצודעקן דעם דראַמאַטישן אינהאַלט פון זאַכן און געשעענישן אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון מסירת נפש און חיבוט־הקבר, אַפילו אונטער דעם צודעק פון „דאָס פרומע שייטל״,

אין וועלכן עס פאַרנעסטלט זיך „אַ פעקל מיט פאַפּירן־געלט", וואָס אירער אַ שכן האָט זי געבעטן „... זי זאָל עס אַרויסנעמען... וואָס ער האָט באַהאַלטן אין לאָמפּ... הינטערן אַבאַזשור, וואָס די טריפהנע יידענע האָט וואָלונטירט צו גיין אויפזוכן און דערנאָך עס איינגאַנצן פאַרלייקנט אונטער דעם אויסרייד, אַז „...די זעלנער האָבן נאָך פריער דאָס געלט אָפּגעראַמט..." צי די מעשה מיט „די געשמיסענע ברידער", אין וועלכער עס ווערט מיט וויטיק באַטאָנט, אַז „צווישן די צען האָט איין רייכער ייד געפעלט. אָנשטאָט אים איז געשטאַנען אַן אָרעם שניידערל... אַ גוטע טאָכטער האָט אויסגעביטן איר פאָטער פאַר אַן אַנדערן קינדס טאַטן..."

חורבן און אומגליק דאָמינירן די קינדער־יאָרן פון מלכה לי, וואָס זענען סוף כל סוף גורם איר צעשיידונג מיט איר ווונדערלעכער מאַמע, וואָס האָט זי דערמוטיקט צו אָנהייבן שרייבן לידער אין אַ גאָר יונגן עלטער און זי אַליין „... אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע, ווייל איך האָב געזען און געפילט, אַז דו ביסט באַרופן צו גרעסערס, ווייל דו ביסט באַשאָנקען מיט גאָטס מתנה — צו זיין אַ דיכטערין..."

די מאַמע, וואָס פאַרנעמט אַגב דעם אויבנאָן אין דער דיכטונג פון רחל ה. קאָרן — פאַרנעמט אויך דאָ דעם סאַמע אויבנאָן אין דעם ערשטן פּראָזע־בוך פון מלכה לי.

די טראַגיק פון דער תקופה און סביבה, אין וועלכער די קינדער־יאָרן פון מלכה לי זענען פאַרוואָרצלט, דערהויבן דעם סיפור המעשה פון איר ערשטן פּראָזע־בוך צו דער אַבסאָלוטער קדושה פון קרבנות־ גרייט־קייט און העראָיק פון דער דיכטערין, וואָס האָט אין דער סטיכיע פון איר קינדערישקייט,ביים סאַמע שוועל פון חורבן און טויט, באַוויזן צו דערשלאָגן זיך צום אבי אבות הטומאה — דעם „פּירער" פּעטליורע, ימח שמו וזכרו, וואָס „איז געווען צו גאַסט ביי אונדז אין שטעטל", ער „זאָל באַפרייען דעם טאַטן", אין דער קעגנוואַרט פון „...זיין געליבטער... וואָס האָט זונה׳ש געלאַכט דורך אירע ווייסע ציין".

„דורך קינדערשע אויגן" — דאָס ערשטע פּראָזע־בוך פון מלכה לי — האַלט דיך געשפּאַנט מיט זיין אופן פון אויסדרוק — פאָרם און אינהאַלט, און קען דערינבער דינען ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז דער איבערגאַנג פון

עסייען

דיכטונג צו פּראָזע ביי אַ דיכטער מיט טאַלאַנט איז דער המשך פון איין און דער זעלבער קינסטלערישער עבודה, וואָס באַצוועקט איין זאַך: אַרויסצוכישופן פון זיך אַליין דאָס סאַמע בעסטע אין אַ באַניטער פאָרם, דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם זעלבן וואָרט, וואָס האָט זיך פריער אויסגעשטאַלטיקט אין דער דיכטונג פון דעם זעלבן שריפטשטעלער.

אין שייכות, מיט יונג־ישראל

צבי אייזמאַן: די באַן

(דערציילונגען)

א.

דער גורל פון ביכער און שרייבער איז נישט זעלטן ענלעך צו דעם גורל פון מענטשן.

און פונקט ווי דער גורל פון פרט איז אַלעמאָל אָפּהענגיק פון זיין צייט און זיין סביבה, אַזוי איז אויך דער גורל פון אַ שרייבער און זיין אַרבעט אָפּהענגיק פון זיין צייט און זיין סביבה.

נישט אַלעמאָל אָבער איז דער, וואָס ווערט געבוירן אין אַ זיידן העמדל, אונטער אַ גוטן שטערן — דווקא מסוגל צו ווערן אַ מוסטער־האַפטער ביישפּיל אין דער ליטעראַטור אין אַלגעמיין. ביי אונדז און אין אונדזערע אומשטענדן — אוודאי און אוודאי נישט.

אונדזער ליטעראַטור, וואָס באַנייט זיך טאָג־טעגלעך, צו להכעיס אַלע אומשטענדן און דער שוואַרצזעונג פון אַ היפּשער צאָל קלאָג־מוטערס, וואָס זענען אין גרונט גענומען אימפּאָטענטע און פאַלשע נביאים, האָט זייער אַ סך געזינדיקט אין דעם פרט פון איר באַציאונג צו אונדזער שרייבערישער יוגנט.

ס׳איז אַ באַוווּסטער פאַקט, למשל, אַז מיט דעם אויסנאַם פון „יונג־ווילנע" האָט מען ביי אונדז זייער זעלטן אויפגענומען מיט דער גע־העריקער חשיבות, באַגייסטערונג און דערמוטיקונג יונגע שרייבער.

פון קיין אויסנאַמען רעדט זיך דאָ נאַטירלעך נישט.

פאַרשוויגן ביי אונדז אַ שרייבער, דערצו נאָך אַן אָנהויבער, איז גאָר ביי אונדז אין קעגנטייל כמעט ווי געוואָרן אַ טראַדיציע, אויב נישט אַ מין קולט.

אויב, למשל, די אינטראָספּעקטיווע ריכטונג אין אונדזער דיכטונג האָט יאָ געשלאָגן געזונטע וואָרצלען און בפירוש אויסגעאיבט אַן אייג־פלוס אויף דעם ווייטערדיקן גאַנג און אַנטוויקלונג פון אונדזער דיכטונג, און סוף־כל־סוף אויפגעקעמפּט פאַר זיך אַ בכבודיק אָרט אין אונדזער ליטעראַטור, איז עס דווקא און בלויז צוליב דעם, וואָס דער פריער־דיקער דור שרייבער אונדזערער האָט זי אַטאַקירט און כמעט ווי מבטל געווען. זיי ווידער — די אינזיכיסטן — זענען געווען גענוג מיליטאַנטיש, און מיט דעם כח פון זייער יוגנטלעכקייט און טאַלאַנט — שעפעריש־קריגערישן ווידערשטאַנד און איבערגעלאַדנקייט פון וויסן — האָבן זיי ביי אונדז דורכגעפירט אַ קולטור־היסטאָרישע ליטעראַטור־שליחות — באַנייונג — און דערמיט גורם געווען די אַנטוויקלונג פון אַ היפּשער צאָל שריפטשטעלער, מיט יעקב גלאַטשטיין, נ. ב. מינקאָוו, אַ. לעיעלעס און ב. אַלקוויט בראש.

דאָס וואָס ס'איז אָבער גילטיק פּסיכאָלאָגיש און פּאַקטיש מעגלעך מיט אַ גרופּע, איז זעלטן גילטיק אויף דעם פּרט — דעם יחיד.

אוודאי קען מען אָנווייזן אויף שלום אַש, ה. לייוויק, אברהם סוצקע־ווער צי חיים גראַדע און זאָגן: זע, מיט וואָס פאַר אַ באַגייסטערונג און ליבשאַפט מ'האָט זיי אויפגענומען, ביי זייערע סאַמע ערשטע טריט אין אונדזער ליטעראַטור!

די מעשה דערפון איז אָבער אַזוי: שלום אַש האָט זיך ביי אונדז באַוויזן ביי דעם סאַמע בראשית פון אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור אויף יידיש־לשון, ווען אַ סך קלענערע טאַלאַנטן פון אים זענען ביי אונדז אויך שיער נישט אָנגענומען און פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי קלאַסיקער.

ה. לייוויק ווידער, סוצקעווער צי גראַדע, זענען באַלאָדן־און־איבער־געלאָדן מיט אַזוי פיל טאַלאַנט, אַז מ'האָט פּשוט באַדאַרפט זיין בלינד זיי נישט צו באַמערקן, בשעת צענדליקער אַנדערע שריפטשטעלער זענען ביי אונדז בוכשטעבלעך אונטערגעגאַנגען ביים לעבן, בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס די קריטיק אונדזערע האָט זיי פאַרשוויגן און אונ־

דזערע אַזוי גערופענע ליטעראַטור־און־קולטור פאַרמיטלער אין אַלגעמיין האָבן זיי אַבסאָלוט פאַרשטעלט דעם וועג צו דער עפנטלעכקייט.

און איצט — ווען דער מלאך המות האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אונדזערע גבולין, אַן רחמנות פאַרשניטן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק צוזאַמען מיט זיינע שעפערישע כוחות, און ווי אַ צוגאָב צו אונדזער גרויסן חורבן זענען ביי אונדז אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַוועקגעשטאָרבן אַ גאַר גרויסע צאָל עלטערע שרייבער — האָבן מיר זיך מיטאַמאָל געכאַפּט, אַז מיר האָבן נישט קיין המשך, אַז ס׳איז כמעט נישטאָ ווער עס זאָל ממלא מקום זיין אונדזערע אָפּגעגאַנגענע שעפערישע כוחות.

צוליב דעם אפשר האָבן מיר זיך געכאַפּט, און ס׳איז צום באַגריסן, ווייל — קיינמאָל נישט שפּעט! — און זיך גענומען אַרומקוקן אויף אַ קליינער צאָל זשורנאַלן קליינע, וואָס זענען אגב ביי אונדז בכלל געוואָרן אַ זעלטענע דערשיינונג — און מיר באַציען זיך מיט באַזונדערער פּיעטעט צו דער שרייבער־גרופּע „יונג־ישראל" ווי אַ גרופּע, און אויך צו די מערסטע פון זיי — אויך ווי יחידים.

מיין ווייניקייט האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן — און איך האַלט אויך איצט נישט — פון קיין וואונדער־קינדער, וואָס קומען בטבע מיט שטורעם און בלענדן מיט דעם פאַלש־מינץ פון כלומרשטער רייפקייט, ביי זייערע סאַמע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור.

מיר איז אין קעגנטייל אַלעמאָל געווען ליב־און־אייגן אין דער ליטעראַטור דווקא דער שטאַמלער, וואָס האָט אַ לעבן־לאַנג זיך געראַנגלט מיט זיין וואָרט און בהדרגהדיק, אין לויף פון יאָרן־לאַנגער האָרעוואַניע, עס שטופנווייז דערפירט צו דער חשיבות פון פאַרנעמען אַן אייגן און אייגנאַרטיק אָרט אין אונדזער ליטעראַטור.

צוליב דעם, האַלט איך, מוזן מיר זיין פאָרזיכטיק אין אונדזער אָפּשאַצונג פון „יונג־ישראל", מיט אַ סך רעזערוואַציעס. דער עיקרשט, נישט איבערטרייבן — פאַרשונדעווען — זייער טאַלאַנט און בראשית־דיקע ראָל, ווי אַ גרופּע און יחידים־אַנהויבער אין דעם לאַנד פון אונדזערע בעסטע האָפענונגען.

און דווקא דערפאַר, ווייל זיי זענען יונג אין יאָרן און אויך יונג

אין שרייבערישער אַקציע און דערפאַרונג (זיי האָבן ביז איצט בלויז באַוויזן ארויסצוגעבן צוויי דינע, באַשיידענע קאָלעקטיווע העפטן), כאָטש עס ווייזן זיך ביי זיי סימנים פון נייגונגען צו וועלן און אויך קענען שטיין אויף די אייגענע פיס, אין דעם זין פון אָנהויבן ארויסצוטיילן פון זיך אַ צאָל שריפטשטעלער מיט דורכאויס אייגענע פנימער — צוזאָגנדיקע טאַלאַנטן.

ב.

דער רעזאָנאַנס, וואָס „יונג־ישראל" האָט אַרויסגערופן אין אונדזער צעשפּרייטקייט, דער עיקרשט — ביי אונדז אין אַמעריקע, איז אַוודאי אַ דערפרייענדיקער און אויך אַ צווייענדיקער: אונדזער אַזוי גערופענע קריטיק, נאָך אַלץ נישט קיין אָרגאַניזירטע און דערפאַר — אַ צופעליקע, האָט זיך גוט אָפּגערופן אויף איר דערשיינונג, און אונדזער באַגרענעצטע לייענערשאַפט האָט זיך אַפילו פאַרשותפט צו אירע פאַרלעגערישע טעטיקייטן.

און דאָס איז ביי אונדז זיכער אַ גאָר זעלטענע דערשיינונג, וואָס דאַרף און זאָל באַגריסט ווערן פון יעדן ליבהאָבער און פאַרערער פון אונדזער ליטעראַטור.

כן ירבו!

ג.

דאָס ערשטע בוך דערציילונגען, א. נ. „די באַן", פון צבי אייזנמאַן, איז דאָס צווייטע בוך פון דער סעריע „יונג־ישראל", וואָס האָט געהאַט דעם גוטן מזל צו פינאַנסירט ווערן פון מיינע בני עיר: די חברים ראוז און מאַקס האַלצמאַן.

אַ יישר כח זיי ביידע!

די דערציילונגען פון יונגען שריפטשטעלער צבי אייזנמאַן זענען, ווי מיר וועלן באַלד זען, נישט קיין געוויינלעכע. זיי דעקן פונדעסטוועגן דריי לענדער: פוילן, רוסלאַנד און ישראל.

די דערציילונגען זענען נישט קיין געוויינלעכע צוליב דעם, ווייל זיי האָבן כמעט נישט קיין העלדן און צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין באַזונדערן טיפּאַזש, וואָס לאָזט זיך געדענקען.

די פּראָזע פון צבי אייזנמאַן איז אַ דורכאויס לירישע.

די לירישע פּראָזע איז אַנדערש פון דער ליריק אין פּאָעזיע דערמיט, וואָס איר פאָרם, כאָטש אויך אַ געצוימטע, אָפּט אַפילו — ביז צו פּרעציזקייט, איז אַ היבש ביסל לויזער און נישט אַזוי באַגרענעצט ווי אין דער פערזן קונסט, וואָס איז אָפּט מער אַבסטראַקט און זיכער מער געפּרעסט און קאָנדענסירט ווי די פּראָזע.

די לירישע פּראָזע איז אויך אַנדערש פון דער פּראָזע אין אַלגעמיין דערמיט, וואָס זי שטיצט זיך, ווי די דיכטונג אין פערזן, מער אויף דעם געמיט פון דעם שרייבער גופא, ווי אויף די כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן און איבערלעבונגען פון דעם באַשריבענעם.

צוליב דעם אייגנטלעך פעלט דאָ און עס קומט זעלטן צום פולן אויסדרוק דאָס, וואָס מיר רופן טיפּ, אָדער העלד פון אַ דערציילונג.

דער שרייבער פון לירישער פּראָזע זינגט אויס **זיינע** שטימונגען אין דער קלאָרקייט פון אַ געהויבענער — פּאָעטישער — שפּראַך, מיט אַ פאַרשטענדלעכקייט, וואָס ער קליידט צופעליק אָן אויף דעם און אויף יענעם, און פאַלט צוליב דעם באַלד צוריק ווי אַ שאָטן פון־און־אויף דער אייגענער פּערזענלעכקייט, און דערהויבט דעריבער צוליב דעם זיין אייגן וואָרט צו דעם איינשטעל פון דורכאויס **לירישער פּראָזע**, וואָס דערגאַנצט בלויז דעם אויפלויכט און די צעשטראַלונג פון **דעם** אייגענעם געמיט, אָן דעם אויסטייל, דערהויבונג און דערגאַנצונג פון זיין ווערק צו אַ ספּעציפישן אָביעקט, וואָס קען און זאָל דינען, ווי דער אויסטייל און דערהויבונג פון אַ טיפּ צי אַ כאַראַקטער פון אַ זעלבשטענדיקער געשטאַלט, וואָס זאָל זיך קענען געדענקען און ווי אַזעלכער אויך פאַרבלייבן אין דעם געדעכעניש פון אַן אַקטיוון און מיטשאַפערישן לייענער.

צבי אייזנמאַן האָט אָבער מיט זיין געלונגענעם ערשטלינג־בוך יאָ,

דעמאָנסטרירט זיין זעלטענעם כח הדיבור, זיין יידיש־לשון, וואָס שלאָגט ביי אים מיט דעם אימפעט און פרישקייט פון אַ צעעפנטן קוואַל, וואָס ווערט פון אים באַהערשט, געצוימט און דיריגירט, אין פולן הסכם און אויפשוואונג פון זיינע עמאָציעס.

ווי אַן אילוסטראַציע צו דעם געזאָגטן קענען דינען די דערציילונגען: דער אַנטיקוואַר, אויף אַ פאַרוואָרפענער באַן־סטאַציע און פאַרגליווערטע ליפּן, וואָס שפּיגלען אָפּ די סביבה פון די דערמאָנטע דריי לענדער, וואָס האָבן זיך פאַרנאָפּלט און צוריק אויפגעטויכט אין די העלסטע און זעעוודיקסטע קאָלירן אין דעם לירישן געמיט פון דעם יונגען פּראָזע־דיכטער צבי אייזנמאַן, פון דער שרייבער־גרופּע „יונג־ישראל״.

...אונדזער מזל

(ראָזע פּאַלאַטניק: קראַשניק־ריאַ).

ביים אויפנעמען די ליט.־ווערטן פון אַ שרייבער בכלל און אַן אָנהויבער בפרט האָט צו מיר קיינמאָל נישט אַפּעלירט און עס האָט מיך אויך קיינמאָל נישט אינטריגירט יענער טיפּ שרייבער, וואָס קומט מיט דער רעקלאַמע פון אַ וווּנדער־קינד — גרייט און רייף — ביי די ערשטע טריט זיינע אין דער ליטעראַטור.

צו מיר אַפּעלירט גאָר, אין קעגנטייל, ד ע ר שטאַמלער, וואָס לייגט זיך געוויינלעך אויס אין אַן אָנזאָג אויף אַ געראַנגל מיט זיך אַליין, אין אַן ערנסטן פּרווו עפּעס צו דערגרייכן, צי גאָר עפּעס מחדש צו זיין אויף זיין שטופנווייזן און זעלטן גרינגען וועג פון זיין אייגענער אַנטוויקלונג, אין זיין שטרעבונג צו וועלן באַהערשן די שפּראַך מיט וועלכער ער באַנוצט זיך, אין אַ ליידנשאַפטלעכן דראַנג צו ברענגען צום אויסדרוק זיין אייגענע פּערזענלעכקייט, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ סטיל און אַ פאָרם פון אויסדרוק, וואָס זאָל אים אַליין זיין אייגן און גלייכצייטיק אויך אַנטשפּרעכן די נויטן פון ד ע ר תקופה, אין וועלכער ער אַליין איז פאַרוואָרצלט, און וואָס דינט אים ווי אַ בריק, וואָס פאַר־בינדט דעם נעכטן מיט דעם היינט, און אויך ווי אַן אָנרעג אויף ד ע ר זעונג פון דעם מאָרגן, אין די אינטערעסן פון דעם פּרט, כלל, אייגן פאָלק און לאַנד, און אין אַ ברייטערן זין פון וואָרט — וועלט־און־מענטש אין אַלגעמיין, אין דעם לבוש, אָפּשפּיגלונג און כאַראַקטער־אייגנשאַפטן פון דעם אייגענעם פאָלקס־לעבן.

אין אונדזער היינטצייטיקער ליטעראַטור אויף יידיש־לשון זענען טאַקע פאַראַן עטלעכע אויסנאַמען.

אין דער מאָדערנער דיכטונג — חיים גראַדע און אברהם סוצקעווער.

אין דער נייסטער פּראָזע — ניסן ברוסילאָוו, מיט זיינע צוויי

זעלטענע ביכער: „ביי די טייכן פון פּאַלעסיע" און „די שטילע ערד".

בדרך כלל איז עס אָבער אַ זעלטנהייט אין דער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

מיר זענען דעריבער נישט אַפּט פּריווּעליגירט צו געניסן פון אַזעלכע אויסנאַמען.

דאָס שטאַמלען פון אַן אָנהויבער אין דער ליטעראַטור איז דעריבער מער נאַטירלעך ווי דער אומגעריכטער אויפקום פון אַ פולבלוטיקן דיכטער צי פּראָזע־קינסטלער אָן פּגימות ביי זיין באַלדיקן אויפקום. אים, דעם שטאַמלער, זענען מיר דעריבער מער גענייגט, אַפילו פאַרפליכטעט צו אָבסערווירן, נאָכפאָלגן זיין אַנטוויקלונג און אים אויך דערמוטיקן אין זיין מיפולער אַרבעט, אויב עס מערקן זיך ביי אים, נאַטירלעך, סימנים פון טאַלאַנט. —

דאָס בוך דערציילונגען: „קראָשניק־ריאַ", פון ראָזע פּאַלאַטניק, האָט מיך אָנגענעם איבעראַשט ווי דער ערשטלינג פון אַן אומבאַקאַנטער אָנהויבערין, מיט זיין שפּראַך, אומגעקינסטלטער, דורכאויס קאָנצענטרירטער פאָרם, פליסיקן סטיל און קאָנקרעטן אופן פון אויפנעמען אירע טיפּן אין כאַראַקטעריסטישע סיטואַציעס, אָן דער מינדסטער באַמיונג מצד דער דערציילערין אויף זיי אַרויפצוצווינגען אירע אַנשווי־אונגען. זי ברענגט זיי גאָר, אין קעגנטייל, צום ליכט פון אונדזער באַוווסטזיין, אוממיטלבאַר, אויף דעם פּאַן פון דער טראַגיק פון זייערע אייגענע איבערלעבונגען, ווי עס שפּיגלט זיך אָפּ אין ד ע ם אויסלייג פון ...אונדזער מזל, אין קראָשניק און אין ריאָ.

צוליב דעם זענען ביי איר נישט קענטיק די סימני נערות פון אַן אָנהויבער. זי באַווייזט דעם ווונדער פון דערגרייכן אַ מאַקסימום, מיט דער באַמיונג פון אַ מינימום אָנשטרענגונג. עס פעלט איר לגמרי דער שטאַמל, בהדרגה׳דיקער אויפקום — אין דעם בראשית פון אירע ליט.־אַרבעטן, וואָס אין איר פאַל באַשטעטיקט זיך עס, ווי אַ ברכה פאַר איר גופא און אַ קינסטלערישער געווינס און עודף צו אונדזער פּראָזע־ליטעראַטור.

די טיפּן פון ראָזע פּאַלאַטניק, אין איר דינאַמישן אויפנעם פון דער

גראָסשטאָטישער ריאָ, זענען דער קאָנסעקווענטער, ווייטערדיקער המשך פון דער היימיש־קליינשטעטלדיקער קראָשניק, מיט דעם אויסנאַם, נאָ־טירלעך, פון אירע קרעפטיק געמאָלענע דערציילונגען א. נ. „טראָפּיש בלוט", וואָס זענען אגב פאַר זיך אַליין זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אייגנאַרטיקייט פון איר שרייבן.

די טאַלאַנטירטע ראָזע פּאַלאַטניק, וואָס האָט קענטיק כמעט ווי נישט געפּאָקט און נישט געמאָלט אויף דער שוועל פון איר אריינטריט אין אונדזער פּראָזע־ליטעראַטור — ווי איר ערשטלינג־בוך „קראָשניק־ריאָ" זאָגט עדות, — איז באַהערשט פון אַ זעלטענעם חוש פאַר פּראָפּאָרציע, מיט דעם צוגאָב פון אַ געזונטן חוש פאַר הומאָר, סאַרקאַזם און אויך איראָניע, אָפּערירט מיט ווערטער ווי אַ געניטער דיריגענט אָפּערירט מיט נאָטן, אין די ראַמען פון אַ פּינקטלעכקייט, אין קורץ־אויפגעפּאַסטע און די סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע דעטאַלן, וואָס פאַרכאַפּן ממש מיט דעם בליציקן אַרומנעם פון אַ סיטואַציע אין דער געהעריקער סביבה.

אירע טיפּן וואַקסן אויף פאַר דיינע אויגן פון דעם סאַמע וואָרצל פון זייער אויפקום, מיט אַן אָנהויב, מיטן און סוף, וואָס האַלט זיי געבונדן אין דעם שפּאַן פון זייערע לעבנס, אין די געגעבענע אומשטענדן פון זייער צייט און סביבה.

און כאָטש די דערציילונגען זענען די ערשטע פּראָדוקטן פון איר געראָטענער פּעדער, זעען זיי מיר פונדעסטוועגן אויס צו זיין רייף אויס־געטראָגענע, אָן דעם מינדסטן אָנשטרענג פון איר זייט זיי צו פאַרקליידן אין די שמד־שטיק פון געפליגלטער רעטאָריק, וואָס ברענגט מיט זיך זעלטן עפּעס פּאָזיטיוועס אין דער ליטעראַטור.

איר אופן פון שרייבן אָטעמט מיט דער נאַטירלעכקייט פון אַ שטראָם, וואָס פאַרכאַפּט מיט דעם רייץ פון זיין נאַטירלעכן גאַנג באַרג־אַראָפּ, צו דער פרייד און דער באַוווּנדערונג פון דעם וואָס זעט עס.

אַ דערציילונג פון דעם לעבן אין ריאָ, למשל, וואַקסט אויס אין אַ פאַרכאַפּנדיק בילד פאַר דיינע אויגן, ביים סאַמע אָנהויב — אין עטלעכע פּאַראַגראַפן, אין דער באַטרעפנדיקער אומגעבונג פון דער שטאָט ריאָ, דו האָסט נאָך רעכט נישט באַוויזן אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, ווערסטו

באַלד אריינגעכישופט — מיט דעם כח פון איר ווונדערלעכן סטיל און שפּראַך־עשירות — אין דער אַמאַליקער סביבה פון קראַשניק, מיט אירע וואָכעדיקע, קליינשטעטלדיקע זאָרגן, אין קאַמף פאַר דעם לעבן, אויף דעם פּאַן פון אונדזער יידישער באַדנלאָזיקייט, אָרעמקייט און נויט, און טאַקע באַלד־באַלד ווידער פאַרגילגולט אין דער דערמאָנטער סביבה אין ריאַ, צו דורכאויס נייע נסיונות, מיט נייע זאָרגן פאַר דעם אייגענעם קיום. עס באַקומט זיך דאָ באַלד — קינסטלעריש — א סינטעטיש און טראַגיש בילד פון אַ יידישן מענטש אונטער אַ פרעמדן הימל און אויף אַ פרעמדער ערד — אין הסכם מיט ...אונדזער מזל: צו לעבן, ליידן און אויך אויסגיין, אָפט אפילו אין גלאַנץ פון עשירות — אין אַ דורכאויס פרעמדער וועלט, נישט זעלטן אַפילו, צווישן אייגענע, פאַרפרעמדטע־און־אָפּגעפרעמדטע קינדער, וואָס ווערן פאַרטראַנקען אין דעם מוטנעם שטראָם פון דער אַסימילאַציע.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אופן פון דערציילן פון ראָזע פּאַלאַטניק איז די דראַמאַטישע דערציילונג א. ג. „חשבון הנפש", וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ בילד פון סעניאָר פּעדראָ, דורך „... א ברייטן פענצטער פון אַ פרעכטיקן צוואַנציק־שטאָקיקן אַפּאַרטאַמענטן־הויז...", וואָס פאַרקע־רעוועט זיך באַלד „אין דער אַלטער היים", ווו דער איצטיקער סעניאָר פּעדראָ האָט זיך נאָך אידענטיפיצירט ווי „...שלום פּנחס... דער רעוואָ־לוציאָנער אין שטעטל..." ווען זיינע מיטקעמפער באַגלייטן ארויס מיט דעם פאַרזאָג: צו „...חלומען אונדזער חלום! קעמפן אונדזער קאַמף!..." וואָס ער האָט, ליידער, קענטיק פאַרלוירן אויף זיין וועג קיין ריאָ...

ראָזע פּאַלאַטניק באַהערשט איר טעמאַטיק, ווי אַ פון לאַנג שוין גראַדואירטע און דערפאַרענע שריפטשטעלערין, וואָס ווייסט באַשטימט, וואָס זי וויל.

זי פאַרלאָזט זיך נישט אינגאַנצן אויף איר אינטואיציע, נאָר זי דאָמינירט זי מיט דעם אָנווענד פון דער געזונטסטער לאָגיק, וואָס וואַכט איבער די מעשים פון אירע העלדן און באַלייכט זיי דורך זייערע כאַראַק־טעריסטישע האַנדלונגען, וואָס דערהויבט זיי צו דער הויך און ווערט פון אויסגעשפּראָכענע טיפּן, וואָס זענען זוכה אין זיך צו פאַרקערפּערן די

אָפּשפּיגלונג און די טראַגיק פון דער תקופה, אין וועלכער זיי איז באַשערט זיך אויסצולעבן און צו ווירקן. ווי יידן און ווי מענטשן.

סעניאָר פּעדראָ, ווי די מערסטע טיפּן פון איר בוך, דער עיקרשט: ריאַ — אַן איבערגאַנגס־טיפּ פון אונדזער אַמאָליק יידיש שטעטל־לעבן, פאַסט זיך שנעל צו צו דעם נייעם לעבן אין דעם נייעם לאַנד, ווערט רייך, ברענגט אַריבער זיין אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע מיטקעמפערין פון קראַשניק, זיין „קליינע חנטשעלע״, וואָס יאָגט אים אַליין גיך אַריבער אין איר צופּאַסונג צו די נייע אומשטענדן. זי ווייזט באַלד אויף שלום פּנחסן, אַז „...מען דאַרף זיך חברן מיט... פאַבריקאַנטן, אינדוסטריאַלן, סתם גבירים... אונדזערס גלייכן״. און אַז דער נאָמען פּעדראָ איז פּאַסיקער פאַר אים, ווי זיין היימישער נאָמען — שלום פּנחס.

...און מיט אַ ניגון, וואָס ער האָט נאָך געדענקט פון מעביר זיין די סדרה — איראָניזירט ראָזע פּאַלאַטניק — האָט ער אויסגעזונגען:

— — — סעניאָר פּעדראָ, און דאָנאַ אַניטאַ־א־א...

אַזוי גילגולט אויף דער היימישער רעוואָלוציאָנער פון שטעטל קראַשניק, שלום פּנחס, אין דעם גרויס־אינדוסטריאַליסט — סעניאָר פּעדראָ.

זיינע פאַבריקן וואַקסן צוזאַמען מיט זיין גוידער און בייכל.

און ביי דאָנאַ אַניטאַן — דאָס גאָלד, די פּערל, ברילליאַנטן און — די גדלות...

לעבן, מיינט — דינאַמיק.

און דער וואָס מאַכט דעם חשבון אַן דעם באַלעבאָס, דער לעבט — אין טעות.

ראָזע פּאַלאַטניק דעקט דאָ אויף און פאַרטיפט — מיט דער הילף פון איר אוממיטלבאַרער קונסט פון דערציילן — די טראַגיק פון דעם פאַטאַלן טעות צו לעבן אָן חשבון — נישט מאַטעריעל — נאָר אין דעם זין פון עטישן אויפנעם און באַציונג צו דעם לעבן פון דיינע מיטמענטשן, אין דער ערשטער ריי — אָן דער אחריות פאַר די נויטן פון דעם אייגענעם פאָלק, דער עיקרשט — די דערציונג פון דיינע אייגענע קינדער, וואָס וואַקסן אויס צו זיין מענטשן אָן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

דערפֿאַר — גלײַכגילטיק צו זייערע עלטערן און די נויטן פֿון זייער אייגן פֿאָלק.

— צווישן זיך — דערמאָנט די דערציילערין — האָט דאָס פּאָר־פֿאָלק נאָך גערעדט יידיש... ס'איז זיי פּשוט באַקוועמער געווען... באַ־טאָנט זי איראָניש — נאָר צווישן מענטשן האָבן זיי דאָס דאָזיקע לשון אויפֿגעהערט צו באַנוצן... און אַז די קינדער זענען אויסגעוואַקסן, האָט דאָס פּאָרפֿאָלק אויך אין שטוב אויפֿגעהערט צו רעדן יידיש... און מיט פֿאַרדרוס באַטאָנט זי, אַז „...מיטן לשון איז שוין אויך פֿאַרטריבן געוואָרן יעדער זכר, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שייכות מיט זייער פֿריערדיקן לעבן, צו זייער יידישקייט..."

דאַכט זיך אַזוי פּשוט, אָבער — ווי עכט און ווי טראַגיש עס זעט אויס.

און אָט איז דער קאָנסעקווענטער פּועל יוצא דערפֿון: אַזוי גיך ווי די קינדער האָבן זיך גענומען גרייטן חתונה צו האָבן מיט גויים, האָבן זיי — די עלטערן — דערפֿילט דעם שווידער אין דעם טעות פֿון זייער לעבן, וואָס איז שוין אָבער ליידער געווען צו שפּעט צו פֿאַרריכטן...

דער עלנט טויכט אויף אין זייערע רײַכע סאַלאָנען, מיט דער שטיל־קייט פֿון פֿאַר אַ שטורעם, וואָס רייסט־אויף די געמיטער פֿון סעניאָר פּעדראָ און דאָנאַ אַניטאַ; שטויסט זיי אומגעריכט צוריק אַרײַן אין זייער ווײַטן אַמאָל, ערגעץ ווײַט, וווּ מען איז נאָך אַליין „אימיצנס געווען", און טאַקע — אַ שלום פּנחס און אַ קליינע חנטשעלע...

זיי גיבן זיך אָבער אַזוי גיך נישט אונטער זייערע סענטימענטן.

דערווײַל קומען דאָ ווידער אויף בילדער אויף בילדער, אויף אַ הינטערגרונט פֿון האַנדלונגען, אין הסכם מיט זייערע דערוואַרבענע פּאָ־זיציעס אין לעבן. אַז סעניאָר פּעדראָ פֿאַלט אָבער פּלוצים אַרײַן אַן אויפֿגעלייגטער:

— מזל טוב אַניטאַ לעבן... עס פּייפֿט שוין ביי אונדז דער

פינפטער קוימען... פינף פאַבריקן ווי די בערן... — רייסט אים אניטא איבער מיט אַ —

— שווייג פעדראָ! שווייג!

זי לייענט פאַר אים פאַר אַ בריוועלע פון אַ קרוב פון אייראָפּע...

— דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער איינציקער ברודער, אַלע, אַלע דערשאָסן, דערשטיקט, פאַרגאַזט, פאַרברענט... און זי נעמט שרייען:

— און מיר דאָ? אַ פינפטער קוימען? האַ? און זי גיט גלייכצייטיק צו:

— קוימענקערער זענען מיר, הערסט, פעדראָ, קוימענקערער און מער גאָרנישט!

דאָ, וואָלט איך געזאָגט, קומט פאַר דער עקסטרעמער איבערברוך אין זייער לעבן: דער תחית־המתים פון זייער באַוווסטזיין, וואָס איז פאַרשמאָלצן געוואָרן פון זייער אימפּעט און גייעג נאָך גאָלד, מאַטעריעלע ווערטן, וואָס האָבן פאַרפאַטשקעט זייער צלם אלוהים.

דאָס פאַרקניפּן דעם נעכטן מיטן היינט מצד דער דערציילערין באַפרייט אירע העלדן פון לעבן ווי אין אַ קאָשמאַר. זי פיבערט זיי צוריק אַריין אין זייערע אָריגינעלע הויטן פון אַ היימישן משה פנחס און היימישע קליינע חנטשעלע, וואָס שוידערןביידע אויף ביי דעם ליכט פון זייער אייגענעם חשבון הנפש, צו דעם באַוווסטזיין, אַז „...איצטער איז אויס... נישטאָ קיין דאָרטן און נישטאָ קיין דאָ...“

די גדולה פון די פייפנדיקע פאַבריקן צערינט ווי אַ זייפנבלאָז.

עס קומען ווידער בילדער פון אַמאָל, געמאָלן מיט אַ געניטער האַנט, געוויסנהאַפט און עכט, צאַרט און איידל. עס לעבן דאָ למשל אויף: דער פשוטער טאַטע, וואָס רופט צו עבודת הבורא, אין קעגנזאַץ צו דעם זון שלום פנחס, וואָס האָט אויך אַמאָל „...געזופן מענטשן צו אַ העכערן ציל, צו אַ בעסערער וועלט און... אַליין זי פאַרפאַטשקעט...“; די איידעלע מאַמע אין איר שבתדיקן מלכות, אין קעגנזאַץ צו די איצטיקע „מאַרמאָרנע ווענט... גאָלד, זילבער... אָבער... אַזאַ טויטער גלאַנץ, אַזוי פוסט, אָן אַ נשמה, אָנעם ביסל חן פון אַ היימישן שבת...“

סעניאָר פּעדראָ בעט: אַ קליין ביסעלע פון דער אַמאָליקער רו, אַ טראָפּעלע מנוחה.

— ס׳איז נישט שווער, שלום, זאָגט זי אים שטיל און רופט אים ווידער ביים היימישן נאָמען. זי דערמאָנט אים אַן אַמאָל:

— דעמאָלט איז אָבער געווען בלויז רייד... היינט, שלום פּנחס — האָבן מיר... אַלע מעגלעכקייטן צו פאַרווירקלעכן אונדזערע חלומות... מקיים צו זיין אונדזערע דעמאָלטיקע רייד.

און חנטשע גיט צו: „ס׳איז קיינמאָל נישט צו שפּעט... און אַז מיר וועלן אָנהויבן לעבן אַנדערש, וועלן אונדזערע קינדער אויכעט אַנדערש ווערן...״

דער חלום און די האָפענונג פון אונדזער דור און תקופה.

אַלע אַנדערע דערציילונגען, מיט דעם אויסנאַם פון „טראָפּיש בלוט״, זענען געשריבן אויף דעם זעלבן פאַן פון ...אונדזער מזל, אין אונדזער צעשפּרייטקייט.

די טיפּן פון די דערציילונגען א. ג. „ריאָ״ — זענען טראַגישע מענטשן פון אַן איבערגאַנגס עפּאָכע, געמאָלן מיט טאַלאַנט, אין אַ זעלטן רייכער שפּראַך, וואָס איז בכלל אַ זעלטנהייט ביי אַן אָנהויבער, דערצו נאָך אין זייער געצוימטער פאָרם, ריין פון שעטנז, קלאָר און אויך זאַכלעך.

די טיפּן ווידער פון די דערציילונגען א. ג. „קראָשניק״ זענען אויך טראַגישע, אָבער נישט מיט קיין צעריסענע נשמות: גאַנץ און תמימות־דיק, אַפילו אין זייער אויפפאַסונג און אין זייערע מעשים; האַרמאָניש מיט דעם ריטם פון אַ לעבן, וואָס פולסירט מיט דער גאַנצקייט, ערלעכקייט און דער גאָרער עכטקייט פון יידישן שטייגער, ביז צו דעם טראַגישן צוזאַמענברוך אונדזערן אין דער פאַרשאָלטענער היטלער־ערע, ווען —

„דער הימל איז אויך דאָסמאָל געבליבן פאַר׳עקשנ׳ט — ער האָט זיך נישט געשפּאָלטן״.

י. בראָנשטיין

פאַר אַן אָנהויב איז דאָס בוך דערציילונגען „קראָשניק־ריאַ" פון ראָזע פּאַלאַטניק זייער אַ געראָטנס, אַ דערגרייכונג פאַר זיך אַליין און אויך אַ גוטער אָנזאָג אויף אַ ווייטערדיקן צושטייער צו דעם אוצר פון אונדזער ליטעראַטור.

כן ירבו.

ביים ראנד פון אנהויב

(מלכה אפלבוים: נייע און אַלטע היים).

די וואָקלדיקע טריט פון אַן אָנהויבער אין דער ליטעראַטור אימ־פּאָנירן דעם לייענער מיט דעם רייץ פון זייער געוואָגטקייט, ווי עס אימפּאָנירן אַ דערוואַקסענעם מענטש די ערשטע טריט פון אַ קינד אין לעבן.

בשעת אָבער קינדער זענען אָפט ענלעך איינער צום אַנדערן אין זייער געוואָגטקייט, זענען דערוואַקסענע מענטשן נישט זעלטן אַנדערש איינער פון דעם צווייטן אין זייערע טריט אין דער ליטעראַטור.

דער מער קולטיווירטער מענטש, למשל, איז אַנדערש פון דעם פרימיטיוון דערמיט, וואָס ער קומט אין דער ליטעראַטור מיט אַ באַ־שטימטן באַגאַזש פון גייסטיקע ווערטן: שפּראַך, וויסן, קולטור־געזעל־שאַפטלעכע אַנשויונגען מיט דעפיניטיוו־אויסגעשפּראָכענע מיינונגען און — נישט זעלטן — אויך מיט גרייטע שרייבערישע — טעכנישע — מיטלען, וואָס זענען אגב אויך נישט זעלטן אַ שטער צו דער אַנטפּלעקונג פון זיינע אינטואיטיוו־באַגרענעצטע כוחות.

דער פרימיטיווער מענטש ווידער (וויסענבערג למשל) עקשנט צומאָל זיך דווקא יאָ אריין אין דער ליטעראַטור, מיט דער באַטיר־לעכער שיינקייט פון זיין רויקייט, פרימיטיוון כח און אויפזונג פון זיינע געזונטע חושים, וואָס פאַרכאַפּן אונדז מיט דער מאַגיק פון זיין אוממיטלבאַרקייט, אָן דעם פאַלש־מינץ און אָנשטעל פון רעטאָריק.

ביי מיין ערשטן באַריר מיט אַן אָנהויבער אין דער ליטעראַטור, פלאַטער איך אַלעמאָל מיט נייגער און דערוואַרטונג, ווי ביי דעם אויפ־ברוך פון טאָג, וואָס כישופט מיט דעם רייץ פון אַנטפּלעקערישע אילוזיעס. און דאָרט וו עס גיבן זיך מיר איבער די זעונגען זיינע מיט אַ באַשטימטער קלאָרקייט, אָפילו אונטער דעם צודעק און שווערקייט

פון ווילדגראַז, האָב איך אַלעמאָל די אילוזיע, אַז ד י האַנט פון דעם באַ־שעפער — די קרעאַטור — האָט מיך באַרירט, מיינע חושים מיר צעעפנט און זיי אויפגעציטערט מיט דער אַנטפּלעקונג פון ליכט...

אַזאַ איבערלעבונג האָב איך ערשט געהאַט די טעג, — אָנהויב דעצעמבער, 1956.

דער ווינט, אַ זעלטענער אורח אין דרום־קאַליפאָרניע, גייט אַרום מיט אַ בעזעם אין דער האַנט איבער דעם צעזונטן דרויסן, קערט אויס די גאַסן און ציטערט אויף דיין לייב מיט אַ קעלט, וואָס איז דיר דאָ נישט אייגן און נישט ליב, אינגאַנצן פרעמד...

א מידער און אַן אויסגעשעפּטער פון זוכן פּרנסה, פאַל איך אַריין צו זיך אין הויז און שלאָג זיך ווי געוויינלעך באַלד אָן אין אַ פּעקל מיט פּאָסט, אין וועלכן איך געפין אויך אַן אָנווייזונג פון דעם פּאָסט־אָפיס אויף אַ רעגיסטרירט פּעקל.

— פון וועמען קען עס פּלוצים זיין אַ פּעקל פאַר מיר? — פרעג איך מיין פרוי.

— וואָס איז דאָ שייך פון וועמען און וואָס, — ענטפערט זי מיר — מן הסתם ווידער אַ בוך...

ביי דער בלויזער דערמאָנונג פון אַ בוך האָט זיך מיין שטימונג צום בעסערן געביטן. איך האָב באַלד פאַרגעסן אין מיינע ביטערע דערפאַרונגען, אַז איך בין מיד און אויסגעשעפּט און אין איילעניש אַוועק אין פּאָסט־אָפיס. עס האָט לאַנג נישט גענומען און איך בין באַלד אַהיים געקומען אַ צעשטראַלטער מיט דעם בוך דערציילונגען און בילדער, א. נ. „נייע און אַלטע היים“, פון מלכה אַפּעלבוים.

מלכה אַפּעלבוים איז פאַר מיר אַ פּנים חדשות, דערצו נאָך אַ שרייבערין פון בראַזיל, וואָס איז מיר בכלל ליטעראַריש אומבאַקאַנט.

לויט דער אינפאָרמאַציע פון י. בירנבוים, אין זיין „פּרעזענטאַציע“, איז מלכה אַפּעלבוים יאָרן לאַנג אַקטיוו אויף דעם „...געביט פון קינדער דערציונג.“

די שותפות פון לערער און שרייבער אין איין מענטש מוז אַלעמאָל

זיין אַ געלונגענע; איינער טאָר נישט לעבן אויף דעם חשבון פון דעם צווייטן.

אין שרייבן מוז דער שרייבער באַהערשן דעם לערער, און נישט פאַרקערט, צו אַזאַ גראַד, אַז די אַקציע פון דעם העלד פון דער דערציילונג באַדאַרף, זאָל און מוז באַהערשן דעם פולן תוכן פון דער דערציילונג, אָן דעם אַריינמיש פון דעם לערער אין דער שרייבערישער עבודה פון דעם שרייבער, וואָס נעמט איבער, אפשר אומבאַוווסט פון אים אַליין, די האַנדלונג פון דעם העלד דורך זיינע אייגענע דעקלאַראַטיווע און מאָראַליזירנדיקע רייד און פאַרוואַנדלט אין לעצטן סך הכל דעם גאַנג פון דער דערציילונג אין דער מליצה פון פרעדיקן אידעען אָדער סתם אָנגעוואָרפענע אַקסיאָמעס.

דאָס טעאָרעטיזירן אָדער טראַכטן אין דער הויך למשל וועגן ליבע, אַז „...דער געַנוס פון צוויי פאַרליבטע... גייט איבער אין רעליגיעזן עקסטאַז...״ אין דער סקיצע א. נ. „צוליב קאָרטן״, אַנשטאָט לאָזן אין גאַנג דאָס אויסלעבן זיך פון דער ליבשאַפט גופא, אין דער דינאַמיק פון אַ בילד, שטערט אַבסאָלוט אויפצונעמען פסיכיש, בילדלעך און עמאָציאָנעל, די פולע טראַגיק פון דער דערציילונג מיט איר דראַמאַטישן אינהאַלט.

צי דאָס פילאָזאָפירן אין דער סקיצע „אַ בלוטיקער שפּאַס״, אַז די „...מענער־וועלט האָט, זעט אויס, מורא פאַר דער דינאַמישער פרויען־ענערגיע״. צוליב אָט דעם פילאָזאָפירן, אַריינמיש פון לערער אין די קינסטלערישע נייגונגען פון דער שרייבערין — ווערט אַזוי אַרום די טעמע פאַרנאַכלעסיקט און קריגט נישט קיין תיקון אין דער פול־בלוטיקייט פון אויסדרוק, אין דער פאָרם פון אַקציע אין אַ בילד.

די דערציילונגען אין בילדער פון מלכה אַפּעלבוים מאַכן בכלל דעם איינדרוק פון נישט קיין אויסגעטראָגענע אַרבעטן.

מיין איינדרוק איז, אַז זיי זענען נישט געשריבן סקיצנהאַפט און קורץ צוליב קינסטלערישן צימצום, נאָר דווקא צוליב דעם, ווייל די יונגע שרייבערין איילט זיך צו דעם אָנהויב פון נייע אַרבעטן. דער אימפּולס פון אירע איבערלעבונגען פאַרלויפט איר דעם וועג און דינט

איר דאָ ווי אַ שטערונג צו דער פאַרטיפונג פון איר אַנגעהויבענער, אָבער לײדער נישט פערפעקטער אַרבעט. צוליב דעם טראָגן אירע סקיצן אַ כאַראַקטער פון נישט־אויסגעטראָגענע אימפּראָוויזאַציעס, וואָס זענען אַ צענויפשמעלץ פון אַן אָנהויב אין דער בעלעטריסטיק, מיט אַן אָנוואָרף פון מעמואַריסטיק, וואָס לייגנען זיך אַלצאיינס געשמאַק, אַ דאַנק דער עשירות פון איר יידיש־לשון.

אַ גאַר גוטן איינדרוק מאַכט די סקיצע א. ב. „די וידוי פון א פרוי״, וואָס בליצט פאַנאַנדער אויף אַ סקיצנהאַפט־דראַמאַטישן אופן דעם נאַטירלעכן דראַנג און בענקשאַפט פון דער פרוי נאָך מוטערשאַפט, וואָס זי דערפירט צו דעם דעוויז פון געפינען „...אַ טרייסט אין דעם, וואָס מ י י ן קינד האָט זיך געשמדט, און נישט ד י י נ ס ...״ כאָטש דאָ בעטן זיך ממש ברייטערע לייוונטן פון שילדערונג און בילדערישע דעטאַלן.

„די נקמה פון גורל״ איז נישט נאָר די לענגסטע זאַך אין בוך, נאָר, מיר דוכט, אויך די געלונגנסטע, וואָס אַנבאַלאַנגט דער גאַנצקייט פון דער פאַבולע. דאָס באַווייזט, אַז מלכה אַפּעלבוים קען יאָ שרייבן. קענען שרייבן אַליין איז אָבער לײדער נישט גענוג פאַר אַ שרייבער, וואָס וויל זיין אַ בעלעטריסט. די עצם אויפגאַבע פון דער בעלעטריסטיק איז צו שטעלן דעם טראָפּ אויף ד ע ר האַנדלונג פון אירע העלדן אין זייער באַטרעפנדיקער סביבה, פאַרטיפן זייערע האַנדלונגען און וויזיעס, אָן דעם אַריינמיש פון דעם שרייבער מיט דעם עודף פון מאַמריסטיק און סתם פּובליציסטישע קלייען.

אַזוי גיך ווי מלכה אַפּעלבוים וועט זיך אויסלערנען אָפּצוטיילן אָט דאָס ווילדגראָז פון אירע סקיצן, וועלן אירע זאַכן קריגן אַ מער קינסטלערישן כאַראַקטער און תיקון. צוליב דעם וועלן זיי ראוי ווערן איינגעזאַמלט צו ווערן אין די געמאַרקן פון אונדזער קינסטלערישער פּראָזע, ווי די אַרבעטן פון אַ דערציילערין מיט טאַלאַנט. מיט מי און אָנטשרענג קען זי און וועט עס האָפנטלעך אויך דערגרייכן.

לידער

צום דיכטער ה. לייוויק

א י נ ה אַ ל ט

לחיים דיר לייוויק 245
גורל 247
דיינע בריוו 248
דערוואַרטונג 249
דיין ליד 250
דיין פאַרמעג 251
צוריק צום אָנהייב 252
נס פון דיין אַמאָל 253
מיין ליד 254
די טעג 555
ליד פון שקיעה — 256
דער דיכטער אין שטויב — 258
פונוויטן 260
ווי תמיד 261
אָנהויב פון סוף 262
דיין לעבן 263
באַרג אַרויף 264
ביי דיין צוקאָפּנס — 265
דו 266
פון ווייטן 267
דיין בעט 268
פונווייטן 269
ביי דיין עבודה 270
פאַרשטערטער יום טוב — 272
פאַרשטעלט 273
דיין גורל און איך 274
געבעט . . . . 275.
דו מוזט נאָך קומען 276

לחיים דיר לייוויק

לחיים דיר לייוויק,
לחיים אונדז אַלע!
דיין וואָרט איז אונדז הייליק,
באַ'חנט ווי אַ כלה.

מיר פרייען זיך, לייוויק,
מיט דיר — אונדזער חתן.
דעם חתן פון יידיש —
די האַרציקסטע גרוסן.

מיר פרייען זיך לייוויק
מיט דיר — דיין דערגרייכונג:
אַן אוצר פון ווערטן,
וואָס פירט צו דערהייכונג

אין גאַנג פון די דורות
וואָס וועלן ערשט קומען,
און רימען די תורה'ס,
וואָס דו האָסט באַנומען,

אין לויף פון די יאָרן
וואָס דו האָסט געליטן,
דעם גאָט פון די אָבות
אויף קיינעם פאַרביטן.

ביסט תמיד געגאַנגען
אין שפּאַן פון נסיונות,
מיט דיינע געזאַנגען
פאַרדעקט די אביונות

פון אונדזערע לעבנס
צעזייט און צעשפּרייטע,
פאַרשוועכט און געקריוודעט —
צום ערגסטן דאָ גרייטע.

גע׳חלומט חלומות
פאַר אונדז — אונדזער מאָרגן.
געשטראָפט און געטרייסט אונדז,
פאַרמינערט די זאָרגן

ווי פאָטער, וואָס גרייט איז
זיך ברענגען אַ קרבן,
פאַר ווילזיין פון קינדער
וואָס זענען פאַרדאָרבן. —

לחיים דיר לייוויק,
לחיים אונדז אַלע!
דעם חתן פון יידיש —
אַ גרוס פון זיין כלה...

גורל

דער גורל האָט דאָ דיך
פֿאַרשמידט צו אַ שטול,
א שטול וואָס אויף רעדלעך
באַוועגט זיך צומאָל,

און רעדלט אַוועק דיך
צום ווייטן אַמאָל,
ווען דו האָסט מיט גבורה
צעאַקערט דעם טאָל,

און קערנדלעך זריעה
צעשאָטן, פֿאַרזייט,
מיט רחבות און גוטסקייט
אויף ברייטן פֿאַרשפּרייט.

ביז ס׳האָט זיך די זריעה
מיט שפע צעבליט,
דיין לעבן פֿאַרוואַנדלט
אין רום פֿון דיין ליד.

דיינע בריוו

ווו זענען די בריוו
אין פשוטסטער שפראַך?
די ווערטער — געציילט,
געזאָגט דאָך אַ סך.

כ׳פלעג וואַרטן אויף זיי
געדולדיק, און גרייט
בין תמיד געווען
זיי לייענען מיט פרייד.

ביז פלוצים האָט ווער
מיין פרייד מיר פאַרשטערט...
זיי קומען נישט מער
די בריוו, וואָס באַגערט,

דערוואַרטונג

דיין גאַס שטייט פּאַראַומערט,
זי זוכט דיינע טריט.
דער צייטונגס-פאַרקויפער —
ער זעט דיך מער נישט...

די שכנים וואָס גרויסן
זיך תמיד מיט דיר, —
זיי זוכן מיט נייגער
אין צייטונג דיין שיר.

עס וואַרטן די לייענער
געדולדיק און בראַוו
אויף זעונג פון דיכטער —
דיין ליד — דיין באַשאַף.

דיין שרייב-טיש, דיין בענקל,
דיין פּען-און-פּאַפּיר,
דער זעצער, דער דרוקער —
זיי וואַרטן אויף דיר.

דיין ליד

דיין ליד אויף מיינע ליפּן
און דו אַליין — אין בליק.
ווי וואָלט איך איצטער וועלן
זאָלסט זיין מיט אונדז צוריק.

איך זע דיך, אָט — ווי נעכטן,
די אומרו און די רו.
פֿאַרצווילינגט אין דיין וועזן,
ווי דו אַליין בלויז — דו.

די אויגן ברענען גרינלעך,
דיין פּנים פֿלאַמט מיט רייץ.
דו שטורעמסט און דו פֿלאַטערסט
מיט אחרית און מיט קץ.

דער עולם גאַפֿט און פֿיבערט
דעם חלום דיינעם מיט,
און דו אַליין — אינמיטן —
דער אויפֿזונג פֿון דיין ליד.

דיין פאַרמעג

טינט און פעדער און פּאַפּיר
וואַרטן דאָ אויף דיין באַריר,
קום, באַווייז זיך ווי אַמאָל!

עפן אויף פאַר אונדז דיין טיר,
לאָז אונדז באַלד אַריין אין איר —
זע, דיין קרוג זאָל ווערן פול!

חלום־אוים אַ נייע וואָר
פאַר די קינדער פון דיין דור —
פיר זיי פון דער נאַכט אַרויס!

שיכור מיט דיין ליד זיי אָן,
דו — דער דיכטער. דו — די פאָן.
גיי אין שפּאַן מיט זיי, פאַראויס!

שפּאַן זיך איין אין יאָך פון ליד.
זאָג נישט קיינמאָל — דו ביסט מיד.
ברענג זיי טרייסט אין שווערע טעג.

צינד זיי אָן מיט דיין באַגער:
יאָגן זיך נאָך ליכט און מער,
טיילן זיך מיט דיין פאַרמעג.

צוריק צום אָנהייב

דאָס לעבן מיינס דאָס עול׳יקע
צום אָנהייב קערט זיך אום.
פון לייוויקס אַ ליד

דאָס לעבן דיינס דאָס עול׳יקע,
צום אָנהייב קער עס אום. —
פאַרגעס די נויט, די גאַליקע —
צוריק אַהער דו קום.

באַווייז זיך אין דיין ליכטיקייט
מיט גלויבן און מוט,
לאָז ווידער פון זיך הערן באַלד
און זאָג צו אַלץ: ס׳איז גוט.

די פאָן פון ליד הויב אויף מיט שטאָלץ,
דיין וואָרט צינד אָן מיט פרייד.
צום אָנהייב קער זיך אום מיט אַלץ,
צו זיין געזונטערהייט.

נס פון דיין אַמאָל

באַווייז דעם נס
פון דיין אַמאָל:
די נויט — פאַרגעס,
לעב־אויף צומאָל

די פרייד, וואָס איז
געווען באַשערט
דיר, לאַנג צוריק
דאָ, אויף דער ערד...

אין ליד, — צעבליט
ווי בלאַט אויף בוים,
אין דעם געמיט
פון ליד, — דיין טרוים.

מיין ליד

זינג אויף מיין ליד
א לויב און דאַנק
צו דעם וואָס שוואַך
און מיד איז — קראַנק...

צינד אָן זיין האַרץ —
זיין גייסט צעהעל.
דערהויב זיין מוט,
באַלייכט זיין זעל.

באַוועג זיין האַנט,
זיין צונג מאַך לויז.
זיין וואָרט לאָז פריי.
זיין ליד — מאַך גרויס.

פאַרזון זיין טאָג.
זיין נאַכט — באַלויכט.
און ער אַליין —
זאָל זיין דערהויכט

צו זיין באַרוף —
דער שר פון ליד.
כאָטש קראַנק אין גוף,
פון לעבן מיד...

די טעג

די טעג זענען לאַנגע,
די נעכט זענען שלעכט,
ס׳וועט גאָט און זיין משפּט
נישט זיין מער גערעכט.

דיין ליגן אין בעט דאָ,
דיין שווייגן דאָ הויך,
וועט תּמיד דערמאָנען
די גבורה און כּח

פון צדיק, וואָס תּמיד
דעם מוט האָט געהאַט,
צו גלויבן אין יושר —
צו גלויבן אין גאָט...

וואָס שטראָפט אים אָן רחמים
און לאָזט אים אַליין —
איז טויב צו זיין עלנט,
זיין שטומען געוויין...

ליד פון שקיעה —

1

דער תוהו פון בראשית
באַהערשט דיין געמיט.
דיין בעט — די עקידה
פאַר דיר און דיין ליד.

דער גאָט פון אברהם —
פאַריאָגט און פאַרשוועכט,
כאָטש ער און זיין משפט
בלייבט אַלץ נאָך גערעכט...

פאַלט שווערד פון דעם גורל
אָן רחמים אַזוי,
פאַר׳גולמט דיין לעבן
ביז גלייכגילט אין גרוי...

ביים וואַנט אויף אַ בעטל
צעווישן פיר ווענט,
ביים לעבן דערוויטערט,
פון לעבן פאַרפרעמדט.

2

דיין דמיון איז פֿאַרנעפּלט
אין אַ טשאַד פֿון רויך.
דיין זעונג גייט פֿאַרלוירן,
און דיין לעבן — אויך...

דו ראַנגלסט זיך אַן גבורה,
ווי אַ ליכט גייסט אוים.
עס לעשט זיך דיין זכרון
ביים נישט-גיין פֿאַראוים.

עס בייטן זיך די שאָטנס
און דעקן דיך צו.
מיט רחמים בלויט דער אָוונט
וואָס כּישופֿט מיט רו.

— דער דיכטער אין שטויב

די זעונג פון ליד
זוכט תיקון אין וואָרט.
דער דיכטער איז מיד —
ער שטייט אויף איין אָרט.

זיין דמיון — פאַרווירט,
פאַרגליווערט, — איז שטום.
אים דוכט זיך אַז אַלץ
איז עפּעס דאָ קרום...

דער טאָג — נישט קיין טאָג;
(עס שיינט נישט די זון...)
ער קומט מיט אַ קלאָג
און שלעכטס זאָגט ער אָן...

עס פינצטערט זיין בליק,
עס גליווערט זיין קול.
ער נידערט צוריק,
צום ווייטסטן אַמאָל...

ווען ער איז אין טראַכט
פון מוטערס געבער
פאַר׳גולמט, פאַרמאַכט
געליגן אָן שטער...

נאָר איצט איז ער מיד
פון אַלץ, דעם אָרום.
דער דיכטער, דער ייִד,
צעוויינטיקט ליגט שטום.

אים אַרט נישט דער טאָג,
אים אַרט נישט די נאַכט.
זיין ליד — זיין פאַרמאָג,
צוקאָפּנס דאָ וואַכט.

ביז קומען וועט שעה
פון שיידונג און טרייסט,
דער דיכטער אין רו
וועט ווערן דערלייזט...

זיין ליד וועט אַוועק
מיט רום און מיט לויב,
צו היטן דעם וועג
פון דיכטער אין שטויב...

פונוויטן

איך לייען דיינע לידער,
און זע דיך פונוויטן:
אַ כהן וואָס דוכנט
ביים מזרח פּאַרצייטן.

דיין קול איז אַ דינער,
די הענט דיינע — ווייסע,
דו בענטשסט אונדז מיט חסד,
דערציילסט אונדז אַ מעשה

פון גואל וואָס וואָגלט
אַרום אויף די וועגן,
און איילט זיך נישט קומען
צו אונדזערע ברעגן.

ווייל זינדיק מיר זענען,
נאָך אַלץ נישט קיין גרייטע
דעם גואל צו טרעפן...
און בלייבן צעשיידטע

פון אים — אונדזער גואל,
אויף וועמען מיר וואַרטן
געדולדיק, פאַרזאָרגטע —
אויף נס דעם געגאַרטן.

ווי תמיד

איך זע דיך ווי תמיד
פֿאַר׳חלומט, פֿאַרקלערט,
אַ דיכטער אין אויפֿטאָג,
פֿון יעדן פֿאַרערט.

דו שפּאַנסט מיט בטחון
אין האַרצן, אַ טרייסט
פֿאַר יעדן וואָס ליידט נאָר,
וויל ווערן דערלייזט.

דו ביסט ווי דער נביא
וואָס שטראָפֿט און וואָס מאָנט:
א לעבן פֿון יושר
פֿאַר דעם וואָס דערקאָנט

דעם אמת פֿון לעבן —
צו לעבן גערעכט;
אַ לעבן פֿון יושר,
פֿון גוט זיין און עכט.

אָנהויב פון סוף

דער אָנהויב פון סוף
קומט זייטיק און שטיל.
ער גראָבט אין דער טיף —
ער טוט וואָס ער וויל...

דו זעסט אים נישט קלאָר,
דו גייסט ווי אין שפּאַן,
נאָר עפּעס אַ שפּור
פון אים איז פאַראַן

אין לעבן אין דיין
וואָס פליסט ווי אַ קוואַל,
פאַרהאַלט זיך אין גאַנג
מיט ציטער אין קול...

און נעמט דיך אַרום
מיט קלעם אומגעריכט,
און לעשט זיך מיט דיר
ווי פלאַם פון אַ ליכט...

דיין לעבן

דיין לעבן איז — איין גרוים געשריי.
דיין גאָט איז טויב צו דיר, דיין ווײ.
האָסט געבלוטיקט, האָסט געליטן,
נישט געפּעלשט און נישט פאַרביטן
דעם אמת פון האָרץ — דיין גלויבן.
אַלעמאָל, מיט פרייד און לויבן
געהייליקט גאָטס שם און געלויבט,
כאָטש תמיד פאַרפּייניקט, פאַרטויבט
פון שענדן לייב און נשמה, —
דאָך קיינמאָל נישט גרייט אויף נקמה.

דיין לעבן איז — אַ קייט פון פּיין,
וואָס רייצט, באַרוישט ווי אַלטער וויין.
דיין האַרץ איז איבערפולט מיט קראַפט
וואָס וועלטן בויט, און וועלטן שאַפט...
אין אָנגעזיכט פון גרוים געפאַר,
זיך מערט דיין ווייטיק, מערט דיין צער...
און פול ביסטו מיט רייץ און מוט
צו גיין פאָראויס, דיין וואָרט איז גלוט,
און רופט און מאָנט צו לעבן שיין,
זיין שטאָלץ און גוט צו גרוים און קליין.

באַרג אַרויף

צווישן ווינטער־פֿאַרגיי
און לאַנד, וואָס גייט אויף,
קלעטערט דער דיכטער
אָן רייד באַרג־אַרויף.

אַנטלויפֿט נישט פֿון ווינטער —
באַוווּנדערט זיין רייץ,
ער לאָזט זיך בלויז פֿאַנגען
פֿון לאַנד פֿול מיט ווייץ,

וואָס שפּרייט זיך פֿאַר אויגן
מיט זוניקן חן,
פֿאַר׳קנסט אים אויף תּמיד
צו זיך בלויז אַליין.

ביי דיין צוקאָפּנס —

איך וואַך ביי דיין צוקאָפּנס
בייטאָג און אויך ביינאַכט.
דיין לעבן רינט אין טראָפּנס,
ווייטיקט דעם וואָס וואַכט.

איך זע דיך אין דיין שטייגן
פון נידער אין הויך.
אַ בוים מיט ברייטע צווייגן,
גרינט און וואַקסט מיט כח.

און פּירות רייפע שווערן
אין גינגאָלד פון דער זון.
זיי רייפן זיך און מערן
מיט דעם קריי פון האָן.

ביז אַלע נעמען פאַלן,
און דו — אויך מיט זיי...
צום וויטיק און צום גאַלן
פון מיין האַרץ מיט ווי...

דו

דו לעבסט אין אַ תפיסה פון גרויע פיר ווענט.
דיין לעבן איז לאַנג שוין פאַרשוועכט און געשענדט.

דיין דמיון פאַר׳חשכט, דיין ראיה פאַרשטעלט.
דיין לעבן צעבראָכן — א חרובע וועלט.

און פינצטערט מיט חשך און גליווערט מיט קעלט,
און מאַטערט אָן אויפהער דיין גוף און פאַרשעלט

דיין היינט און דיין מאָרגן, צו לעבן אין שרעק,
אין שרעק פון צעפאַלן אין שטויב אויף דעם וועג

צו גאָט, דיין באַשעפער — די זעונג אין ליכט,
וואָס קומט-אָן מיט שטורעם און פאַלט אומגעריכט...

פון ווייטן

איך זע דיך פון ווייטן
געשמידט צו אַ בעט:
אַן איוב וואָס פיבערט
מיט זעונג, און רעדט

צו גאָט — דעם גערעכטן...
ער שטראָפט דיך און פּלאָגט
ביים לעבן, דיין עכטן —
פאַרפייניקט, פאַריאָגט

פון שוועסטער און ברידער,
פון היים און פון וואָרט;
אין אויפזונג פון לידער, —
פאַרשוועכט, אויף אַן אָרט

צו ליגן אַ שטומער
מיט צער אין קלעם,
און רימען, אַ פרומער,
אַן ווערטער גאָטס שם.

דיין בעט

דיין בעט איז דיין עקדה,
דיין טאַטע — מער נישטאָ...
דו ביסט שוין לאַנג אַ זיידע,
מיד און אַלט און גראָ...

דו ווייסט דו ביסט פאַר'משפּט,
ס'איז קלאָר פאַר דיר דער גזר:
פון וואָרט צו זיין פאַרראַטן,
געשלאָגן זיין פון צער.

נישטאָ קיין גוטער מלאך,
קיין שעפּס איז אויך נישטאָ,
פאַרבייטן דיך, דערלייזן
אין גורלדיקער שעה...

אויף בעט דו ליגסט פאַרצאָרנט,
פאַרראַטן און פאַרשוועכט.
פאַר'גולמט און פאַרדאָרנט,
פאַרפּייניקט אומגערעכט.

פונוויטן

איך זע דיך פונוויטן
אין צער, אין קלעם,
אַ שטילן, אַ צאַרטן
מיט הייליקן שם

אויף ליפּן, אויף דיינע,
אין אויגן אַ טרער,
אָן יאוש, אָן טענה
צום גורל, כאָטש שווער

ער דריקט דיך און שטיקט דיך
אַזוי זיך אָן טרייסט,
אָן קייטן געבונדן
דאָ זיין, נישט דערלייזט.

ביי דיין עבודה

דער זאַל איז פאַר׳יום-טובט מיט ליכט
פון פנימער צעשטראַלט.
צום כבוד פון פּאָעט —
געקומען יונג און אַלט.

ס׳זיצן יידן
צו די שטולן צוגעשמידט,
זיי גאַפן, לעבן זיך אריין
אין ריטעם פון דיין ליד.

דו לייענסט מיט הארץ, נשמה,
און פיבערסט אוים פאַר זיי
דעם חלום פון אַ לעבן,
צאַרט און ווייס ווי שניי.

דיינע אויגן — גרין-און-בלויע,
פלאַמען מיסטיש און פאַרטרערט,
ביי דעם אויפלויכט פון דער זעונג
אין דיין ליד וואָס יערט און יערט...

און צעהויכט זיך ווי אַ טורעם,
וואָס דערהויבט זיך גרוים און שיין,
ביי דיין חלומען דיין חלום
אויף דער וואָר, פאַר גרוים און קליין.

דו באַוועגסט זיך צאַרט און איידל
און דיין קול פֿאַרכאַפּט מיט ברען,
די וואָס זיצן דאָ און הערן
דיך, באַוווּנדערן און זעען.

ווי דו שטייסט ביי דיין עבודה
און דו פֿיבערסט אויס דיין ליד
פֿאַר דעם פֿאָלק, וואָס ליבט און רימט דיך,
ווערט פֿון דיר גאָר קיינמאָל מיד.

דו באַוועגסט זיך ווי אין חלום.
מיט דיין עכטקייט דו באַצווינגסט
די, וואָס זיצן דאָ בשלום —
די וואָס אין דיין ליד באַזינגסט.

פאַרשטערטער יום טוב —

מיר וואַרטן געדולדיק
אויף דיר, אויף דיין קומען,
ווי חסיד אויף רבין —
דעם צדיק, דעם פרומען...

דער עולם באַוועגט זיך
מיט נייגער, ווי תמיד.
ער רעדט דאָ מיט ליבשאַפט
פון דיר, אין זיין אומעט.

„אָט גייט ער, אָט קומט ער" —
עס הערן זיך רופן.
פון מזרח, פון מערב,
פון דרום און פון צפון.

עס עפנט די טיר און
פאַרמאַכט זיך אָן אויפהער,
נאָר דער וואָס דאַרף קומען —
צי גייט ער, צי קומט ער?

עס לויפן די זייגערס,
דער עולם ווערט מידער.
דער דיכטער — ער קומט נישט,
עס שטומען די לידער...

פאַרשטעלט

דער דיכטער לעבט פאַרשטעלט
אין יעדן גילגול.
ער טוט וואָס אים געפעלט,
ווי פאַר אַ שפיגל.

זיין צער איז גרעסער
פון דיינעם — טיפער.
ער חבר׳ט זיך מיט גאָט,
צו אים בלויז רופט ער,

ווען אים איז שלעכט, ווען אים
איז גוט אפילו! —
אין לידער פון לויבן,
צאַרטע און שטילע.

זיין ליבע און זיין האַס —
פאַרברידערט אינאיינעם,
אין ערנסט און אין שפּאַס,
ווי קיינמאָל ביי קיינעם...

די רו און די אומרו
באַהערשן אים תמיד.
זיין לעבן — אַ חלום —
באַזעלט איז מיט אומעט.

דיין גורל און איך

איך וויין אויף דיין גורל
צו ליגן אין בעט,
פאַר זינד נישט באַגאַנגען
פון דיר — מיין פּאָעט.

איך זע דיך אַ ריינעם
פון זינד נישט באַפלעקט.
אָן טענות צו קיינעם,
אַנטבלויזט און אַנטפּלעקט

צום אמת פון לעבן
פון דיינעם, אָן שרעק,
א לעבן פון געבן
אליין זיך אַוועק...

איך זע דיך אין צער
פון שווייגן פאַרשטומט.
אַ לייב ליגט געבונדן,
צעווייטיקט, פאַרקרומט,

און כ׳וואַך ביי דיין בעטל
אין שכנות מיט צער,
דיין גורל צו טיילן
צווישן וועגט אָט דאָ פיר.

גּעבעט

אַ גיב מיר די זכיה
צו זיצן ביים בעט,
ביים בעט פֿון מיין ליבלינג —
דעם קראַנקן פּאָעט,

וואָס פּלעגט מיך דערהויבן,
דערהויבט מיך איצט אויך —
מיט פּאַטאָס, מיט גלויבן,
צו זעלטענער הויך.

די זכיה צו טיילן
זיין צער אָן טרייסט,
דעם צער פֿון אומקום,
פֿון זיין נישט־דערלייזט...

נישט קענען פֿאַרקריצן
מיט צויבער פֿון וואָרט,
זיין זעונג — די לעצטע,
אויף הייליקן אָרט.

ווו ער איז פֿאַר'משפּט
פֿאַרגאַנצן זיין גאַנג,
דעם לעצטן און ערנסטן —
מיט שטומען געזאַנג...

דו מוזט נאָך קומען

דו מוזט צו מיר נאָך קומען,
מיר מוזן זיך נאָך זען —
געהערט האָב איך דיך זאָגן,
אין שפּעטסטער שעה אליין.

דער ראַנד האָט זיך געראוויטלט,
דער טאָג איז שטיל אַוועק.
די נאַכט האָט מיך געטראָפן
זיך יאָגן אויפן וועג.

כ׳האָב יעדן אויסגעמיטן —
צו דיר געאײַלט זיך גיין,
ווי קיינמאָל אין מיין לעבן
געגאַרט דיך הערן, זען.

דער וועג האָט זיך געצויגן
צווישן באַרג און טאָל,
און איך בין ווי געפלויגן
און נאָכגעפאָלגט דיין קול.

ביז ענדלעך כ׳בין געפאַלן
אַ מידער אויף דער ערד,
און באַלד געגומען גאַלן
אויף גורל, מיר באַשערט:

נישט קענען דיך דערגרייכן
און דיך נישט קענען זען,
ווי הימלען אין די הייכן
וואָס קיניגן אליין.

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק זענען ביז היינט דערשינען פאָלגענדע ביכער:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
יוסף ראָזען	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאַטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
אפרים שרייער	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
י. לעשצינסקי	דאָס פּנים פון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פּאַט	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון ווײ און גלויבן
דוד זאַקאַלניק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך

מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יהושע גלבוע	אויף די חורבות פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד (העברעיש)
יחיאל האָפּער	ר׳ זלמן
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
נ. ניר־ראַפּאַלקעס	ערשטע יאָרן
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
דוד פלאַסקער	אידעישע שלימותן און האַלבע אמתן
ש. וואַרזאַגער	ברויט (ראָמאַן)
בעריש ווײַנשטיין	אין דוד המלכס גיטער (פּאָעמע)
לוי פּאַפּיערניקאָוו	אין דער נײַער היים
אברהם ליס	היים און דויער — עסייען
נ. כאַנין	בערעלע (העברעיש)
י. זרבבל	עלי חיים (העברעיש)
ד״ר ח. שאָשקעס	מיט יידן צווישן אינדיאַנער, נעגער און אַראַבער
משה ווײַסמאַן	אַ האַלבער יאָרהונדערט אין אַמעריקע
אפרים אויערבאַך	ווײַסע שטאָט — העברעיש־יידיש

ביז איצט דערשינענע ביכער פון יחזקאל בראָנשטיין

לידער:

פון דער פרעמד — 1929

וואגאבונדיאדע — 1935

לידער פון אַ וואגאבונד — 1940

צווישן טאָג און נאַכט — 1949

דריי פרויען־פּאָעטן פון מאָדערנעם יאַפּאַן — 1952

עסייען:

אימפּרעסיעס פון אַ לייענער — 1941

געהיימשטאָט פון אברהם סוצקעווער — 1952

יאָ און נישט — ניין — 1953

אונטער איין דאַך — 1956

E. BROWNSTONE

350 No., Sweetzer Ave, Los Angeles 48